STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06766

GEKLIBENE SHRIFTEN

Johann Wolfgang von Goethe

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



י. וו. געטהע.

געקליבענע

שריפטען

— פון —

י. וו. געטהע

איבערזעצט פון

ד. מ. הערמאלין

ערשטער באנד

היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני
83-85 קאַנאַל סטריט, ניו יאָרק.
1911.

COLLECTION OF WRITINGS

by

I. W. GOETHE

Translated into Yiddish by D. M. HERMALIN.

Copyright 1911,
Hebrew Publishing Company
New York.

אינהאלט פערצייכניס

געטהע'ס ביאָגראַפיע ....

ווערטהער'ס לײדען .... 53 — 1

דאָס מײַרכען .... 199—155

געטהע'ס ביאָגראַפיע

(1)

געטהע'ס ביאָגראַפיע

געטהע'ס ביאָגראַפיע קען געשריעבען ווערען אויף צוויי אופנים: ערשטענס, ווען ער איז געבאָרען געוואָרען, ווען ער איז געשטאָרבען, די הויפּט פּאסירונגען פון זיין לעבען, און אייניגע בעמערקונגען איבער זיין ווירקען און שאפען; צווייטענס, אריינקריכען טיעף אין זיין נשמה, אין דער נשמה פון זיינע ווערק, זיי אנאַליזירען ריכטיג, גענוי און אקוראַט אָבשאַטצען זייער ווערט; פאר דער וועלט; דערצעהלען איבער געטהע'ס גרויסקייט און ווי מיר קענען איהם קלאַסיפיצירען.

איידער מיר געהען ווייטער מוזען מיר באַלד בעמערקען, אז פון דעם צווייטען אופן זאגען מיר זיך אָב. פון אזא שטאַנדפּונקט קענען מיר איהם ניט שילדערן. און אום ניט צו זיין שטארק בעשיידען, וועלען מיר נאָך מוסיף זיין, אז ניט בלויז מיר קענען דאס ניט טהון, נאָר אפילו זיינע בעריהמטע ביאָגראַפען זיינען דאס אויך מודה, אז זיי זיינען ווייט פון אזא אָבשאַטצונג.

געטהע איז ווי א גרויסער און ריעזיגער בארג, אויף וועלכען מיר זיינען געשטאַנען. שטעהענדיג אויפ'ן בארג, איז אונמעגליך אָב־צושאַטצען זיין געוואַלטיגקייט, זיין אויסעראָרענטליכקייט. מיר מו־זען אוועק אויף א ציעמליך ווייטער שטרעקע פון איהם, אום זיך צו קענען מאכען א בעגריעף ווי הויך דער בארג איז, ווי אזוי ער שפּאַלט מיט זיין קאָפּ די הימלען, ווי די וואָלקענס רוהען אויף זיין האלז, ווי די זונן מיט דער לבנה בעהאַלטען זיך אין זיין שוים.

אזא בעגריעף קען מען נאָר האבען, ווען מען שטעהט שטארק דערווייטערט פון דעם ריעזען־בארג, און ווייל מיר זיינען נאָך ניט אזוי ווייט פון איהם, דערפאר קענען מיר ניט געבען די ריכטיגע אָב־שאַטצונג פון געטהע'ן.

אויבערפלעכליך קענען מיר נאָר בעהויפּטען, אז ער פּאַסט זיך

אין דער רייהע פון האָמער, דאַנטע און שעקספּיער, אבער, ווי גע־זאגט, זיינען מיר נאָך ניט גענוג ווייט פון איהם דאס צו קענען גענוי בעשטימען.

מיר וועלען דערפאר שילדערן געטהע אויף דעם ערשטען אופן, און דער לעזער וועט זיך דארפען דערמיט צופריעדען שטעלען, ווייל בעסער קענען מיר ניט.

יאָהאַנן וואָלפגאַנג פאָן געטהע איז געבאָרען געוואָרען אין יאהר 1749, און איז געשטאָרבען אין יאהר 1832. ער האט אלזאָ דער־גרייכט די הויכע עלטער פון 83 יאהר. ער איז געבאָרען געוואָרען אין פראַנקפאָרט, אם 28טען אויגוסט. זיינע עלטערן זיינען געוועזען בירגער און איינוואוינער פון דיעזער שטאדט, און וואָלפגאַנג איז גע־וועזען זייער איינציגער זוהן און עלטסטעס קינד.

זיין פאטער איז געבאָרען געוואָרען אם 31טען יולי, 1710, און אין 1742 האט ער ערהאַלטען דעם טיטעל „קייזערליכער ראַטה.” ער האט געהייראַטה אם 20טען אויגוסט, 1748, ווען ער איז שוין אַלט געוועזען 38 יאהר. זיין פרוי איז געוועזען א געוויסע קאַטהערינע עליזאַבעטה טעקסטאר, א מיידעל פון 17 יאהר. איהר פאַמיליע איז געוועזען פון א גרעסערען יחוס.

אין מאָנאַט דעצעמבער, 1750, האט געטהע'ס מוטער געבאָרען א טאָכטער, קאָרנעליא, וועלכע האט געלעבט בלויז 27 יאהר, אבער ביז צו איהר ענדע, איז זי געוועזען איהר ברודער'ס בעסטער פריינד און קאָמפּאַניאָן. אין יאהר 1773 האט זי געהייראַטהעט יאָהאַנן געאָרג שלאָסער.

דאס הויז, וואו געטהע איז געבאָרען געוואָרען, קען מען נאָך זעהען עד היום הזה אין פראַנקפאָרט. אין זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע דערצעהלט געטהע, ווי דאס הויז איז געבויט געוואָרען. זיין ערשטע בילדונג, וואס ער האט גענאָסען, איז געוועזען אַן אונרעגעלמעסיגע. זיין פאטער האט איהם בלויז ערמוטהיגט צום לערנען, אבער ניט געצוואונגען. אבער די אַטמאָספערע, מיט וועלכער ער איז געוועזען ארומגערינגעלט, האט פאר איהם געגעבען מעהר בילדונג ווי צוואַנ־ציג שולען.

דער קליינער געטהע האט געהאט ווענינ געלעגענהייט זיך צו בעגעגענען מיט קינדער פון זיינע יאהרען און ווארטען אויף א נאַטיר־

ליבע און לאַנגזאַמע ענטוויקלונג. ער איז באַלד אריינגעוואָרפען געוואָרען אין דער געזעלשאַפט פון עלטערע מענשען, וועלכע זיינען צו איהם געקומען מיט צייטיגע אידעען. זיין פאַטער איז געווען א שטרענגער מענש און ליעב געהאַט פאָרמאַליטעט; דאס הייסט, אַלעס זאָל זיין אַקוראַט אזוי „ווי עס דאַרף צו זיין.„ ער האט גלייך פערלאַנגט, אַז זיין זוהן זאָל זיך פיהרען ווי „גרויסע מענשען" און זיך פעראינטערעסירען אין די פראַגען פון טאָג. זיין מוטער איבערהויפּט האט איבער איהם געהאַט א גרויסע השפעה. זי איז געווען פון א זעהר לעבהאַפטע נאַטור, שאַרפזיניג, וויטציג, און, מען מעג מיט רעכט זאגען, אַז זי האט געהאַט א היבשען חלק אין איהר זוהן׳ס נשמה, הן מצד נאַטור בירושה, הן מצד איהר איינפלוס אויף זיין יוגענד.

אין שטאָדט האט מען איהם געהאַלטען, אָדער זיינע עלטערן האַבען איהם געמאַכט מען זאָל איהם האַלטען, אַלס פאָלשטענדיגער מענש, און ער האט גענומען א היבשען אַנטהייל אין אַלעס, וואס עס איז פאָרגעגאַנגען צווישען ערוואַקסענע מענשען.

אויף אַזאַ מענשען, אין יענע יאהרען, האבען געקענט ווירקען גרויסע שטעדט, אום איהם אַוועקצונעהמען, אבער לאָנדאָן האט בעלאַנגט צו ענגלאַנד, פּאַריז צו פראַנקרייך, בערלין איז געווען צו אָרעם, און וויען איז געווען מעהר איטאַליעניש ווי דייטש.

זיינע עלטערן האבען געוואָלט און איהם אויך אזוי איינגערעדט, אַז ער דאַרף אויסשטודירען אין דער אוניווערזיטעט פון פראַנקפאָרט, נעהמען דעם טיטעל דאָקטאָר דער רעכטע, ווערען אַן אדוואָקאַט, דאַן הייראַטהען מיט א רייכער כלה, דורכגעהען אַלע ציווילע עמטער, ירשה׳ענען זיין פאַטער׳ס הויז, און אין דער צוקונפט פּיעללייכט ווערען דער בירגערמייסטער. דאס איז געווען די גאַנצע אַמביציע, וואס מען האט אין איהם איינגעפלאַנצט, קיין העכערעס האבען זיינע עלטערן ניט פערלאַנגט.

זיין היים האט בעלאַנגט צו דער אַריסטאָקראַטיע מיט א פיינעם געשמאַק. זיין פאַטער האט ליעב געהאַט און איז אויך געווען א מבין אויף קונסט. נאָך מעהר, אַבוואָהל דאַמאַלס איז דאס ניט געווען אין דער מאָדע, האט ער זיך אויך פעראינטערעסירט אין דייטשער פּאָעזיע — דייטשע פּאָעזיע, געשריעבען אין דער פאָלקס־שפראַך.

לעססינג'ס איינפלוס האט מען נאָך דאמאלס ניט פיעל גע־שפירט; לעססינג, דער דייטשער דיכטער, וואס האט געוואגט אָנצו־שרייבען א „נאַטהאַן דער וויזע" און די „יודען," ווי אויך א רייהע פונדאַמענטאַלע ריין דייטשע קלאַסישע ווערק, האט נאָך ניט געמאַכט דעם איינדרוק אויף די דייטשען. הערדער, דער צווייטער דייטשער דיכטער פון יענער צייט, איז אין גאַנצען עלטער געווען פון געטהע'ן מיט פינף יאהר. די צוויי דיכטער, וואס האבען דאמאלס יא געפו־נען אנהענגער אין דייטשלאַנד, זיינען געווען געללערט און גאָטטשעד. גאָטטשעד איז געווען א פעדאַנטישער פראָדוקט פון דער עלטערער פראַנצויזישער קולטור, נאָכקרימענדיג וואס מען האט דאמאלס גע־זאגט אין פראַנצויזיש און דאס איבערגעמאַכט אויף דייטש. געל־לערט ווידער איז גלאט אזוי געווען אַלט און אונבעוועגליך און בשום אופן ניט געוואָלט פערשטעהען דעם נייעם גייסט.

פון דעסטוועגען האט געטהע פון געללערט'ן דאָך עפּעס געלע־רענט, וואס איז ביי איהם פערבליעבען אויפ'ן גאַנצען לעבען, און דאס איז א ריינע און שעהנע האַנדשריפט, וואס געללערט האט גערעכענט פאר „מאָראַלישער עקסעלענץ."

געטהע'ס פאטער האט געהאט א טיעפען רעספּעקט פאר דיעזע דיכטער און ער איז געווען דורכאויס געגען די מאָדערנע. דערפאר, ווען געטהע האט געלעזען קלאָפּשטאָק'ס „מעססיאה" (משיח) צוזא־מען מיט זיין שוועסטער, האבען זיי זיך געמוזט בעהאלטען בחדרי חדרים, מען זאָל זיי חלילה וחס ניט ענטדעקען.

פראַנצויזיש און פראַנצויזישע ליטעראַטור איז דאמאלס געשטאַ־נען אָן דער שפּיטצע, און קיינער האט ניט געהייסען „א מענש פון דער צייט," ווען ער איז ניט געווען בעקאַנט מיט דער פראַנצויזישער ליטעראַטור און ארויסגעוויעזען דעם איינפלוס, וואס זי האט געמאַכט אויף איהם. עס איז אַלזאָ אונמעגליך געווען, אז זאָגאַר געטהע, דער צוקינפטיגער גרויסער דייטשער אָריגינעלער דיכטער, זאָל לויז ווערען פון דיעזען איינפלוס.

אין דעם זיעבען־יעהריגען קריעג, וואס האט דאמאלס געוויטהעט, האט פראַנקרייך זיך געשטעלט געגען פריעדריך דעם גרויסען. פראַנק־פאָרט איז געווען געפּאַקט מיט פראַנצויזישע סאָלדאַטען, און א גע־וויסער גראַף טהאָראַן, וואס האט געהאט דאמאלס זיין קוואַרטיר אין

געטהע'ס הויז, האט זיך אינטערעסירט מיט דעם אינגעל געטהע און איבערגעלאָזען א טיעפען איינדרוק. דאַן האט ער בעגעגענט א טרופּע פראַנצויזישע אַקטיאָרען, וועלכע ער האט קענען געלערענט אי אויף דער ביהנע, אי אין פּריוואט לעבען. זיי האבען אויף איהם געהאט נאָך א גרעסערען איינפלוס. ער האט זיך אזוי אויסגעלערענט צו דע־קלאַמירען אויסציגע פון ראַסין'ס דראַמאַטישע ווערק אין פראַנצויזיש, ניט פערשטעהענדיג א וואָרט דערפון. שפּעטער, ווען ער איז געוואָ־רען א מייסטער אויך אין פראַנצויזיש, האט ער געשריעבען אי פּראָ־זא, אי פּאָעזיע אין דיעזער שפּראַך. אבער זיינע ערשטע שריפטען זיינען געווען נאָכאַהמונגען פון די פראַנצויזען; זיין ערשטע דראַמע איז געווען א פאָלשטענדיגע נאָכקרימעכץ פון די דאַמאָלסדיגע פראַנ־צויזישע ביליגע דראַמען.

יעצט ווען מיר זעהען וואס די פערשיעדענע איינפלוסען אויף זיין יוגענד זיינען געווען. פון זיין פאטער האט ער גע'ירשה'ט א פעסטען כאַראַקטער, וואס האט איהם געגעבען די מעגליכקייט נאָכצופאָלגען אן אונאַבהענגיגע קאַריערע אין לעבען פון זעלבסט־אויסבילדונג און זיך איבערגעבען צו דער קונסט, ניט אכטענדיג די פערשיעדענע שטערונגען, וואס זיינען געקומען אין זיין לעבען; פון זיין מוטער האט ער גע'ירשה'ענט די פרעהליכע, לעבהאַפטע און סימ־פּאַטהישע נאַטור, די פליסיגע שפּראַכע און נייגונג צום דערצעהלען, אָהן וועלכען מען קען ניט זיין קיין דיכטער. איידער ער איז אַלט געוואָרען זעכצעהן יאהר האט ער זיך שוין בעטהייליגט אין אַלעמען, וואס איז ערנסט פּאַרגעקומען אין א גרויסער און לעבעדיגער שטאָדט.

ביז צו יענער צייט, אָדער ביז צו זיין פופצעהנטעס יאהר, האט נאָך געטהע געלעבט, ווי מען זאגט, א פּאַסיוועס לעבען, נאָר פון דאַ־מאָלס אָן האבען אָנגעפאַנגען זיינע געפיהלען זיך ארויס צו ווייזען; צום ערשטען, נאַטירליך, ווי ביי אַלע פּאַסיאָנירטע דיכטער, אין ליעבע.

אויב מיר מעגען טרויען זיין אויטאָביאָגראַפיע, וואס ער רופט „וואהרהייט און דיכטונג," דאַן האט ער, צו פופצעהן יאהר, אָנגע־פאַנגען צו ליעבען גרעטכען, אָדער מאַרגאַרעטע, וועלכע איז געווען די שעהנע טאָכטער פון א פּראָסטען קרעטשמאַר אין אָפּפענבאַך, ער האט זי ניט נאָר פערעהרט, זאָנדערן אויך פערגעטערט אין דער

שטיל. זי וויעדער האט איהם איינפאַך בעטראַכט פאר א קינד און איהם אויך אַזוי בעהאַנדעלט. זאַנסט איז וויטער גאַר ניט בעקאַנט איבער דיעזער ליעבע, און עס איז מעגליך, אַז אין דיעזער שילדערונג, האט געטהע אריינגעלעגט מעהר דיכטונג ווי וואהרהייט. זיינע ער־שטע ליעבעס־בריעף רעדען גאַר פון א געוויסער קאַריטאַס מייקסנער, זיין שוועסטער'ס א פריינדין, צוויי יאהר אינגער פון איהר און די טאָכטער פון א רייכען קויפמאַן אין וואָרמס.

אָט אין דיעזע בריעף דערקענט מען דייטליך דעם פראַנצויזישען איינפלוס איבער איהם. ער רעדט איבער איהר מיט דעם גאַנצען פייער פון דער דאַמאָלסדיגער פראַנצויזישער פראַזיאָלאָגיע, און די ליעבע צו איהר, ווי עס שיינט, האט זיך ניט אָבגעקיהלט, אפילו ווען ער איז אוועק קיין לייפּציג. קאַריטאַס האט זיך פון דעסטוועגען גע־טרייסט דערמיט, וואָס זי האט זיך פערלאָבט פאר אַן אַנדערן מאַן. זי האט, אין יאהר 1773, געהייראַטעט א קויפמאַן פון איהר שטאַדט, וועלכער איז געשטאָרבען דאָס נעכסטע יאהר.

אין ענדע 1765, ווען געטהע איז אַלט געוואָרען זעכצעהן יאהר, איז ער געפאהרען קיין לייפּציג צוזאַמען מיט א ביכער־הענדלער, א געוויסער פליישער, און זיין פרוי, וועלכע זיינען געפאהרען אויפ'ן יריד.

מען האט געטהע'ן דאָן אויפגענומען אַלס א מיטגליעד פון דער בייערשער אוניווערזיטעט. ער האט געהאַט צוויי שעהנע צימערן אַלס זיין לאָזשע, און אַזוי האט ער פערבראַכט דריי יאהר אין שטודיום.

ווי מיר האבען שוין בעמערקט, האט זיין פאַטער געוואָלט ער זאָל שטודירען אדוואָקאַטור, און צו דיעזען צוועק האט ער איהם אויך געשיקט קיין לייפּציג. צו דיעזען צוועק האט ער מיטגעפיהרט א ספּעציעלע רעקאָמענדאַציאָן צו פּראָפעסאָר בעהמע, וועלכער האט אונטערריכטעט געשיכטע און קייזערליכעס געזעטץ, אבער געטהע האט איהם געזאָגט, אַז ער וויל זיך ניט אָבגעבען מיט דעם געזעטץ־שטודיום, נאָר מיט בעללעטריסטיק, אָדער ליטעראַטור. בעהמע, צו־זאַמען מיט זיין פרוי, האבען אָנגעווענדעט אַלעס מעגליכע, איהם אָב־צואָווענדען דערפון. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, וואָס געטהע איז אַזוי ערביטערט געוואָרען, אַז ער האט אָנגעהויבען צו פעראַכטען

די גאַנצע דייטשע ליטעראַטור צוזאַמען מיט דעם, וואס ער האט שוין אליין געשריעבען; ער האט זיך דאַן אריינגעשליידערט אין דער זאַ־גענאַנטער געזעלשאַפט, וואו ער האט אויסגעבראַכט זיין געלד.

פון דעסטוועגען איז ער געגאַנגען הערען מאַנכע פאָרטרעגע. דאָרט האט ער זיך אויך בעקענט מיט געללערט׳ן. ער האט עס גע־ראַטהען געטהע׳ן אויפצוגעבען די פּאָעזיע און זיך נעהמען צו פּראָזא, און ער זאָל בעטראַכטען די דיכט־קונסט אָדער שרייב־קונסט אלס א צייט־פערטרייב, אָדער נעבען־פּראָפעסיאָן, צו א ריכטיגער ערנסטער בעשעפטיגונג.

לויט ווי געטהע שילדערט אָב יענע צייט, האט געללערט דאַ־מאָלס געשפּיעלט א געוואַלטיגע ראָלע מיט זיינע פאָרטרעגע איבער קונסט, ליטעראַטור און געשמאַק; פון דעסטוועגען האט ער קיינמאָל ניט דערמאָהנט די נעמען פון די אמת׳ע דייטשע קלאַסיקער קלאָפּ־שטאָק, קלאַסט, וויעלאַנד אָדער לעססינג. געטהע האט אויך געהערט די פאָרטרעגע פון אַן אַנדערן פּראָפעסאָר, קלאָדיוס, א יונגער מאַן, מיט צעהן יאהר עלטער ווי געטהע. קלאָדיוס פלעגט קאָריגירען גע־טהע׳ס שריפטען מיט רויטע טינט. ער האט געהאַט א טבע איהם אָנצוצייגען די חסרונות, אבער ער האט איהם ניט געוויעזען ווי דיעזע צו פערריכטען.

אין יאהר 1766, האט געטהע געשריעבען א פּאָעמאַ, וועלכע איז געוועזען א בעגריסונג צו דער הייראַטה פון זיין אָנקעל טעקסטאָר, און ווי די מאָדע איז געוועזען אין יענע צייטען, האט די פּאָעמאַ גערעדט איבער געטטער און געטטינען און אַנדערע מיטהאָלאָגישע פיגורען. קלאָדיוס האט שטאַרק קריטיקירט דיעזע פּאָעמאַ. געטהע האט אבער בעמערקט, אַז זיין קריטיקער האט גראָדע אזעלכע חסרונות ווי ער אליין, ווייל ער האט זיך בעדיענט מיט אבסטראַקטען און ווילדע פרעמדע ווערטער, אום צוצוגעבען מעהר אויטאָריטעט צו דעם, וואס ער בעהויפּטעט. ער האט דאַן אָנגעשריעבען א סאַטירע איבער זיין קריטיקער כלומר׳שט אין דער פאָרמע פון א לויב־געזאַנג צו די טאָר־טען פון דעם בעקער און צוקערניק הענדעל.

אין אַלגעמיין איז זיין האַלטונג און זיינע פערהעלטניסע צו דער פּראָפעסיאָן פון דער אוניווערזיטעט, ניט געוועזען קיין זעהר גוטע. זיין אוניווערזיטעט׳ס בילדונג האט ער גאָר גענאָסען צווישען פריינד,

דער ערשטער צווישען זיינע פריינד, איז געווען י. ג. שלאָססער, וועל־כער האט שפּעטער געהייראַטהעט זיין שוועסטער. געטהע פלעגט מיט איהם עססען ביי א וויינהענדלער, א געוויסער שעהנקאָפּף. שלאָס־סער, וואָלכער איז דאַמאָלס געווען פּריוואַט־סעקרעטער ביים פירסט פון ווירטעמבערג און דער לעהרער פון זיינע קינדער, איז אויך געווען מיט צעהן יאהר עלטער ווי געטהע. ער האט געהאַט א גרויסען איינ־פלוס איבער איהם, איבערהויפּט דערמיט, וואס ער האט איהם בעססער בעקאַנט געמאַכט מיט די דייטשע, פראַנצויזישע, ענגלישע און איטאַ־ליענישע דיכטער. ביים טיש פון פּראָפעססאָר לודוויג, וואו געטהע האט שוין פריהער אויך געגעסען, האט דאס געשפּרעך זיך אומגע־ווענדעט איבער מעדיצין און אלגעמיינע וויסענשאַפטליכע שטודיען.

נאָך א פריינד האט געטהע געהאַט, א געוויסען בעהריש, לעהרער ביים יונגען גראַף לינדענאַו. ער, בעהריש, איז געווען א מענש אין די מיטעלע יאהרען און ער האט אין זיך פעראייניגט די אָריגינאַלי־טעט פון כאַראַקטער און די קלאָרקייט פון ליטעראַרישען אורטהייל. דערביי האט ער בעזעסען א היבשע ביסעל הומאָר, אונגעפעהר דאס־זעלבע ווי אין מערק'ן, וועלכער האט שפּעטער געשפּיעלט א גרויסע ראָלע אין געטהע'ס לעבען. בעהריש'עס פריינדשאַפט איז, פון אָנ־פאַנג, ניט געווען קיין גרויסער פערדיענסט פאר בעהריש'ן זעלבסט. ער איז בעשולדיגט געוואָרען, אז ער געפינט זיך ניט אין קיין גוטער געזעלשאַפט, דאס הייסט, געטהע האט זיך ניט גערעכענט ביי די „הויכע פענסטער," אלס א געווינשטע פּערזאָן. בעהריש האט דער־פאר אויך פערלאָרען זיין שטעלע. עס ווייזט זיך ארויס, אז די אור־זאַכע דערפון איז געווען געטהע'ס אונאַנגענעהמע בענעהמונג צו פּראָפעססאָר קלאָדיוס. געללערט האט דאַן געקריגען פאר בעהריש'ן א שטעלע אלס לעהרער אין פירסטערליכען הויף פון דעססאַו, און געטהע האט דאַן מיט איהם קאָררעספּאָנדירט ביז אין זיין טויט, אין יאהר 1809. בעהריש האט געראַטהען געטהע'ן ער זאָל נאָך ניט דרו־קען זיינע געדיכטע. עס שיינט, אז ער האט געהאַט א גרויסען איינ־פלוס אויפ'ן יונגען דיכטער דערמיט, וואס ער האט איהם געראַטהען און געלערענט, ער זאָל זיין אזוי פיעל איינפאַך און נאַטירליך, ווי ווייט מעגליך.

אבער דער וואס האט געהאַט דעם גרעסטען איינפלוס אויף גע־

טהע׳ן, איז געווען אדאם פרעדעריק עזער, דאמאָלס דירעקטאָר פון דער קונסט־אקאדעמיע אין לייפציג. געטהע האט גענומען ביי איהם לעקציאָנען אין צייכנען אָדער מאהלען. געטהע אליין שרייבט אזוי איבער עזער׳ס איינפלוס: „עזער׳ס ענטדעקונגען (אין דער קונסט), האבען מיר געגעבען א פרישע געלעגענהייט מיך אליין צו בענשען, וואס איך האב איהם געהאט אלס מיין לעהרער. ער האט געקענט אריין אין די טיעפענישען פון מיין נשמה, און איינער האט גאָר קיין נשמה ניט געהאט, ווען ער האט ניט פראָפיטירט פון איהם עפּעס א נוטצען. זיינע לעקציאָנען וועלען אימער האבען איבער מיר אן איינ־פלוס כל־זמן איך וועל לעבען. ער האט מיך געלערענט, אז דער אי־דעאל פון שעהנקייט איז איינפאכקייט און רוה.״

אזוי גיך ווי געטהע איז „צום שכל געקומען,״ אָדער געוואָרען „עפּעס א מענש,״ האט ער שוין געהאט א ליעבע. מען מעג זאגען, אז דורך דער לאנגער רייהע יאהרען, וואס ער האט געלעבט, איז ער אָהן קיין ליעבע ניט געווען. אין לייפציג האט ער געהאט קיטכען שעהנקאָפּף, אָדער ענכען פון זיין אויטאָביאָגראפיע, די טאָכטער פון דעם בעל־הבית, וואו ער האט געגעסען. זי האט זיך מיט איהם אָפט געררייצט דערמיט, וואס זי האט קאָקעטירט מיט אנדערע. פון דיע־זער ערפאהרונג שטאמט זיין ערשטע דראמע „דיע לאָונע דעם פער־ליעבטען.״ קיין גרויסען ליטעראַרישען ווערטה האט דאס ניט, אבער עס שילדערט אן אינטערעסאנטען מאָמענט אין געטהע׳ס יונגעס לעבען. א גאנץ אנדערן איינדרוק מאכט שוין די דראמע „דיע מיט־שולדיגען.״ דאָרט ווערט פאָרגעשטעלט, אז די טאָכטער פון א קרעטשמאָר האט געהייראטהעט ניט דעם ריכטיגען זיווג, און, נאָך דער חתונה, בעזוכט זי איהר פריהעריגער געליעבטער, וועלכער איז רייך. זיי מאכען א בעשטעללונג זיך צו בעגעגענען. די אונטעררע־דונג געשעהט ווערענד דער מאן הערט און זעהט. דער מאן גנב׳עט ז׳אן אוועק דעם געליעבטען׳ס בייטעל מיט געלד. דאן קומט אָן דער פאטער און, צוזאמען מיט זיין טאָכטער, ווערען זיי פערדעכטיגט אלס די גנבים. דער אמת־שולדיגער ווערט נאכהער ענטדעקט, אבער ער פערטהיידיגט זיך דערמיט, וואס ער בעשולדיגט דעם פרעמדען אין אונמאָראלישער אויפפיהרונג מיט זיין פרוי. דאן זיינען זיי אלע שולדיג.

דיעזע דראַמע, אין דריי אַקטען, איז פערעפענטליכט געוואָרען אין 1787. דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך נאָך עד־היום הזה.

אויסער דעם האט געטהע, זייענדיג אין לייפּציג, געשריעבען צוואַנציג קליינע ליעדער, וואס זיין פריינד ברייטקאָפּף האט גע־זעטצט אין מוזיק. ער אַליין, געטהע, בעשרייבט זיי אַלס געדיכטע פון מאַראַלישער תואה, אבער דער אמת איז, אַז זיי האבען ענטהאַלטען מעהר תאוה ווי מאַראַל. כמעט קיין איינציגעס פון זיי איז ניט איינגעשלאָסען געוואָרען אין דער אויסגאַבע פון זיינע ווערקע.

עס שיינט, אַז כאָטש געטהע איז נאָך געווען אזוי יונג, האט ער, פון דעסטוועגען, זיך אריינגעשליידערט אין אַ לעבען פון וויין, ווייב, געזאַנג, און דאס האט אויף איהם געמאַכט אַ שרעקליכע ווירקונג. פאר זיין אַברייזע פון לייפּציג, האט ער געהאַט אַ בלוט־שטורץ פון די לונגען, דאס האט געהייסען אַן אָנפאַל פון שווינדזוכט, אָדער גלאַט אזוי שוואַכע לונגען. אם 28טען אויגוסט, 1768, איז ער אוועק פון לייפּציג, אַ קראַנקער מענש. און דאס איז דאַמאָלס געווען ערשט זיין 19טער געבורטסטאָג.

געטהע איז פערבליעבען אָנדערטהאַלבען יאהר אין זיין געבורטס־שטאָדט, פראַנקפאָרט, אבער דאס איז געווען על אפי ועל חמתו. ער איז געווען שוואַך און קראַנק. עס האט געדויערט אַ היבשע צייט, ביז ער האט זיך צוריק ערהאָלט. נאָך זיין לונגען־קראַנקהייט האט ער געהאַט אַ שווערען אָנגריעף אויף זיין מאָגען, וואס האט איהם גע־מאַטערט אַ היבשע צייט.

די פראַנקפאָרטער געזעלשאַפט האט איהם פיעל וועניגער אמו־זירט, ווי יענע פון לייפּציג. פון דער פאַמיליע אַליין האט ער אויך קיין נחת ניט געהאַט. זיין גרויספאַטער, טעקסטאָר, איז פּאַראַלי־זירט געוואָרען; זיין פאָטער האט ניט שטאַרק סימפּאַטהיזירט מיט זיינע נייגונגען, און ער האט ניט געזעהען קיין בעסערע קאַריערע פאר איהם ווי דיעזע פון אַן אדוואָקאַט. זיין שוועסטער איז געוואָרען הארט און קאַלט וועהרענד זיין אבוועזענהייט. בלויז זיין מוטער איז געווען אימער דיעזעלבע מונטערע, ליעבענסווירדיגע און סימפּאַטהי־שע פריינדין.

בשעת געטהע'ס קראַנקהייט, האט אַ פריילין פאָן קלעטטענ־בורג, איהם געשענקט גרויסע אויפמערקזאַמקייט. זי איז געווען זיין

מוטער'ס א פריינדין און בעלאַנגט צו די פרומע און פאַנטאַסטישע נשמות פון יענע צייטען. זי האט דאס איהם בעקאנט געמאַכט מיט די זאָ־גענאַנטע קבלה־שריפטען און זי האט איהם פעראינטערעסירט צו שטודירען אַלכעמיע. דאס האט איהם געגעבען א היבשע ביסעל מאַטעריאַל פאר זיין „פאוסט," און אויך שפעטער פאר זיינע וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען.

וועהרענד זיין אַנוועזענהייט אין פראנקפאַרט, האט ער ווענינ וואס געשריעבען. דאַן האט ער אָבגערייזט קיין שטראַסבורג, דאס איז געווען אם 2טען אפּריל, 1770. זיין אבזיכט איז געווען, אַז זייענדיג אין שטראַסבורג, וועט ער מאַכען א רייזע קיין פאַריז און זיך דאָרט בעקענען מיט די זאַכען און מענשען, וואס האבען געקלונגען איבער אייראָפּאַ. ער האט פערווייַלט אין שטראַסבורג ביז צום 28טען אויגוסט, 1771, ווען ער איז אַלט געוואָרען 22 יאהר, און דיעזע 16 מאָנאַט אין שטראַסבורג, זיינען פיעללייכט די וויכטיגסטע אין זיין לעבען. וועהרענד דיעזער קורצער צייט איז ער געקומען אין בעריהרונג מיט אַלע אימפּולסען, וואס האבען נאכהער געשפּיעלט די הויפּט ראָלע אין דער ענטוויקלונג פון זיין זשעניע.

ווען מיר ווילען דאס בעגרייפען, דאַן מוזען מיר שטודירען זיינע פריינד. געגעסען האט ער אין הויז פון פריילין לאָוטה, אין דער קעממערגאַססע. ביים טיש זיינען מייסטענטהיילס געווען מעדיצינישע סטודענטען. אַן דער שפּיטצע פון זיי איז געווען זאַלצמאַן, אַן ערנסטער מענש פון א יאהר פופציג. זיין ערפאַהרונג און זיין פיינער געשמאַק, זיינען געווען א גרויסע אנציהונג פאר געטהע'ן, און ער האט איהם געמאַכט פאר זיין אינטימסטען פריינד. דאַן האבען די שטודיען פון זיינע קאָמפּאַניאָנען איהם אזוי אָנגעצויגען, אַז ער האט פערלאָזען זיינע אייגענע. ער האט אָנגעהויבען צו געהען הערען פאָרטרעגע איבער אַנאַטאָמיע, אַקושערסטוואָ און כעמיע. איבערהויפּט האט איהם פעראינטערעסירט די כעמיע.

אין דערזעלבער צייט איז ער געגאַנגען צו פרעהליכע אונטערהאַלטונגען, געשריעבען פראנצויזישע פּאָעזיע, זיך געלערענט טאַנצען און גענומען לעקציאָנען אין שפּיעלען וויאָלאָנטשעלאָ.

דאַן זיינען צוגעקומען נייע געסט צו פריילין לאָוטה'ס טיש. צווישען זיי איז געיוען יונג־סטיללינג, דער זעלבסט־געבילדעטער קוי־

לען־ברענער, וועלכער האט איבערגעלאָזען אַ פּרעכטיגע בעשרייבונג ווי געטהע האט אויסגעזעהען: זיין ברייטער שטערען, בליטהענדע אויגען און אזוי ווייטער. נאָך אַ גאַסט איז געווען אַ געוויסער לערזע, אַ מענש מיט אַן אויסגעצייכענטען כאַראַקטער, וועלכער איז געוואָרען געטהע'ס ליעבלינג. די וויכטיגסטע בעקאַנטשאַפט זיינע איז געווען די בעגעגענונג מיט הערדער'ן. ער, הערדער, איז געווען מיט פינף יאהר עלטער פון געטהע'ן. הערדער האט געריזט אַלס לעהרער פון דעם יונגען פּרינץ האָלשטיין־אייטין, אבער ער האט געמוזט צו־ברענגען דעם גאַנצען ווינטער אין שטראַסבורג, ווייל ער האט געלי־טען מיט זיינע אויגען. געטהע האט מיט איהם פערבראַכט יעדען טאָג. הערדער איז געווען דער יעניגער, וואס האט איהם געלערענט דעם ווירקליכען ווערטה פון נאַטירליכקייט אין דער קונסט און די פּרינציפּען פון דעם, וואס מיר וואָלטען יעצט אָנגערופען, אַ ראָמאַנ־טישע שולע.. הערדער איז געווען, וואס האט געעפענט געטהע'ס אויגען ארויסצוזעהען די ערהאַבענהייטען און שעהנהייטען פון די גרויסע וועלט־דיכטער און ער האט איהם ניט נאָר אָנגעצייגט דעם אמת'ן ווערטה פון אַ האָמער, זאָנדערן ער האט אין איהם אויך דער־וועקט דעם חשק צו בעגרייפען שעקספּיער'ן. געשטיטצט דאַרויף, האט געטהע דאַן געקענט שאַפען זיינע גרעסטע און בעריהמטעסטע ווערק.

צו בעדויערן אבער, אז געטהע'ן האט אָנגעצויגען בלויז די ליטע־ראַרישע געזעלשאַפט פון שטראַסבורג, וואָלט געווען אביסעל צו פיעל; דער אמת איז, אז ער האט זיך דאָרט פערליעבט אין פרעדע־ריקע בריאָן פון זעזענהיים. דאס שטעדטעל זעזענהיים געפינט זיך אַ צוואַנציג מיילען ווייט פון שטראַסבורג, און פרעדעריקע'ס פאַטער איז דאָרט געווען דער פּאַסטאָר. געטהע איז דאָרט פּאָרגעשטעלט גע־וואָרען דורך זיין פריינד וויילאַנד, אַלס אַן אָרעמער טהעאָלאָגישער סטודענט. ער האט דאַמאָלס נאָר וואס איבערגעלעזען דאס גייסט־רייכע ווערק דער „גייסטליכער פון וויקפיעלד," און, זעהענדיג דעם פּאַסטאָר פון זעזענהיים, האט ער דאס אויך בעגריעפען.

דער פּאַסטאָר איז געווען אַן איינפאַכער גוטער מענש; די עלט־סטע פון זיינע דריי טעכטער איז שוין געווען פערהייראַטהעט, די צוויי איננגערע זיינען נאָך געווען אין דער היים. איינע איז געווען

מאַריא זאַלאָמע, וואס געטהע האט אָנגערופען אָליוויא, און די צווייטע איז געוועזען פרעדעריקע, אין וועלכער געטהע האט זיך פערליעבט.

זי, פרעדעריקע, איז געוועזען הויך און צאַרט, מיט שעהנע בלאָנדע האאר, בלויע אויגען, און איז דאמאָלס אַלט געוועזען גראדע זעכצעהן יאהר. געטהע איז געוועזען איינפאַך פערצוויבערט פון איהר, און וואס ער האט געפֿילט, שילדערט ער פאר אונז אין א רייהע פון זיינע געדיכטע.

וועהרענד דעם ווינטער פון 1770, ווען ער האט זיך געקענט אָברייסען פון די קאָנווערזאַציאָנען מיט הערדער'ן, פלעגט ער ארויספאהרען קיין זעזענהיים. קיין שטורם, קיין קעלט, קיין פינסטערניש האט איהם געקענט אָבהאַלטען. ער האט דאמאָלס בעדארפט שטאַרק שטודירען פאר זיין אבהאנדלונג צו נעהמען דעם טיטעל דאָקטאָר. די טהעמא איז געוועזען: „די פליכטען צו אַן עטאַבלירטער קירכע.״ אבער פרעדעריקע איז געוועזען א גרויסע שטערונג פאר איהם. אין פריהלינג איז הערדער אוועקגעפאהרען. דאס הערליכע פריהלינגס וועטער האט אבער געטהע'ן נאָך מעהר געצויגען קיין זעזענהיים. פערשיעדענע אַמוזירונגען, שיפען זיך אויפ'ן וואסער, טאַנצען און ליטעראַרישע אונטערהאַלטונגען האבען אויסגעפיללט די וואָכען. אזוי ווי די צייט האט זיך דערנעהנטערט ער זאָל פערלאָזען זעזענהיים, האט געטהע איינגעזעהען, אז זיין ליעבע פאר פרעדעריקע'ן איז געוועזען בלויז א טרוים, און קען זיך ניט ענדיגען ערנסט. פרעדעריקע וויעדער האט געשפירט דאסזעלבע. א בעזוך, אין מאָנאט יולי, פון דער מוטער מיט די טעכטער אין שטראסבורג, האט דאס אַלעס נאָך דייטליכער געמאַכט. אין אָנפאַנג אויגוסט, האט געטהע ערהאַלטען דעם טיטעל „דאָקטאָר דער רעכטע.״

קורץ נאָכדעם, האט געטהע גענומען אבשיעד פון זעזענהיים. בשעת געטהע איז געזעסען אויף זיין פערד, האט ער אויסגעשטרעקט זיין האנד צו פרעדעריקע'ן, דאַן האבען זיך געשטעלט די טרערען אין איהרע אויגען.

פון פראנקפארט האט ער איהר געשריעבען זיין לעצטען „אדיע,״ און פון איהר ענטפער, לויט ווי ער דערצעהלט, האט ער ערשט אויסגעפונען, ווי הייס און ווי אויפריכטיג זי האט איהם געליעבט.

מיט אַכט יאהר שפּעטער, אויף זיין רייזע נאָך דער שווייץ,

האט ער פערבראכט א נאכט מיט דער פאמיליע בריאָן אין זעזענ־היים. ער איז עמפפאנגען געוואָרען מיט דער גרעסטער ליעבע און אכטונג. מען האט איהם געוויעזען דעם בוים, אונטער וועלכען ער איז געזעסען, די ליעדער וואס ער האט געשריעבען און דאס דראָש־קעלע, וואס ער האט געמאָהלען. גאנץ פריה איז ער פון דאָרט אוועק־געפאהרען צופריעדען.

פרעדעריקע האט געלעבט ביז אין יאהר 1813, גוט בעקאנט מיט איהרע וואָהלטהאטען. זי האט קיינמאָל ניט חתונה געהאט. דאס הארץ, וואס האט געליעבט געטהע'ן," האט זי געזאגט, „זאָל קיינמאָל ניט ליעבען קיין אנדערן."

ווען געטהע האט ווידער אמאָל צוריקגעקעהרט קיין פראנק־פאָרט, האט ער אויסגעפונען, אז ער וועט דאָרט ניט קענען פיעל פערבלייבען. ער האט איינגעזעהען, אז זיינע יוגענד־פריינד זיינען אוועק אויף אנדערע וועגען ווי ער, אז ער קען זיי ניט ליידען און זיי זיינען מיט איהם אויך ניט איבריג גליקליך. פון זיין פראָפעסיאָן אלס אדוואָקאַט האט ער ניט פיעל געהאלטען; איהם האט עס געצויגען צו ליטעראטור. דערוויל האט ער אויסגעפונען אין דער בע־נאכבארטער שטאדט, דארמשטאדט, א ליטעראַרישען קרוזשאָק, און ער האט בעשלאָסען זיך דאָרט צו בעזעטצען.

די לאנדגרעפין קאראָלינע האט זיך ארומגערינגעלט מיט גייסט־רייכע מענער און פרויען. אבער דער מיטעלפונקט פון דעם גאנצען ליטעראַרישען קרוזשאָק איז געווען מערק, דאמאָלס דרייסיג יאהר אלט און אָנגעשטעלט אין קריעגס־דעפּארטמענט. געטהע האט איהם פאָרגעשטעלט אין זיין אויטאָביאָגראפיע אלס א קאלטען און געפיהל־לאָזען ציניקער, א גייסט, וואס האט געזאגט אויף אלעמען „ניין," בקיצור, א מין מעפיסטאָפעלעס. די געשיכטע שילדערט אבער מערק'ן גאנץ אנדערש; ער ווערט פאָרגעשטעלט אלס א מענש מיט ג קולטיווירטען און זויבערן אורטהייל, אן אונטערדריקער פון ענטהו־זיאזמוס, א פערעהרער פון קונסט־רעגעלען, און אימער בעזאָרגט ווי אזוי צו שליעסען שלום צווישען דער אלטער און נייער שולע. געטהע האט בעהעררשט יעדען, וואס דאָרט איז געווען; מערק האט בע־הערשט געטהע'ן. מערק האט איבערגעלאָזען זעהר ווענינ פון זיינע איינענע שריפטען. ער איז געווען איינער פון יענע מענשען, וואס

האט נעקענט בעגייסטערן אנדערע און ארויסרופען דעם זשעניע ביי זיינע פריינד.

יענע עטליכע מאָנאט, וואס געטהע האט דאָרט פערבראַכט, זיי־נען געוועזן פול מיט ליטעראַטור טהעטיגקייט.

מיט אייניגע מאנוסקריפטען אין זיינע טאשען, האט ער, אין פריהלינג פון 1772, פערלאָזען פראַנקפאָרט און איז אוועק אין וועטצ־לאר, א רוהיגעס שטעדטעל, וואס האט דאמאָלס בעלאַנגט צו דער רוימיש־קאַטאָלישער אימפעריע. די קיסרים האבען געוואוינט אין וויען, געקרוינט האט מען זיי אין פראַנקפאָרט; זייערע פארלאַמענ־טען האבען זיי געהאַט אין ראַטיסבאָן און זייערע געריכט־הייזער זיינען געווען אין וועטצלאַר.

עס איז געווען דער מנהג פאר יעדען יונגען אדוואָקאט צו פראַק־טיצירען אין אזעלכע געריכט־הייזער איידער מען האט זיי ערלויבט צו פראַקטיצירען וואו זיי ווילען. דערפאר זיינען זיך צוזאמענגע־קומען אהין מעהרערע יונגע מענשען צו דעמזעלבען צוועק, און זיי האבען צוזאמענגעשטעלט א לעבהאַפטע געזעלשאַפט.

געטהע האט באלד געפונען גענוג פריינד. דער סעקרעטער פון דעם בראַנשווייגער קאָנסולאַט האט צוזאמענגעשטעלט א מין ריט־טער־טאפעל. די מיטגליעדער האבען זיך גערופען מיט די נעמען פון די אַלטע ריטטער און זיי האבען אויף זיך גענומען געוויסע דיסטריק־טען צום „פערטהיידיגען.‟ געטהע האט זיך גערופען „געטץ,‟ דער נאמען פון זיין בעריהמטען דייטשען העלד, אויף וועלכען ער האט אָנגעשריעבען זיין בעריהמטע דראמע „געטץ פאן בערליכנגען.‟ מען האט אזוי געגעסען און געטרונקען און זיך אמוזירט צוזאמען.

אבער וועטצלאַר האט נאָך אַן אנדערע בעדייטונג. ער דער־מאָהנט אונז אַן ווערטהער'ן, פון זיין „יונגען ווערטהער'ס ליידען.‟ דאס „דייטשע הויז,‟ וואס איז דאמאָלס געווען דאס אייגענטהום פון די ריטטער פון טעאוטאָנישען אָרדען, עקזיסטירט נאָך עד־היום אין דער הויפט גאַס פון וועטצלאַר. דאמאָלס האט דאָרט געוואוינט איי־נער פון די בעאַמטע פון אָרדען, א געוויסער בוף, אַן אנשטענדיגער מענש מיט א גרויסער פאַמיליע פון קינדער. ער דערמאָהנט אונז אַן דעם אמטמאַן פון „ווערטהער'ס ליידען.‟

בוף האט געהאַט א צווייטע טאָכטער מיט דעם נאָמען לאָטטע,

מיט בלויע אויגען, זעהר שעהן, און איז אַלט געווען גראָדע צוואַנציג יאהר. געטהע האט זי צום ערשטען מאָל בעגעגענט באַלד נאָך זיין אָנקונפט, ווען ער האט בעזוכט אַ באַלל אין וואַלפּערטסהאַוזען. זי איז איהם זעהר געפעלען געוואָרען און ער איז געוואָרען אַ שטענדי־גער בעזוכער אין הויז.

יעצט מערקט זיך די עהנליכקייט מיט דער לאָטטע פון זיין „ווערטהער׳ס ליידען״: — לאָטטע, בוף׳ס טאָכטער, איז געווען פּונקט אזוי גוט ווי אַ מוטער צו איהרע ברידער און שוועסטער, און געטהע׳ן האט עס פערשאַפט גרויסעס פערגניגען זיך צו שפּיעלען מיט זיי און זיי דערצעהלען געשיכטעס. לאָטטע איז געווען אזוי ווי פער־לאָבט פאר אַ געוויסען קינסטלער, אַ יונגערמאַן פון אַ יאהר צוויי־און־צוואַנציג, דער סעקרעטער פון דעם האַנאָווערישען קאָנסול. דיע־זער פאַקט האט ניט געענדערט געטהע׳ס האַלטונג, ער איז געבליעבען אַ פריינד פון זיי ביידע. ער פלעגט בעזוכען לאָטטע׳ן און איהרע קינדער. ער פלעגט שפּאַצירען מיט קעסטנער׳ן, זיך אַמוזירען צוזאַ־מען. קעסטנער איז ניט געווען אייפערזיכטיג, און געטהע האט בע־הויפּטעט, אַז לאָטטע האט אַ הארץ, וואס איז גרויס גענוג פאר צוויי.

אבער דאס האט ניט געקענט פיעל אָנהאַלטען. לאָטטע האט זיך מיט איהם איינמאָל בעגעגענט און זיי האבען אָנגעהויבען צו רעדען פון יענער וועלט. זיי האבען דאן ביידע אָבגעמאַכט צווישען זיך, אַז אין פאַל איינער וועט פריהער שטאַרבען, זאָל ער ערשיינען צום צוויי־טען און איהם מיטטהיילען, וואס עס טהוט זיך אויף יענער וועלט.

עס איז מערקווירדיג ביי וואס פאר אַ גייסטיגען צושטאַנד געטהע איז דאמאָלס געווען. נאָך אַלעמען, האט ער געהייסען אַ גע־בילדעטער מענש מיט אַ טיטעל „דאָקטאָר דער רעכטע,״ און ער האט געהאַט גלאַט אזוי געלעזען פערשיעדענעס. אבער דער מיסטיציז־מוס פון דער צייט האט אזוי געווירקט אויף איהם, דאס ער איז געווען בערייט צו גלויבען אין אַלעמען.

מאַנכע ערקלערען דאס, אַז עס שטאַמט פון זיין פּאַטישען מח, וועלכער איז געווען אזוי פול מיט פאַנטאַזיען, אַז דאס איבערנאַטיר־ליכע האט אויך אַפּעלירט צו איהם.

פון דעסטוועגען איז ער ניט אזוי פערבליעבען. אַלעס האט זיך שפּעטער אומגעביטען.

אבער, לאָמיר צוריק קעהרען צו לאָטטע'ן. געטהע האט בעשלאָסען ער זאָל אוועק. ער האט זיך ניט געזעגענט. שפּעטער האט ער געשריעבען צו קעסטנער'ן א בריוועל, איהם מיטטהיילענדיג, אז ער האט ווייטער ניט געקענט פערבלייבען. עס וויזט אויס, אז דער קאָלטבלוטיגער און איבערלעגענדער מערק, האט בעוואויגען געטהע'ן צו מאַכען דיעזען שריט, אָלס די איינציגע לעזונג צו דער פראגע. נאָך מעהר, אום איהם אין גאַנצען צו פעראינטערעסירען מיט עפּעס אַנדערש, האט ער איהם אוועקגעפיהרט קיין עהרענברייטשטיין, וואו ער האט איהם פאָרגעשטעלט פאר סאָפיע לאַ ראָש און פאר איהר טאָכטער מאַקסימיליאַנע, פון וועלכער געטהע איז בעצויבערט געוואָרען.

דאַן האט געטהע צוריקגעקעהרט קיין פראַנקפאָרט, אבער לאָטטע'ן האט ער ניט געקענט פערגעסען. איהר בילד האט ער אויפגעהאנגען איבער זיין בעט. אין סעפּטעמבער איז קעסטנער געקומען קיין פראַנקפאָרט; אין נאָוועמבער זיינען געטהע און שלאָסער געפאהרען קיין וועטצלאַר. זייענדיג דאָרט, האט ער ערפאַהרען איבער דעם טויט פון א געוויסען יערוזאַלעם, א יונגערמאַן, וואס איז געוועזען אָנגעשטעלט ביי דעם בראַנשווייגער קאָנסולאַט. יערוזאַלעם און געטהע זיינען ביידע געוועזען סטודענטען אין דעם אוניווערזיטעט פון לייפּציג, אבער אין וועטצלאַר האט ער איהם וועניג וואס געזעהען. יערוזאַלעם איז געוועזען א מרה־שחורה'דיגער, ענטמוטהיגט פאר זיין ניט מאַכען קיין ערפאָלג אין דער פּראָפעסיאָן, אבער פערצווייפעלט, וויל ער האט געליעבט האָפנונגסלאָז אַן אַנדערן'ס פרוי. דער סוף איז געוועזען, אז ער האט געבאָרגט א פּאאר פּיסטוילען פון קעסטנער'ן, בעהויפּטענדיג, אז ער דאַרף זיי האבען אויף א רייזע, און דאַן האט ער זיך דערשאָסען אין דער נאַכט פון דעם 29טען אָקטאָבער.

געטהע האט געהערט אַלע איינצעלהייטען פון קעסטנער'ן, און דאַן האט ער זיך גענומען שרייבען זיין בעריהמטעס בוך דעם „יונגען ווערטהער'ס ליידען."

יעצט זעהט א קאָמבינאַציאָן: די לאָטטע פון בוך, איז פיעל אָדער וועניג א ווירקליכע; ווערטהער איז אַן אויסמישונג פון געטהע'ן אליין מיט יערוזאַלעם'ן. דער ראָמאַן איז אויך אַן אויסמישונג פון די דאָפּעלע ערפאַהרונגען.

עס איז אינטערעסאנט צו בעמערקען, אז געטהע, אין זיין אויטא־ביאגראפיע, גיט אונז אן מאנכע אונפּינקטליכקייטען. אזוי, צום ביי־שפּיעל, דערצעהלט ער אונז, אז „ווערטהער'ס ליידען" איז אנגעשריע־בען געוואָרען אין פיער וואָכען צייט. עס שיינט אבער, אז דאס איז ניט אזוי. עס ווייזט זיך ארויס, אז ער האט דערביי געארבייט כמעט דעם גאנצען זומער פון 1773. ערשט אין 1774 האט ער שוין געמאכט גענוג פאַרטשריטע אין דעם ווערק, אום ער זאָל עס קענען פאַרלעזען פאר מאנכע פון זיינע פריינד. ערשט אין מאָנאט סעפּ־טעמבער האט ער געהאט פאַרטיג צוויי קאַפּיטעל פון בוך, פון וועלכע ער האט איינע אוועקגעשיקט צו סאָפיע לא ראָש און די צווייטע צו לאָטטע בוף. אין אָקטאָבער איז דאס בוך שוין געווען פערשפּרייט איבער גאנץ דייטשלאנד. מען האט עס אי ענטהוזיאסטיש עמפּפאנ־גען און געליובט, אי פערדאמט און געשענדעט. מען האט עס גע־דרוקט, שרייבער האבען געמאכט נאָכאהמונגען, איבערזעטצט אין יעדער אייראָפּעאישער שפּראך, קריטיקירט אין יעדען זשורנאל, מאנ־כע האבען עס געליובט, אנדערע פערדאמט. עס האט דערגרייכט די ווייטעסטע ווינקלען פון דער וועלט און איינגעדרונגען אפילו קיין כינא.

עס איז געוואָרען א מין ווערטהער פיעבער אין אייראָפּא, און די הערצער פון מענער און פרויען האבען זיך אָנגעפּיללט מיט פאנ־טאסטישע שמערצען און ליידען. טייכען טרערען זיינען פערגאָסען געוואָרען; יונגע לייט האבען נאָכגעטהאָן ווערטהער'ן, טראָגענדיג בלויע רעק מיט געלע הויזען, און זיך דערשאָסען, האלטענדיג א „ווערטהער" אין האנד.

די בהלה איז געווען אונגעהייער.

מען קען זיך גאנץ לייכט פאָרשטעלען, אז קעסטנער און לאָטטע זיינען ניט געווען איבריג צופריעדען מיט די פריוהייטען איבער זייערע פערזאָנען, וואס געטהע האט זיך בענומען.

פון דעסטוועגען האבען זיי חתונה געהאט אם 4טען אפּריל, 1773, און געטהע האט זיי בעשאָנקען מיט'ן חתונה־רינג.

כאָטש קעסטנער האט זיך, אין אָנפאנג, געשפּירט שטארק גע־טראָפען פון געטהע'ן און עס איז צווישען זיי געוואָרען א שטיקעל

ברוגז, פון דעסטוועגען האבען זיי פאָרטגעזעטצט צו קאָררעספּאָנדי־
רען ביז צום ענדע פון יאהרהונדערט.

לאָטטע האט געזעהען געטהע'ן אין ווייהאר, ווען זי איז שוין אלט
געוועזען 63 יאהר. זי איז נאָך אימער געוועזען שעהן, אבער איהר קאָפּ
האט געציטערט פון א לעהמונג. זי איז געשטאָרבען אין 1828.

„ווערטהער," אין אלגעמיינעם, האט ארויסגערופען א גאנצע רע־
וואָלוציאָן מיט דער וויכקייט און איינפאכקייט אין סטיל, מיט דער
נאַטירליכקייט און שעהנהייט.

אין פריהלינג פון 1773, זעהען מיר איהם שטארק און פלייסיג
בעשעפטיגט אלס אדוואָקאט. דאס איז שטארק געפעלען געוואָרען
זיין פאטער און ער האט זיך מיט איהם דערפאר פערהאַלטען זעהר
פריינדליך.

דערוייל אבער האט זיין ליטעראַרישער ערפאָלג איהם צוגע־
בראכט א מאסע מיט פריינד, אונטער זיי די יונגע גראפען פאָן
שטאָלבערג און פאָן שעהנבאָרן. ער האט אויך אָנגעהויבען צו קאָר־
רעספּאָנדירען מיט דעם בעריהמטען פיזיאָגנאָמיסט לאוואסער און
מיט דעם גרויסען דיכטער קלאָפּשטאָק.

דאָ האט זיין שוועסטער קאַראָלינע חתונה געהאט מיט שלאָ־
סער'ן, און איז אוועק קיין שטראַסבורג. איהר אבוועזענהייט האט
איהם שטארק געערגערט. די ארעמע קאָרנעליאַ איז אבער אויך באַלד
קראַנק געוואָרען, און אין יאהר 1777 איז זי געשטאָרבען. פאר גע־
טהע'ן איז דאס געוועזען א גרויסער קלאַפּ.

אין יאהר 1774 האט געטהע אויפגעשריעבען א דראַמע אין 5
אַקטען, אונטער דעם נאָמען „קלאַוויגאָ." די הויפּט טהעמאַ איז
געוועזען ענטנומען פון א פאַקט, וואס האט דאַמאָלס פּאַסירט. דער
פינפטער אקט, ווען קלאַוויגאָ בעגעהט זעלבסטמאָרד, איז געוועזען זיין
אייגענע פאַנטאַזיע. די דראַמע איז אויפגעשריעבען געוואָרען אין
8 טעג צייט. זי האט געהאַט א געוואַלטיגען ביהנע־ערפאָלג, און
זי ווערט נאָך יעצט אויך געשפּיעלט.

אבער קלאַוויגאָ איז ווייט, ווייט פון א ליטעראַרישען ווערטה.
עס איז ניט מעהר ווי א צונויפגעשטוקעוועטע צייטונגס־דראַמע, פול
מיט סענסאַציאָנען און עס פעהלט אין דעם יעדע קונסט. מערק,
זיין ביטערער קריטיקער, האט איהם געראַטהען ער זאָל ניט שרייבען

אזעלכע פּוסטע זאכען, ווייל דאס קענען אויך אַנדערע מאַכען.

אבער צו יענער צייט איז געטהע געווען כמעין הנובע, עס האט פון איהם אַלעס געפלאָסען; ער האט געמאַכט ערשט געוואַלטיגע פּלענער פאר גרויסע ליטעראַרישע ווערק.

עס שיינט, אז ער האט אויך, ביז דאַמאָלס, שנעל אַנגעזאַמעלט א גאַנצען אוצר וויסענשאַפט, און זיין קאָפּ איז געוואָרען קלערער און דייטליכער איבער פיעלע וויכטיגע פראַגען.

ער האט געמאַכט פּלענער צו שרייבען איבער צעזאַר, פאוסט, מחמד, דער אייביגער איד און פּראָמעטהעאוס.

צעזאַר האט ער באַלד אויפגעגעבען צו שרייבען, עפּעס איז ניט געלעגען אין זיין זשעניע צו בעהאַנדלען דיעזע גרויסע היסטאָרישע פּערזענליכקייט; פון פאוסט'ן האט ער אָנגעשריעבען דעם דיאַלאָג צווישען פאוסט'ן און מעפיסטאָפעלעס'ן און א טהייל פון דער סצענע מיט מאַרגאַרעטע'ן. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע ערפאהרען מיר, וואס ער האט גערעכענט צו מאַכען פון מחמד'ן: אין א דראַמע פון פינף אַקטען האט ער געוואָלט בעווייזען, ווי אזוי די זויבערקייט פון פּראָ־פעטישען ערנסט איז אַנערקענט דורך ליעבע, צוריקגעוויעזען פון קנאה, בעשמוטצט פון מענשליכער שוואַכקייט און פערגעטערט דורך'ן טויט, און אום צו שרייבען דיעזע דראַמע, האט ער גוט שטודירט דעם קאָראַן; אבער בלויז אייניגע ברוכשטיקער פון דיעזען ווערק האט געטהע אויפגעשריעבען; עס איז, וואהרשיינליך, ווייטער ניט געגאַנ־גען. פון דעם אייביגען אידען, ווייסען מיר, האט ער געמאַכט געוואַל־טיגע פּלענער צו שאַפען א גרויסע זאַך, אבער זיין פּלאַן איז קיינמאָל ניט דורכגעפיהרט געוואָרען. ליידער, ליידער, די וועלט בכלל און די אידען בפרט האבען אין דעם פערלאָרען זעהר פיעל. אויב מיר וואָלטען אין דעם געהאַט א צווייטען „נאַטהאַן דער ווייזע,“ אָדער א „שיילאָק“ א־לא געטהע, קענען מיר געווי ניט זאגען, יעדענפאַלס אבער, וואָלטען אי די ליטעראַטור, אי די אידען, ניט פערלאָרען אין דעם. פון לעססינג'ס „נאַטהאַן דער ווייזע“ איז אָבגערעדט. מעהר גוטס האט מען שוין ניט געקענט זאגען אויפ'ן אידען, און וואס עס איז נוגע שיילאָק, זעהען מיר, אז דער זשעניע, געגען זיינע אבזיכ־טען, מוז זיך האַלטען אָן דער וואהרהייט. שעקספּיער, אין זיין שיי־לאָק, האט אונז געוואָלט געבען א קאָמעדיע, אָבלאַכענדיג און אָב־

שפּאָטענדיג פון דעם אידען, וואס ער האט ניט געקענט, און נושא חן זיין ביים פאַנאַטישען קריסט פון זיין צייט. אבער, טראָטץ דעם אַלעמען, האט ער, אין שיילאָק, אזוי פיעל צו גונסטען פון אידען, אז ער האט געטהאָן מעהר גוטעס ווי שלעכטעס. געטהע ווידער, דער פרייער גייסט, דער גאָט־בעגייסטערטער ליבעראַל און דורכגעדרונגע־נער מיט מענשהייט, וואָלט פאר אונז געשאַפען עפּעס אונשטערבלי־כעס, אבער זיין פּלאַן איז ניט דורכגעפיהרט געוואָרען.

חבל על דאבדין!

פון אַלעס, וואס ער דאַמאָלס געפּלאַנעוועט, איז בלויז פראַמע־טהעאוס געשריעבען געוואָרען.

נאָך אמאָל זיך בעציהענדיג אויף דעם „וואַנדערענדען אידען," וואס געטהע האט געוואָלט שרייבען, מוזען מיר בעמערקען, אז צו יענער צייט האט געטהע שטודירט און געקריגען די השפּעה פון שפּי־נאָזא'ס ווערקע. שפּינאָזא'ס ווערקע, קען מען זאגען, האבען פון איהם געמאַכט אַ גאַנץ אַנדערן מענשען.

פאר אַלעמען האט ער געשטודירט שפּינאָזאס „פּאָליטיש־טהעע־אָלאָגישען טראַקטאַט." דאס איז די בעריהמטע קריטיק איבער דער ביבעל, וואס איז געווען דער גרונדשטיין פאר די וויסענשאַפטליכע ביבעל־פאָרשער און אויך פאר די גרויסע אפּיקורסים, ווי אַ טהאָמאס פּיין און אַן אינגערסאָל.

געטהע האט געשלונגען דיעזעס ווערק און פאר זיינע אויגען האבען זיך געעפענט נייע וועלטען. דיעזעס ווערק האט, פאר אַלע־מען, איהם קלאָר געמאַכט איבער די רעליגיעזע ויכוחים, וואס זיינען דאַמאָלס פאָרגעקומען. געטהע, אַלס סענטימענטאַלער דיכטער, איז אויך געווען פון דער נאַטור רעליגיעז; און ווען זיין רעליגיאָן האט זיך אפילו אויסגעלייטערט און אויסגעפיינערט, איז ער געווען גענייגט צום מיסטיציזמוס, וואס האט, צו יענער צייט, איינגעדרונגען זאָגאר צווישען די הויך־אינטעליגענטע.

אבער שפּינאָזא'ס „פּאָליטיש־טהעאָלאָגישער טראַקטאַט" האט איהם ארויסגעפיהרט פון דער טיעפער פינסטערניש, פון דער פער־בלענדעניש און איהם געבראַכט אויף אַ גלייכען וועג — אויפ'ן וועג פון די ראַציאָנאַליסטען.

נאָר דאס איז בלויז געווען אַן איינטריט אין שפּינאָציזמוס, דאס

וויכטיגע האט ערשט געפאָלגט, ווען ער האט גענומען לעזען, בעסער געזאגט, שטודירען, שפינאָזא'ס „עטהיק."

אזעלכע דיכטער ווי געטהע איז געווען, קענען ניט ווערען קיין אטהעאיסטען; נעהמט ביי איהם אוועק דעם גאָט פון דער וועלט, און איהר האט ביי איהם אוועקגענומען די נשמה פון דער וועלט. די גאָטהייט איז ביי איהם געווען די בעזעעלונג פון לעבען און פערנונפט, וואס מיר האבען אין דער וועלט. דאָך איז ער דאריבער ניט געווען קלאָר, ביז ער האט דורכגעשטודירט שפינאָזא'ס „עטהיק."

דער שפינאָציזמוס האט איהם געלערענט, אז גאָט און די וועלט איז איינס; אז די גאָטטהייט איז דער פערנונפט אָדער די זעעלע פון דער וועלט, און דאָך קענען מיר ניט בעגרייפען קיין גאָטטהייט אָהן וועלט, און קיין וועלט אָהן גאָטטהייט.

דער פאנטהעאיזמוס, אָדער די אייניגקייט פון גאָט און וועלט, האט שטארק אפעלירט אי צו געטהע'ס נשמה, אי צו געטהע'ס כאַראקטער. ער האט אין דעם געזעהען דאס גרעסטע און העכסטע פון אלע פילאָזאָפיען ביז דאמאָלס, און ער איז געוואָרען א שפינאָציסט.

מען מעג מיט רעכט זאגען, אז זייט דאמאָלס, האט ער קיין געלעגענהייט אויסגעלאָזען אין זיין שרייבען, אום צו ווייזען זיין טיעפע אָהנהענגליכקייט אין דעם שפינאָציזמוס.

יעצט וועלען מיר בעטראכטען די וויכטיגסטע ווירקונג פון דעם שפינאָציזמוס אויף געטהע'ן.

געטהע איז געווען אי א פאסיאָנירטער דיכטער, אי א פאסיאָנירטער מענש. ער איז געווען א מענש פון לויטער אימפולסען: ווען דער אימפולס האט איהם געשטויסען, האט ער ניט נאָר געקענט אָנשרייבען ערהאבענע פאָעזיע, נאָר אויך בעגעהען גרויסע נאררישקייטען. און די נאררישקייטען, אויסער וואס זיי זיינען פאָרגעקומען אין לעבען, האבען זיי זיך אויך אָפט אריינגעגליטשט אין דער פאָעזיע.

א באלאנס, אָדער אן איבערלעגונג האט איהם געפעהלט, און דערפון זיינען אי זיין יונג לעבען, אי זיינע יוגענדליכע שעפפונגען, אָנגעפיללט מיט ווילדע, פאסיאָנירטע אויסברוכען און מיט א תוהו ובוהו וואו חושך ואור זיינען געווען בערבוביא.

שפינאָזא'ס פילאָזאָפיע, איבערהויפט שפינאָזא'ס „עטהיק," האט איהם געוויזען עפּעס נייעס: רעגעל, אָרדנונג און פּינקטליכע אויס־רעכענונג.

געטהע איז ערשטוינט געוואָרען צו זעהען ווי שפינאָזא האט גענומען די העכסטע פילאָזאָפישע געדאנקען פון יענער צייט און זיי געשטעלט אונטער א געאָמעטרישער אָרדנונג.

סיסטעם און לאָגישעס דענקען זיינען געווען די פונדאמענטען פון שפינאָזא'ס ארבייטען, און דאס האט אזוי צוגעצויגען געטהע'ס אויפמערקזאמקייט, אז ניט נאָר וואס ער איז געוואָרען א שפינאָציסט אין דער פילאָזאָפיע, נאָר אויך, פיעל אָדער ווייניג, א שפינאָציסט אין זיין לעבען און ליטעראַרישע ארבייטען.

ווען מיר זאגען א „שפינאָציסט אין לעבען," איז דאס אביסעל צו פיעל בעהויפטעט, ווייל געטהע מיט א ים קאָכעדיגעס בלוט אין זיין קערפּער, האט קיינמאָל ניט געקענט זיך פערגלייכען מיט דעם רוהיגען און קאַלטען פילאָזאָפישען גייסט פון שפינאָזא'ן. אבער גע־טהע האט זיך, לכל־הפחות, בעמיהעט זיך צו רעגלען און איינצואָרד־נען און פיעלע מאָל איינהאלטען, אָדער אָבלעשען זיין זודיגעס בלוט.

זעהר א וויכטיגע ראָלע האט שפינאָזא געשפּיעלט פאַר געטהע'ן דערמיט, וואס דער שפינאָציזמוס האט געוויזען געטהע'ן די וויכ־טיגקייט פון קענען די נאטירליכקייט אין דער וועלט. געטהע האט אויך דערזעהען אזא וועלט, ווי ער האט זיך קיינמאָל ניט פיעל פאָר־געשטעלט.

דאס אַלעס האבען אויף איהם געווירקט די שריפטען פון דעם אַמסטערדאמער פערטריעבענעם און פערשטויסענעם אידען. דערפאר מעגען מיר ווירקליך נאָך אמאָל בעדויערן, ווארום ער האט ניט גע־שריעבען דעם „וואנדערענדען אידען," ווייל ער האט, ביז אין זיין טויט, ניט פערגעסען און ניט פערלייקענט דעם ריעזיגען איינפלוס אויף איהם פון דעם אידישען שפינאָזא.

דעם רעסט פון זיין צייט אין פראנקפאָרט האט ער אויך צוגע־בראכט מיט צייכנען. זיין צימער איז געווען בעדעקט מיט די רע־זולטאטען פון זיין פּענזעלע. זייענדיג אזוי טיעף איבערגעגעבען צו דער קונסט, האט ער אויך, צו יענער צייט, געשריעבען א רייהע גע־דיכטע איבער דעם קינסטלער'ס לעבען.

דעם זומער פון 1774 האט ער פערבראַכט אויף א רייזע נעבען רהיין.

אם 12טען יולי, איז דער בעריהמטער לעהרער און ערציהער באַזעדאָוו געקומען קיין פראַנקפאָרט. מיט דריי טעג שפּעטער איז געטהע מיט איהם אוועק געפאָהרען קיין עמע, וואו זיי האבען געפונען דעם בעריהמטען גייסטליכען לאַוואַטער. אלע דריי צוזאַמען זיינען אוועקגעפאהרען קיין לאהן; קיין קאָבלענטץ זיינען זיי אָנגעקומען אם 18טען יולי. דאָרט האט שטאַטגעפונען א בעריהמטע וועטשערע, וואס האט געמאַכט פון זיך פיעל רעדען. בשעת מען האט זיך געזעטצט עסען, האט לאַוואַטער דערטאַפּט עפּעס א דאָרף־גלח'ל און ער האט איהם, מיט גרויס התפּעלות, ערקלערט די סודות פון „התגלות יוחנן" (די לעצטע שריפט אין דעם נייעם טעסטאַמענט). באַזעדאָוו, וויעדער, דער אויפגעקלערטער ערציהער, האט דערטאַפּט א טאַנץ־מייסטער און איהם ערקלערט מיט אַלע פּינטעלעך, די נאַררישקייט, וואס ליעגט אין דער צערעמאָניע פון טויפען. געטהע האט געוואָרפען אויף ביידע א פּאאר בליקען, דאַן האט ער זיך גענומען צו די פיש און צו די געבראָטענע היהנער; ווען לאַוואַטער און באַזעדאָוו זיינען פארטיג געוואָרען מיט זייערע ארגומענטען, איז שוין מעהר ניט געווען וואס צו עסען.

צו ענדע זומער האט געטהע צוריקגעקעהרט קיין פראַנקפאָרט. דער הערבסט האט איהם געבראַכט נייע פריינד אַלס רעזולטאַט פון דער בעריהמטקייט, וואס דעם „יונגען ווערטהער'ס ליידען" האבען מיט זיך געטראָגען. צווישען דיעזע פריינד האט זיך אויך געצעהלט קלאָפּשטאָק, א מאַן פינף־און־צוואַנציג יאהר עלטער ווי געטהע, און דער דאַמאָלסדיגער אנערקענטער גרויסער דייטשער דיכטער.

אם 11טען דעצעמבער איז געטהע איבערראַשט געוואָרען פון אן אונערוואַרטעטען בעזוך. עס איז געווען קאַרל לודוויג פאָן קנעבעל, וועלכער האט געררייזט מיט די צוויי יונגע פּרינצען פון זאַקסע־ווייִמאַר. איינער איז געווען דער עררשענדער פירסט קאַרל אויגוסט, דאַמאַלס גראָדע זיעבצעהן יאהר אַלט, און זיין איינגערער ברודער קאָנסטאַנטין. זיי זיינען געווען אויפ'ן וועג קיין פראַנקרייך מיט זייער לעהרער גראף גערץ, אבער אָנקומענדיג אין פראַנקפאָרט, האבען זיי

זיך געמוזט אַבשטעלען צו זעהען דעם נייעם אויפשטייגענדען זשעניע אין זייער לאַנד. געטהע איז זיי געגאַנגען זעהען, עמפפאַנגען געוואָרען זעהר פריינדליך, און ער האט פערבראַכט מיט זיי אַ היבשע צייט אין געשפרעך איבער דייטשלאַנד, איהר צושטאַנד און איהרע אויסזיכטען. קנעבעל האט דאַן בעהויפּטעט, אַז געטהע איז „דער בעסטער און ליעבענסווירדיגסטער צווישען אַלע מענשען.“ די פּרינצען האָבען איהם איינגעלאַדען ער זאָל זיי קומען בעזוכען אין מאַינץ, וואו זיי וועלען פערברענגען מעהר צייט ווי אין פראַנקפאָרט. געטהע איז געקומען און דאָרט פערבראַכט צוויי טעג.

ווען געטהע איז נאָך אַמאָל געקומען קיין ווייםאַר, האט ער ערפאַהרען, אַז פרייליין פאָן קלעטטענבערג איז טויט.

„מיין קלעטטענבערג איז טויט,“ שרייבט ער צו יענער צייט, „טויט נאָך איידער איך האב געהערט, אַז זי איז געפעהרליך קראַנק. טויט און בעערדיגט אין מיין אַבוועזענהייט! זי, וואס איז געוועזען אַזוי טהייער, אַזוי אַלעס פאַר מיר!“

פרעדעריקע איז געוועזען פאַר איהם פערלאָרען, דאַסזעלבע מיט שאַרלאָטטע און מאַקסימיליאַנע, ווען זיין שוועסטער איז געוועזען פערהייראַטהעט. זיין נאַטור האט געפאָדערט ליעבע, ער זאָל האָבען יעמאַנדען פאַר זיינע געפיהלע.

דאַן האט ער זיך בעקאַנט מיט לילי שענעמאַן, די טאָכטער פון אַ רייכען באַנקיער. איהר פאַטער איז שוין געוועזען טויט, נאָר איהר מוטער האט געפיהרט די באַנק, און דערביי האט זי געהאַט דעם שעהנסטען זאַלאָן פאַר הויכער געזעלשאַפט אין פראַנקפאָרט. אין לילי'ן האט זיך געטהע באַלד פערליעבט.

דיעזע ליעבע, ווי עס האט זיך שפּעטער ארויסגעוויעזען, איז געוועזען די דויערהאַפטעסטע, וואס געטהע האט געהאַט ביז דאַמאָלס. דורך דיעזער ליעבע איז געטהע אויך אריינגעצויגען געוואָרען אין שטורם פון דער הויכער געזעלשאַפט.

מען בעשרייבט איהם פון יענער צייט, אַז ניט נאָר האט ער זיך בעוויעזען אין די פּרעכטיגע גרויסע זאַלאָנען, נאָר ער האט אויך געטראָגען אַ גאָלד-געשטיקטען ראָק, געהענדיג פון אַן אונטערהאַלט צו אַ קאָנצערט, פון אַ קאָנצערט צו אַ באַלל, און איבעראַל איז ער

געפיהרט געוואָרען ווי א געפאנגענער פון א מיידעל מיט שעהנע האאר און א פאר פינקלענדע אויגען.

אָט אזוי האט אויסגעזעהען געטהע אין דער קארניוואל צייט.

דאמאָלס האט ער אויפגעשריעבען א גאנצע רייהע ראָמאַנטישע ליעדער און א פאאר דראמען פון ניט קיין גרויסער בעדייטונג.

זיין גאנצער טראַכטען און קלערען איז געווען לילי, לילי, לילי!

אבערביידע צדדים, דאס הייסט, די עלטערן פון ביידע זייטען, האבען ניט איינגעשטימט צום שידוך. געטהע'ס עלטערן האבען בע־הויפּטעט, אז לילי איז צו א פיינע דאמע, בעסער געזאגט, צו א גרויסע קאָקעטקע פאר זייער זוהן. איבערהויפּט האבען זיי געהאַט א גוט־בעגרינדעטען חשד, אז איהר פערמעגען, וואס האט אזוי גע־קלונגען, האט ניט פיעל בעטראָפען. מאדאם שענעמאַן, וויעדער, לילי'ס מאמע, א פרוי פון גרויסער ערפאהרונג, האט גערעכענט, אז געטהע מיט זיין גאנצען זשעניע, וועט דאָך ניט זיין קיין גוטער מאַן פאר איהר טאָכטער. קאָרנעליא שלאססער, געטהע'ס שוועסטער, איז אויך געווען שטארק דאגעגען דעם שידוך.

געטהע האט זיך געזעהען ארומגערינגעלט פון אלע זייטען מיט אונאנגענעהמע געגנער, און ער האט בעשלאָסען אביסעל פרייער אויפצואטהעמען. ער האט דערפאר געמאכט א רייזע אין דער שווייץ. זיינע קאָמפּאַניאָנען זיינען געווען די ברידער שטאָלבערג, ווילדע, צולאָזענע, יונגע אדעל־לייט.

ער האט בעזוכט פערשיעדענע פּלעטצער, און איבעראל האט ער מיטגעפיהרט אן אונאנגענעהמעס אנדענקען פון לילי'ן; ער האט אויך געטראָגען אויף זיין האלז א גאָלדענעם הארץ, וואס זי האט איהם געשאָנקען. גראדע אין איהר געבורטסטאָג, האט ער ארויפגעקלע־טערט דעם הויכען און ריעזיגען בארג סט. גאָטטהארד און אריעבער געבליקט מיט בייגקענדע אויגען קיין איטאליען. אבער א שטאר־קערע קראפט האט איהם געצויגען אהיים און ער האט געמוזט צוריק קעהרען. אין שטראסבורג האט ער בעגעגענט זיינע אלטע פריינד און דאָרט האט ער אויך בעגעגענט צימערמאנען, דעם שרייבער איבער איינזאמקייט. ער האט איהם בעוויעזען א פּראָפיל, אָדער קלסתר פנים, פון מאדאם פאָן שטיין, וואס האט געוואוינט אין וויימאר, און געטהע איז געווען בעצויבערט דערמיט.

אם 20טען יולי, האט ער צוריקגעקעהרט קיין פראַנקפאָרט, און דעם מאָנאַט אויגוסט האט ער פערבראַכט מיט לילי'ן אין אָפּפענ־באַך; זיינע בריעף פון יענער צייט רעדען פון קיין אַנדער זאַך, אויסער פון לילי'ן, און זיי דריקען אויס זיין העכסטעס פערגניגען.

וועהרענד דיזער צייט פון ליעבע, האט ער איבערזעטצט אַ טהייל פון „שיר השירים.” לויט זיינע אַנזיכטען, האט קיין טהייל פון דער פּאָעזיע אזוי אויסגעדריקט די העכסטע שטופע פון ליעבע, ווי „שיר השירים.” עס איז מעגליך, אַז דאס איז געווען דערפאַר, ווייל געטהע איז דאַמאָלס געווען בעגייסטערט מיט פיעלע אידישע זאַכען, ווי אידישע פילאָזאָפיע און אידישע געשיכטע און „שיר השירים” האט צו איהם אויך אַפּעלירט איבערהויפּט אין זיין גרויסער ליעבעס התלהבות.

דאַן האט געפאָלגט די אַרבייט איבער דער דראַמע „עגמאָנט.”

„עגמאָנט,” ווי בעקאַנט, אַטהעמט, פון אָנפאַנג ביז צו ענדע, מיט דעם גייסט פון פרייהייט פאַר אַן אונטערדריקטעס פאָלק. דער אַלגעמיינער גייסט, וואס האט איהם דאַמאָלס בעהערשט, איז גע־קומען פון דער רעוואָלוציאָן געגען ענגלאַנד אין די אַמעריקאַנישע קאָלאָניען.

דערוועיל האט ער זיך געשיידט פון לילי'ן און אָבגערייזט נאָך ווייםאַר. די הייסע און פייערדיגע ליעבע האט זיך באַלד אָבגעקיהלט, און שפּעטער, וועןביידע, אי לילי, אי געטהע, זיינען געווען בערו־היגט, האט איהם לילי געדאַנקט דערפאַר, וואס ער האט זיך ניט נאָכגעגעבען דעם נסיון; לילי האט מודה געווען, אַז איהר מאַמע האט געהאַט רעכט מיט איהר בעהויפּטונג, דאס זי וואָלט ניט געווען גליק־ליך מיט איהם.

צו יענער צייט האבען זיך די קלענערע דייטשע הויפען זיך אָנ־געהויבען צו פעראינטערעסירען מיט דייטשער ליטעראַטור. פאַר דעם זיבען־יעהריגען קריעג, איז די גאַנצע דייטשע קולטור בעשטאַ־נען פון אַלעס וואס איז פראַנצויזיש. און אפילו דאַמאָלס, מעג מען זאָגען, האבען דייטשע שרייבער ניט געהאַט קיין גרויסען ווערטה אין בערלין אָדער וויען.

דער גרויס־פירסט האט איהם אויפגענומען ווי אַ גאַסט, פריינד און ברודער, און שפּעטער האט ער איהם געגעבען דעם טיטעל גע־

היימער לעגאציאָנס־ראטה, מיט א געהאלט פון גענויע דריי טויזענד דייטשע טאלער א יאהר. דאס האט געשטיעגען פון יאהר צו יאהר, ביז עס האט געגרייכט צו גענויע אכט טויזענד טאלער א יאהר.

אין אפריל, 1782, האט ער ערהאלטען א קייזערליכען אדעל־טיטעל. אלס זיין הערב האט ער אָנגענומען א זילבערנעם שטערען אויף אַן אזשור פעלד. אין יוני פון דעמזעלבען יאהר איז ער געוואָרען פרעזידענט פון דער קאמער.

עס איז בעקאַנט, אַז געטהע האט אָנגעווענדעט אלעם מעגליכע צו טהון זיינע פליכטען אלס עפענטליכער בעאַמטער. ער האט זיך בעקאַנט מיט אלע אַנגעלעגענהייטען פון לאַנד; ער האט געאַרבייט פאר דער ענטוויקלונג פון לאַנד; ער האט זאָגאר אָנגעווענדעט אלעם מעגליכע צו רעאָרגאַניזירען די קליינע ארמעע פון לאַנד.

אין דערזעלבער צייט בעהויפּטעט מען אבער, אַז טראָטץ דעם אלעמען איז עס ניט געלעגען אין געטהע'ס כאראקטער צו זיין א פּאַטריאָט פון א פּיצינאָטענקע מדינה'לע, אָדער זיך בעשרענקען מיט א קליינעם ווינקעל אויף דער ערד און זאָגען, אַז דיעזער איז אלעס אין דער וועלט. דער גרויסער געטהע איז געווען צו גרויס פאר אזעל־כע קלייניגקייטען, און אין זיין גרויסקייט איז ער געווען אַן אוני־ווערסאליסט, א מענש, וואס האט ארומגענומען אלעמען און אלעס.

אין דער טיעפקייט פון געטהע'ס נשמה איז געלעגען יענער גרוי־סער מאמין: „די וועלט איז מיין פאטערלאַנד, טהון גוטעס — איז מיין רעליגיאָן."

אלס בעוויז פאר דיעזע בעהויפּטונגען צייגט מען אָן, אַז ווען עס איז געקומען צו זאָ־גענאַנטע נאַציאָנאלע אינטערעסען, איז ער געווען קאלט צו זיי ווי א שטיין און ביי דעם אויפשטאַנד פון 1813 איז ער גלאַט געווען גלייכגילטיג.

זיין טהעטיגקייט פאר די אינטערעסען פון לאַנד, איז געווען אַן ענטפער פון דעם מענשען, וואס האט צו ערפּיללען געוויסע פליכטען, נאָר ווען עס איז געקומען צו נאַציאָנאליטעט, האט דער גרויסער גע־טהע ניט געקענט זיין דאס קליינע מענשעלע פון א קליינעם פאָלק.

כאָטש געטהע איז געווען בעשעפטיגט און פערנומען פון אלע זייטען, האט ער אבער אימער געמוזט האבען א פרויענצימער, וואס זאָל איהם בעאיינפלוסען און בעגייסטערן.

ביי געטהע האט א פּרויענצימער ניט בעדאַרפט זיין גראָדע א ווייב, נאָר גלאַט אזוי א פריינדין, וואס זאָל איהם, מיט איהר פרויענ־שאַפט, אויפמונטערן און אינטערעסירען.

צו יענער צייט האט ער זיך בעקאנט מיט שאַרלאָטטע פאָן שטיין, א הויף־דאַמע, די פרוי פון דעם פירסטליכען שטאַטמייסטער. זי איז געוועזען א פרוי פון א יאהר דריי־און דרייסיג, און א מוטער פון זיעבען קינדער.

ביז ער האט געמאַכט זיין רייזע קיין איטאַליען, האט ער איהר פערטרויעט יעדע האנדלונג זיינע, יעדען געדאַנק, יעדען פּלאַן. אין זיינע פערשיעדענע שריפטען רופט ער זי אָן מיט אַלערליי צערטליכע נעמען, „די זיסע אונטערהאַלטערין פון זיין טיעפסטען הארצען," „די טהייערע אונבעזיעגבאַרע קוועלע פון זיין גליק," „דער זיסער חלום פון זיין לעבען," „דער באַלזאַם צו זיינע שמערצען," „זיין גליק," „זיין גאָלד," „זיין מאַגנעט, וועמען ער ליעבט אנוועזענד און אבוועזענד, שלאָפענדיג און וואַכענדיג," און „פון וועמען ער קען זיך קיינמאָל ניט אָבטהיילען."

געטהע האט דאן געמאַכט א רייהע רייזען און ווען ער האט זיך צוריקגעקעהרט, האט ער זיך געשפירט אלס פיעל ערנסטער ווי אין דער צייט, ווען ער איז אוועקגעפאהרען. ער האט בעשלאָסען זיך צו נעהמען שרייבען געשיכטע און ער האט פערבראַכט פיעל צייט קלייבענדיג מאַטעריאַל. ער האט עס אבער אויפגעגעבען, ווען ער האט איינגעזעהען, אז זיין קראַפט ליעגט ערגעץ אנדערש.

אין פריהלינג פון 1783, איז פריטץ, שאַרלאָטטע פאָן שטיין'ס עלטערער זוהן, 10 יאהר אלט, געקומען וואוינען מיט איהם. אין פריהלינג האט ער מיט דעם קינד געמאַכט א רייזע.

עס שיינט, אז נאָך צו יענער צייט האט געטהע, דער טרוימער און דיכטער, שוין געהאַט גאַנץ קלאָרע און דייטליכע געדאַנקען, וועגען דער פעראייניגונג און אונאַבהענגיגקייט פון דייטשלאַנד. אין יאהר 1785 איז געגרינדעט געוואָרען דער בעריהמטער היסטאָרישער פירסטענבונד אונטער דער אויבערהערדשאַפט פון פריעדריך דעם גרויסען. דער צוועק איז געוועזען אָבצוהאַלטען די גרייפענדע מאַכט פון עסטרייך אונטער קייזער יאָזעף דער צווייטער. דער פירסט פון זאַקסע־וויימאַר האט גענומען א וויכטיגען אנטהייל אין דיעזער פער־

איינינונג. מען מעג אויך זאגען, אז ער איז געווען דער אָנהייבער פון דעם גאנצען פּלאַן. אבער געטהע, דארף מען ניט פערגעסען, איז די גאנצע צייט געווען זיין ראטהגעבער און איהם געהייסען טהון, וואס ער האט געטהאָן.

אַט אזוי זיינען לאַנגזאם פאַראיבער צעהן יאהר, און געטהע האט דיעזע לאַנגע צייט פערבראַכט אין דיענסט פון שטאאט אלס פּאָלי־טיקער, אלס דיפּלאָמאַט און אלס שטאאטס־דיענער. ווי אזוי אזא פּערזאָן ווי געטהע האט געקענט שטעהען אזא לאַנגע צייט אין אזא מין בעשעפטיגונג, איז עס דאס רעטעניש פון פּסיכאָלאָגען.

נאָך מעהר, אין דיעזע צעהן יאהר, האט ער אויך זעהר וועניג אויפגעטהאָן אלס דער זשעניע געטהע האט בעדאַרפט אויפטהאָן.

ער האט געשפּירט, אז ער ווערט איינגעפּרוירען, אָדער „איינגע־מארינירט אין שטאאטס־געשעפטען," ווי זיינער א ביאָגראַף דריקט זיך אוים.

עס האט איהם אָנגעהויבען צו ווערן ענג, אונאַנגענעהם, סקוטש־נע, און ער האט געוואָלט, ווי א געפאַנגענער פויגעל, ארוים אין דער פרייהייט.

נאָך עפּעס: זיינע פערהעלטניסע צו פרוי פאָן שטיין זיינען איהם אליין פאָרגעקומען אלס אביסעל געפעהרליך. זי איז צו איהם געווען מעהר ווי מארגארעטע, פרעדעריקע, לילי, אָדער זאָגאר זיין איינענע שוועסטער קאָרנעליא. דאס אַלעס איז געמיינט אין פריינד־שאַפט און פערטרויען, אבער מאדאם פאָן שטיין, אָבוואָהל א מיטעל־יעהריגע פרוי, אָבוואָהל א מוטער פון זיעבען קינדער, איז געווען שעהן, זעהר שעהן, און אין זיך געהאט יענע פרויענשאַפט, וואס מענער קענען זעלטען וויעדערשטעהען.

געטהע, דער אימפּולסיווער, האט געשפּירט, אז די צייט איז גע־קומען, ווען זיין אימפּולס קען איהם טרייבען צו בעגעהען א נארריש־קייט, וואס ער וואָלט זיך קיינמאָל ניט פערצייהעט.

זאָל ער זי הייראטהען? ווי אזוי? זי וועט זיך מוזען גט'ן מיט איהר מאַן, און פיהרען צו אזא סקאנדאל, האט ער ניט געוואגט.

זאָל זי ווערען זיינע אזוי?

ער האט אויפגעציטערט פאַר'ן געדאנק.

דאַן איז איבערהויפּט געווען די פראַגע, אויב פרוי פאָן שטיין וואָלט גאָר געגאַנגען אַזוי ווייט.

ווי די זאַך איז, אַרום און אַרום האָט ער געזעהען, אַז די צייט איז געקומען, עס זאָל נעהמען אַ סוף פון זיין פּאָליטיק און דיפּלאָמאַטיע, ווי אויך פון זיין זיטצען אויף איין פּלאַטץ.

מען מוז אַוועק!

יאַ, דאָס איז שוין געווען פעסט בעשלאָסען.

ער האָט געהאַט פיעלע פּלענער, אַ גרויסע מאַסע אַרבייט, נייע אידעען צום אויספּערטיגען, דאָס בעסטע וועט זיין אַוועק צו פאָהרען ערגיץ אַנדערש, אין דער פרעמד, און טהון וואָס ער בעדאַרף.

מיט דעם אַוועקפאָהרען וועט אויך אונטערבראָכען ווערען דער ראָמאַן מיט פרוי פאָן שטיין, וועלכער האָט שוין, סאַי־ווי־סאַי, צו לאַנג געדויערט.

געטהע האָט דאַן אָנגעפאַנגען זיין רייזע נאָך איטאַליען, וואָס האָט געדויערט פון דעם 3טען סעפּטעמבער, 1786, ביז אין 18טען יוני, 1788.

איידער מיר געהען ווייטער רעדען איבער דיעזער רייזע, מוזען מיר פריהער עפּעס בעמערקען איבער געטהע'ס נייע פּלענער.

ווי בעקאַנט, האָט געטהע געמיינט אַ לאַנגע צייט, אַז ער האָט אַ גרויסען טאַלענט, אָדער, ווענינגסטענס, גרויסע פעהיגקייטען אַלס מאַהלער און צייכנער. ער האָט דאַרויף פערבראַכט ניט נאָר וואָכען און מאָנאַטען, נאָר אויך יאָהרען.

אַן אַנדערער, אויף זיין פּלאַטץ, וואָלט דאָס בשום אופן ניט אויפגעגעבען, מיינענדיג, אַז די איינגערעדטע פעהיגקייטען זיינען טאַקי פעהיגקייטען, אָבער געטהע, דער מאַן מיט'ן קריטישען זינן, האָט ענדליך אַליין איינגעזעהען, אַז ער איז ווייט, ווייט פון צו זיין אַ ראַפאַעל, אָדער אפילו אַ קלענערער ווי ראַפאַעל, און ער האָט געמאַכט אַ סוף פון זיינע מאַהלערישע בעשעפטיגונגען.

דערפאַר אָבער האָט זיך אין איהם ענטוויקעלט אַ גאַנץ אַנדערער טאַלענט, וואָס האָט בעוויעזען, אַז אין די גרויסע זשעניען ליעגט אימער עפּעס, וואָס ברענגט, ווי דער שטורם־פויגעל, פאָראויס די בשורה, אַז עפּעס אונגעוועהנליכעס דאַרף ערשיינען.

מיר האָבען פריהער בעמערקט, אַז געטהע האָט פערבראַכט צעהן

יאהר אין פירסטליכען הויף מיט א בעשעפטיגונג, וואס איז פאר איהם ניט געווען פּאַסענד. ער האט אויך, וועהרענד דעם, פערנאַכלעסיגט זיין גרויסען זשעניע און האט, פערהעלטניסמעסיג, ווענינ וואס געשאפען. דאָך, האט זיך אונווילענדיג, וועהרענד דעם, דורך זיין שטעלע, אין איהם ענטוויקעלט עפּעס נייעס, וואס איז געווען בעשטימט צו שפּיעלען א גרויסע וועלט־ראָלע.

געטהע, וועלענדיג ברענגען נוטצען דעם לאַנד, און וועלענדיג טהון אַלעס גריענדליך און וויסענשאַפטליך, האט ער זיך גענומען שטודירען פערשיעדענע וויסענשאַפטען, אום ער זאָל לערנען זיינע לאַנדסלייטע, וואס עס איז גוט פאר זיי.

ער האט זיך אָבגעגעבען א היבשע ביסעל מיט אַנאַטאָמיע און עקספּערימענטען דאריבער.

דאס האט פעראורזאכט, וואס ער האט פּאַראויסגעזעהען די גרויסע וואהרהייט, וואס זיין שפּעטערער נאכפאָלגער דארווין וועט ענטדעקען פאר דער וועלט.

מאַנכע ענטהוזיאַסטען פון געטהע געהען נאָך אזוי וויית צו בעהויפּטען, אז דארווין האט צום ערשטען מאָל גלעזען געטהע׳ס פּאָרשונגען און דאס האט איהם געגעבען אַזאַ שטויס וויטער צו זוכען און פּאָרשען, דאס עס האט געפיהרט דערצו, ער זאָל מאַכען די גרויסע ענטדעקונג פאר דער וועלט, וואס ער האט ערקלערט אין „זיין „אָרידזשין אָוו ספּישעס."

מיר וועלען זיך אבער ניט שטארק צוקאָכען און בעהויפּטען גאַנץ רוהיג, אז געטהע׳ס וויסענשאַפט איז געווען מעהר אמאַטאָריש ווי גרינדליך.

וואס מיר געפינען אוים, איז, דאס ער האט געמאַכט פערגלייכונגען מיט די מענשליכע און טהירישע סקעלעטען און געפונען אין זיי אַן עהנליכקייט. דיעזע עהנליכקייט האט איהם שטארק פעראינטערעסירט. ער האט געהאט שוואכע השערות איבער דער אָבשטאַמונג פון אַלע ברואים פון איין קוועלע, אבער דאס אַלעס האט ניט געהאט קיין וויסענשאַפטליכען ווערטה.

דאָך, מוז מען צוגעבען, אז ער האט פיעל געטרוימט איבער דער שפּעטערער דארווינישער טהעאָריע.

געטהע האט זיך אויסגעצייכענט אין באָטאַנישע פּאָרשונגען,

אויף דורך דערזעלבער אורזאכע, ווייל ער האט געוואָלט העלפען די בירגער אין לאנד־ארבייט.

יעצט וועלען מיר זיך אומקעהרען רעדען וועגען זיין רייזע.

קיינער, אויסער דער פירסט, האט ניט געוואוסט, אז געטהע בע־אבזיכטיגט צו מאכען א לאנגע רייזע.

אין דער שטרענגסטער אינקאָגניטאָ, פערשטעלט, איז געטהע אוועק אלס דייטשער קויפמאן, אונטער דעם איינפאכען דייטשען נאָ־מען מיללער, און אזוי איז ער אָנגעקומען אין איטאליען.

פיעל, זעהר פיעל האט געטהע אויפגעטהאָן אין דיעזער צייט פון זיין אבוועזענהייט אין איטאליען, און פיעל, זעהר פיעל, האט איטאליען אויפגעטהאָן פאר איהם. ער האט דאָרט פערפערטיגט און איבער געארבייט פיעלע פון זיינע ווערק, ער האט דאָרט אויפגע־נומען נייע זאכען, און אזוי געענדערט, האט ער זיך צוריקגעקעהרט און איז אָנגעקומען קיין וויימאר אין מיטען פון מאָנאט יוני.

ווען געטהע האט צוריקגעקעהרט פון איטאליען, מעג מען זאגען, אז ער איז פערוואנדעלט געוואָרען אין א גאנץ אנדערע בריאה. אי־טאליען האט איהם געוויעזען וואס עם הייסט קונסט און איהם אויך געלערענט די פרינציפען פון קונסט. געטהע איז נאָך ווייטער געגאנ־גען און בעשלאָסען, אז זיין גאנצעס לעבען זאָל זיין געווידמעט צו דער קונסט און קיין אויסווערטיגער איינפלוס זאָל איהם שטערען אין דער אויסאיבונג פון זיין טאלענט.

פאר אלעמען האט ער געזעהען לויז צו ווערען פון דער רעגיע־רונגס־אמט, וואס איז איהם געשטאנען אין וועג. ער האט געוואוסט, אז ניט ער פאסט דערצו, ניט דאס אמט פאסט פאר איהם.

ווי מיר האבען שוין דערמאָהנט, האט ער פערלאָזען וויימאר הויפטזעכליך דורך פרוי פאָן שטיין. ביי זיין צוריק קעהרען איז ער שוין אויך געווען בעדייטענד אָבגעקיהלטער ווי פריהער. ער האט זיך נאָר מיט איהר בעגעגענט, ווען ער האט געמאכט א רייזע קיין רו־דאָלשטאדט, וואו ער האט בעגעגענט שיללער'ן. דאמאָלס, ביי דיעזער בעגעגענונג צווישען געטהע'ן און שיללער'ן, האט נאָך קיינער פון זיי ניט געוואוסט, וואס פאר א געוואלטיגען איינפלוס איינער וועט אויס־איבען אויף'ן צווייטען'ס לעבען.

ווי געזאגט, האט זיך געטהע בעגעגענט מיט פרוי פאָן שטיין,

ווען ער האט בעגעגענט שיללער'ן; ער איז געווען קאַלט צו איהר, אבער עס איז גאָר ניט זיכער, אויב זי איז געווען קאַלט צו איהם און אויב זי האט ניט שטאַרק בעדויערט זיין אבוועזענהייט. שעהן און אנציהענד איז זי נאָך אַלץ געווען און עס איז געלעגען אין איהר כח מיט איהם צו טהון וואס זי זאָל וועלען, ווען זי וואָלט נאָר געהאט געַ־נוג מוטה דערצו. עס איז אויך מעגליך, אז זי וואָלט שפּעטער זיך גענומען דעם מוטה, נאָר עס האט עפּעס פּאַסירט, וואס האט געמאַכט אַ סוף פון דיעזער אונאַנגענעהמער ליעבע און אויך אביסעל מעהר רעגולירט געטהע'ס לעבען.

אין הערבסט פון יאהר 1788 האט געטהע שפּאַצירט אין אַ פּאַרק. דאָרט האט ער בעגעגענט קריסטיאַנע וואולפּיוס, אַ יונג מיידעל, וואס האט איהם איבער געגעבען אַ בקשה וועגען איהר ברודער.

קריסטיאַנע האט געהאט לאַנגע געקרייזעלטע רויטע האאר; אנדערע האבען עס גערופען גאָלדענע לאָקען. זי האט געהאט אַ פּאאר רונדע שעהנע באַקען, לאַכענדע אויגען, אַ פּרעכטיגע, ניט מאָגערע פיגור.

וואס האט געטהע אין איהר געזעהען?

אָט דאָ ליעגט אַ שטיק פּסיכאָלאָגישער סוד!

געטהע איז איינפאַך בעגייסטערט געוואָרען פון איהר קערפּער, און אַלע אידעאַלע פרויענצימער, וואס ער האט ביז דאַמאָלס געהאַט, האבען זיך פּלוצלינג אויפגעלעזט אין רויך און פאר זיינע אויגען איז געשטאַנען בלויז דער קערפּער, דער אָנציהענדער קערפּער, פון דער רויטער קריסטיאַנע, איהרע לאַכענדע אויגען, רונדע, שעהנע באַקען, אנגענעהמע טאַליע און אָנציהענדע פיגור!

ער און קריסטיאַנע, געזעלשאַפטליך, זיינען געשטאַנען, אונגע־פעהר אין אַזאַ פערהעלטניס, אָדער אין אַזאַ דערוויטערונג, ווי אַ פּאַשאַ צו זיינער אַ הויז־דיענערין.

קען אַ הויז־דיענערין ענטזאַגען אירגענד אַ וואונש פון דעם פּאַ־שאַ? קען עס גאָר מעגליך זיין, אַז וואס ער זאָל פערלאַנגען זאָל זי זיין דאַגעגען?

מיט איינעם וואָרט, געטהע האט באַלד בעשלאָסען, וואס ער זאָל טהון: זי אריינגעהמען צו זיך אין הויז.

מיר וועלען גאָר ניט וואַרפען קיין שום פלעק אויף געטהע'ן, ווען

מיר ווע‍לען זאגען, אז איהם האט זיך אויפ'ן פלאַטץ גאָר ניט גע‍־חלומ'ט, וואס עס וועט ווערען פון קריסטיאַנע'ן: ער האט געוואָלט א פרויענצימער און ער האט זי גענומען; דאסזעלבע האבען געטהאָן טויזענדער פון זיין גראַד צו זיין צייט און אויך שפּעטער.

קריסטיאַנע איז געוואָרען, ווי מען רופט, זיין מעטרעסע. אנ־דערע, וואס ווילען זיך אויסדריקען עדעלער, זאגען, אז זי איז געוואָ־רען זיין פרוי אָהן צערעמאָניע.

ווי די זאך איז, זי איז אויך געוואָרען די מוטער פון זיינע קינדער.

אַט אזוי האבען זיי אָבגעלעבט צוזאמען א קימא־לן פון א יאהר 18. דאס הייסט, ביז 1806. און דאמאָלס ערשט האט ער זי געהיי־ראטהעט. ער האט עס געטהאָן דערפאר, ווייל אין די פעלקער־אונ־רוהען, וואס זיינען דאמאָלס פאָרגעקומען, האט ער מורא געהאט, אז זיין עלטערער זוהן וועט פערלירען זיין געזעלשאפטליכע שטעלונג.

קריסטיאַנע איז געווען כמעט גאָר אָהן א שום בילדונג, און ער האט זי ניט געקענט מיטנעהמען אין די הויכע געזעלשאפטען, וואוהין ער איז געגאנגען. זי איז אבער פון דעסטוועגען געווען א גוטע און ליעבענדע פרוי, און אזוי ווי זי האט בעלאַנגט צו יענע פרויען, וואס האבען א נאטירליכען שארפען פערשטאַנד, האט זי געקענט זיין אפילו דער גייסטיגער קאָמפּאַניאָן פון דעם גייסטיגען מאַן געטהע.

מיר האבען שוין איינמאָל בעמערקט, אז געטהע האט זיך בעגע־גענט מיט שיללער'ן מיט א רייהע יאָהרען צוריק. אבער זיין אמת'ע בעקאַנטשאפט און פריינדשאפט האבען זיך ענטוויקעלט ערשט מיט א רייהע יאָהרען שפּעטער. און דיעזע פריינדשאפט איז געווען ווירק־ליך כאהבת דוד ויונתן; זיי האבען ביידע געוואוינט אין ווייכאַר, און אָבוואָהל שיללער איז געווען אינגער ווי געטהע מיט צעהן יאהר, איז עס דאָך געווען בעשערט, אז שיללער זאָל פריהער געהען פאר איהם.

דיביידע גרויסע גייסטער האבען געארבייט צוזאמען און גע־ווירקט צוזאמען; איינער האט בעאיינפלוסט דעם צווייטען, און זיי האבען זיך געליעבט מעהר ווי ברידער.

אין אָנפאנג פון 1805, האט געטהע בעהויפּטעט, דאס ער איז

זיכער, ער פיהלט עס, אז ענטוועדער ער אָדער שיללער מוז שטארבען אין יענעם יאהר.

אין מאָנאט יאנואר זיינען זיי ביידע קראנק געוואָרען. שיללער האט נאָר וואס געענדיגט איין ווערק און האט אָנגעפאנגען א צווייטעס. געטהע איז אויך געווען בעשעפטיגט מיט ליטעראַרישע ארבייטען. שיללער איז אבער געווען דער ערשטער זיך צו ערהאָלען פון זיין קראנקהייט, און בעזוכענדיג געטהע'ן אין זיין קראנקען־צימער, איז ער געפאלען אויף זיין האלז און געוויינט, זייענדיג דערביי שטארק גערירט.

אם 29טען אַפּריל האבען זיי זיך געזעהען צום לעצטען מאָל. שיללער און געטהע זיינען געווען אויפ'ן וועג צום טהעאטער, וואוהין געטהע אבער, זייענדיג שטארק קראנק, האט ניט געקענט געהען. זיי האבען זיך צושיידט ביי דער טהיר פון שיללער'ס הויז. שיללער איז געשטאָרבען אין אבענד פון 9טען מאי. קיינער האט ניט געוואגט צו זאגען געטהע, אז זיין פריינד איז טויט, אבער ער האט זיך געמערקט אויף די געזיכטער ארום איהם, אז שיללער פיהלט ניט גוט, אָדער ער מוז זיין זעהר קראנק.

אויפ'ן צווייטען מאָרגען, נאָך שיללער'ס טויט, ווען זיין פרוי איז אריין געקומען אין זיין צימער, האט ער בעמערקט:

„איז עס ניט אמת, אז שיללער איז נעכטען געווען זעהר קראנק?"

זי האט אָנגעהויבען צו וויינען.

ער האט פערשטאַנען.

„ער איז טויט!" האט ער אויסגעשריען.

„דו האָסט עס אליין געזאגט," האט זי געענטפערט.

„ער איז טויט, טויט!" האט ער געמורמעלט מיט א שוידער, און, זיך אומקעהרענדיג אויף א זייט, האט ער בעדעקט זיין געזיכט מיט זיינע אויגען און געכליפּעט ווי א קליין קינד.

אָבוואָהל דאס איז געווען א גרויסער פערלוסט, וואס שיללער איז געשטאָרבען, האט איהם אבער זיין פריינד געטהע מקנא געווען, וואס ער האט ניט דערלעבט צו זעהען די בהלות, וואס האבען אויסגעבראָכען נאָך זיין טויט — בהלות, וואס האבען געסטראַשעט צו פערניכטען אלעס, וואס זיי האבען געליעבט און געשעטצט, אלס קינדער פון דעם דייטשען פאָלק.

אם 14טען אָקטאָבער, 1806, האט שטאטגעפונען די שלאַכט ביי יענא. דער גאנצער הויף איז ענטלאָפען פון ווײמאר. אין אבענד, נאָך דער ניעדערלאגע, האבען די זיעגענדע סאָלדאטען צופלינדערט ווײמאר. פיעלע פון געטהע'ס פריינד האבען פערלאָרען אלעס, וואס זיי האבען געהאט.

געטהע'ס אייגענעס פערמעגען און פיעללייכט אויך זיין לעבען, זיינען געראטעוועט געוואָרען דורך דעם מוטה פון זיין פרוי. קריס־טיאַנע האט זיך אַניעדער געשטעלט ביי דער טהיר און געשריען צו די פראנצויזישע אָפיצירען, אז דאָרט וואוינט געטהע, דער מאַן מיט וועלמען עס קלינגט די וועלט, און אויב זיי, די אָפיציערען, זיינען ציוויליזירטע מענשען, אויב זיי האבען עפּעס רעספּעקט פאר אזעלכע מע־נער ווי געטהע, דאַן דארפען זיי צוריקרופען די ווילדע, רויבענדע סאָלדאטען.

איהרע ווערטער האבען געווירקט.

שפּעטער האט זיך איינגעקוואַרטירט דער מארשאַל אָזשעראָ אין זיין הויז, און דיעזער פאַקט אַליין איז שוין געווען גענוג, מען זאָל דאס הויז ניט טשעפּען.

אם 15טען אָקטאָבער איז נאַפּאָלעאָן באָנאַפּארט אריינגעקומען קיין ווײמאר. געטהע איז איהם ניט געגאַנגען זעהען.

די פירסטין לואיזע האט זיך געווענדעט צו נאַפּאָלעאָנען און ווײנענדיג און בעטענדיג, האט זי אויסגעווירקט א פערצייהונג פאר איהר מאַן.

ערשט אין הערבסט פון יאהר 1808, האט זיך נאַפּאָלעאָן און געטהע בעגעגענט. מען מעג מיט רעכט זאגען, אז דאַמאָלס האבען זיך ניט נאָר בעגעגענט די גרעסטע צוויי מענשען פון אייראָפּא, נאָר פיעללייכט אויך די גרעסטע צוויי זשעניען פון דעם ערד־קוגעל.

עס איז געווען ביי דער קאָנפערענץ אין ערפורט, וואו די קעניגע און פירסטען פון אייראָפּא האבען זיך פערזאמעלט. געטהע איז אהין געקומען אויף דעם בעפעהל פון זיין פירסט.

אם 2טען אָקטאָבער איז ער איינגעלאַדען געוואָרען אויף אן אוידיענץ מיט דעם גרויסען נאַפּאָלעאָן. דער קייזער איז געזעסען ביי א גרויסען, רונדען טיש, עסענדיג זיין פריהשטאק. ער האט גע־

וואונקען צו געטהע'ן, ער זאל צוקומען נעהנטער. דאן האט ער איהם געזאגט די כאראקטעריסטישעווערטער:

„וואר־זעט ען אם!" — איהר זייט א מענש!

נאפאלעאן, וועלכער האט אימער ליעב געהאט אנצושפיעלען אויף דעם ווארט „מענש," דאס הייסט, בעהויפטענדיג, אז זעלטען ווען איינער פערדיענט זיך דיזען נאמען, האט בעגריסט געטהע'ן גראדע מיט דיזען נאמען, לעגענדיג גרויס געוויכט אויף דעם.

ער האט דאן געפרעגט געטהע'ן ווי אלט ער איז, און, ערפאהרענדיג, אז ער איז שוין אן עלטערער מענש, האט ער אויסגעדריקט זיין ערשטוינען איבער זיין יוגענדליכעס אויסזעהען.

דאן האט ער צו איהם געזאגט:

„מאנסיע געטהע, אייער „ווערטהער" האב איך איבערגעלעזען זיעבען מאל."

און, ווי דער שטענגער איז געווען פון נאפאלעאן, צו בעווייזען, אז ער ווייס אלעס און קען אלעס, האט ער געמאכט עטליכע שארפע קריטישע בעמערקונגען איבער דער האנדלונג אין „ווערטהער."

דאן האט נאפאלעאן ווייטער בעמערקט, אז די דראמאטישע טראגעדיע דארף זיין די שולע פאר קעניגע און פעלקער; אז עס איז ניטא קיין אינטערעסאנטערע טהעמא ווי דיזע פון יוליוס צעזאר, אבער וואלטער האט דאס ניט אויספיהרליך בעהאנדעלט; אז א גרויסער דיכטער וואלט איבערהויפט זיך אבגעשטעלט אויף צעזאר'ס פלענער, דורך וועלכע ער האט געוואלט בענייען און אויפפרישען די וועלט, און דערביי בעווייזען, וואס פאר א פערלוסט די וועלט האט געליטען דורך דעם, וואס מען האט איהם ערמארדעט.

ער האט אויך איינגעלאדען געטהע'ן קיין פאריז, איהם מיטטהיילענדיג, אז דארט, אין פאריז, איז דער מיטעלפונקט פון גרויסע וועלט־בעוועגונגען, און דארט וואלט ער געפונען טהעמאס, פאסענדיג פאר זיין קונסט.

זיי האבען זיך צושיידט מיט א געגענזייטיגער בעוואונדערונג. זייט יענער צייט האט נאפאלעאן'ס ביוסט קיינמאל ניט אויסגעפעהלט פון געטהע'ס שטודיר־צימער.

אין 1809, האט געטהע געענדיגט א מערקווירדיגעס ווערק אונטער דעם נאמען „דיע וואהלפערוואנדשאפטען." זיינע שטרענגע קריי־

טיקער ווילען דערמיט בעווייזען, אז געטהע האט איבעראל, אין זיינע ווערק, געהאט אונמאראלישע אבזיכטען, און אין „וואהלפערוואנד־שאפטען" איבערהויפט האט ער דאס ארויסגעוויזען.

די טהעמא איז פאלגענדע:

א פערהייראטעטעס פאארעל, עדווארד און שארלאטטע, בעקענען זיך מיט צוויי אונפערהייראטעטע פערזאנען, א קאפיטאן און א געוויסע אטטיליע. א קרייץ־אנציהונג קומט פאר, וועלכער איז עהנליך צו געוויסע ערשיינונגען ביי כעמישע עקספערימענטען: עדווארד פערליעבט זיך אין אטטיליע'ן און שארלאטטע אין קאפיטאן; אדער אטטיליע פערליעבט זיך אין עדווארד'ן און דער קאפיטאן אין שארלאטטע'ן.

ווי אזוי די פעראייניגונגען קומען פאר, האט עס געטהע געשילדערט און געמאהלען מיט א וואהרער מייסטער־האנד.

וואס איז געווען זיין אבזיכט? פרעגען די שטרענגע קריטיקער.

דער ענטפער איז: אז געטהע האט געוואלט בעווייזען, דאס דער מענש איז ניט פריי אין זיין ווילען, אין זיין שטרעבען, אין זיין וואהל און אין זיין ליעבע; אז דער מענש טהוט נאר צו וואס אומשטענדען פיהרען איהם, און עס איז אפטמאל אן ארויסגעווארפענע ארבייט צו קעמפפען געגען די אונבעזיעגבארע אומשטענדען.

אזוי זאגען די זא־געגאנטע שטרענגע קריטיקער, וועלכע זוכען חסרונות אויף געטהע'ן; אנדערע ווידער בעהויפטען, אז געטהע האט געוואלט בעווייזען צו וואס פאר אן אונגליק שוואכקייט אין מענשליכען ווילען קען פיהרען.

אין אלגעמיינעם אבער, איז דאס ווערק פול מיט ערנסטע און ערהאבענע אבזיכטען, און עס גיט אויך א שרעקליכע ווארנונג צו מענשען.

די לעצטע 12 יאהר פון געטהע'ס לעבען, נאכדעם ווי ער האט גע־פייערט זיין 70־יעהריגען געבורטס־טאג, זיינען אבגעגעבען געווארען צו קריטיק איבער ליטעראטור פון פרעמדע לענדער. אין דערזעלבער צייט האט ער אויך געשריעבען זיין צווייטען טהייל „פאוסט."

פיעל, פיעל האט מען געשריעבען, גערעדט און דיסקוטירט אי־בער דעם צווייטען טהייל „פאוסט." מאנכע מענשען ווילען אין איהם געפינען געוואלטיגע געהיימניסע און שוידערהאפטע פערדארבענהיי־

טען. דער אמת שיינט אבער צו זיין, אז עס איז דאס ווערק פון אן אַלטען מאַן, וועלכער איז, צייטענווייז, שוין ניט געווען מיט גאַנץ קלאָרע געדאַנקען, און אָבוואָהל פאַר דער ליטעראַטור האט עס א ווערטה, האט עס א קנאַפּען שייכות מיט זיין ערשטען טהייל „פאַוסט," וואס איז פול מיט יוגענד, לעבען, פילאָזאָפיע, געדאַנקען און ערהאַ־בענע אידעען.

פון דעסטוועגען, ווען ער האט געענדיגט דעם צווייטען טהייל „פאַוסט," האט געטהע געשפּירט, אז זיין לעבענס־ארבייט איז צו ענדע און מען דאַרף זיך פאַרבערייטען אין וועג פון אייביגקייט.

א שרעקליכען קלאַפּ האט ער געהאַט אין יאהר 1816, ווען זיין פרוי, נאָך א פעראייניגונג פון דרייסיג יאהר, איז געשטאָרבען. ער האט זיך גאָר ניט געקענט טרייסטען נאָך איהר. זיין בעסטע פריינ־דין, די פירסטין אמאַליא, איז געשטאָרבען נאָך מיט אכט יאהר צוריק, באַלד נאָך זיין אייגענער מוטער'ס טויט.

אליין! דיעזער געדאַנק האט איהם פערצווייפעלט.

און דיעזע איינזאַמקייט האט זיך פערמעהרט און פערגרעסערט פון יאהר צו יאהר.

אין יאַנואַר, 1827, איז געשטאָרבען פרוי פאָן שטיין, די פרוי, וואס האט ביי איהם ארויסגערופען בעוואונדערונג, פערטרויען און ליעבע. אין יוני, 1828, איז געשטאָרבען זיין פריינד און יוגענד־קאָמפּאַניאָן, דער גרויס־פירסט קאַרל אויגוסט. געטהע האט מיט א מערקווירדיגער רוהיגקייט ערהאַלטען דיעזע נאַכריכט און בלויז בע־מערקט:

„יעצט איז אַלעס פאַראיבער."

די גרויס־פירסטין לואיזע האט געלעבט ביז 1830, אבער ווען געטהע איז געשטאָרבען אין 1832, איז ניט איבער געבליעבען אין ווייאמאַר קיינער פון דער אַלטער קלאַסע.

אבער געטהע איז נאָך ניט געשטאָרבען גלאַט אזוי פערלאָזען פון די אַלטע פריינד. ער האט געהאַט איין־איינציגען זוהן, וועלכער איז אפילו געווען א מאָראַלישער שוועכלינג, און, ווי מען זאגט, „ניט קיין לייט." אבער געטהע האט איהם געליעבט, אונגעהייער פיעל געליעבט. אָט דיעזער בן־יחיד איז אויך געשטאָרבען ביי געטהע'ס לעבען, אין יאהר 1830. נאָך מעהר, געטהע'ס שמערץ איז געווען

נאָך גרעסער דערפאר, ווייל זיין בן־יחיד איז געשטאָרבען אין רוים, און ער האט איהם אפילו ניט געקענט זעהען פאר זיין טויט.

דער פּאָרהאַנג איבער דער גרויסער דראַמע פון געטהע'ס לעבען, האט ענדליך אָנגעהויבען צו פאַלען אַם דאָנערשטאַג, דעם 15טען מערץ, 1832. זיין לעצטער טאָג איז גראַדע געווען א פרעהליכער און א מונטערער. די יונגע גרויס־פירסטין און אַנדערע פריינד האבען איהם בעזוכט. אויפ'ן צווייטען טאָג האט ער ערוואַכט מיט א פער־קיהלונג. פון דעם האט ער אויסגעזעהען זיך צו ערהאָלען, און אַם מאָנטאַג האט ער אויסגעזעהען צו פיהלען אזוי גוט, דאס ער האט זאָ־גאר געפּלאַנט פּאָרטצוזעטצען א ליטעראַרישע ארבייט. ארום האַלבע נאַכט אבער האט ער זיך אויפגעכאַפּט פיהלענדיג א טויטע קאַלט־קייט זיך צושפּרייטענדיג איבער זיין גאַנצען קערפּער. עס האט גע־דויערט פיעלע שטונדען, ביז דיעזע קאַלטקייט איז איינגעשטילט גע־וואָרען.

אבער די קאַלטקייט האט זיך קאָנצענטרירט אויף איין פּלאַץ, אין זיינע לונגען, און ארויסגערופען אַן ענטצינדונג. די ערצטע האַ־בען באַלד איינגעזעהען, אז פון רעטונג איז קיין רעדע ניט מעהר; אז די אַלטע לונגען מיט דעם אַלטען קערפּער וועלען שוין ניט קענען אריבערטראַגען אזאַ שווערען אָנגריף.

מערקווירדיג, ווי געטהע אליין, האט אבער ניט ערוואַרטעט דעם טויט גראַדע דאַמאָלס.

פּאָלשטענדיג אָנגעקליידעט, האט ער זיך אריינגעזעטצט אין זיין ארם־שטוהל, פּרובירט אריינצוגעהען אין זיין שטודיר־צימער, גערעדט איבער זיין געזונד ווערען און אויסגערעכענט די פּלענער פון זיינע שפּאַציר־גייענג פאר'ן מאָנאַט אַפּריל.

זיין שנור, אָטטיליע, האט איבער איהם אויפגעפּאַסט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט.

אין דעם פריה־מאָרגען פון דעם 22־טען, האבען זיינע כוחות איהם פּערלאָזען. ער איז געזעסען דרעמלענדיג אין זיין שטוהל, בשעת ער האט געהאַלטען אָטטיליע'ס האַנד אין זיינער.

איהר נאָמען, אָטטיליע'ס, איז כמעט בעשטענדיג געווען אויף זיינע ליפּען.

אבער געטהע האט, אין זיינע לעצטע מינוטען, אָפט פּערלאָרען

די קאָנטראָלע איבער זיינע געדאַנקען. זיינע ליפּען האבען דערמאָהנט מעהרערע מאָל שיללער'ן, אויך די נעמען פון די שעהנע פרויען, וואס האבען אמאָל, אין זיין יוגענד, דערפרייט זיין ליעבענדעס הארץ. ער האט וויעדער פאַנטאַזירט איבער זיי, דערצעהלענדיג ווי שעהן, ווי געטטליך זיי זיינען געווען.

זיינע לעצטע ווערטער זיינען געווען צו זיין דיענער:

„מאַך אויף דאס פענסטער, זאָל אריין מעהר ליכט!"

ווייטער האט ער מעהר ניט גערעדט.

דאַן האט ער געמאַכט סמנים אין דער לופט, גלייך ווי ער וואָלט געצייכענט בוכשטאַבען מיט אַ פינגער.

אום האַלב־צוועלף, פאָרמיטאַג, האָט ער זיך ווי צוזאַמענגענו־מען, זיך איינגעקאָרטשעט אין אַ ווינקעל פון זיין שטוהל, און אָהן אַ שום סימן פון שמערץ איז ער רוהיג איינגעשלאָפען. יעדער האט גע־מיינט, אַז ער שלאָפט, ווען ער איז שוין געווען טויט.

מען האט איהם בעהאַלטען אין דעם גרויס־פירסטליכען קברים־פלאַטץ, דאָרט וואו שיללער'ס קערפּער איז אויך בעהאַלטען.

אָט אזוי איז געפאַלען דער פאָרהאַנג איבער דעם לעבען פון דעם גרויסען דייטשען דיכטער!

ווערטהער׳ס ליידען.

פאָררעדע פון איבערזעצער.

עס ווערט בעהויפּטעט, אז דעם „יונגען ווערטהער'ס ליידען" איז דאס גרעסטע פּאָעטישע ווערק פון זיין ארט. בעסער געזאגט, אלס ליעבעס־ראָמאַן, אלס ליעבעס־ראָמאַן, וואס שילדערט די פערצווייפלונג פון א יונגען מאַן, איז דאס א מייסטערווערק, וואס שטעהט איינציג און אליין.

די פאָרמע, אין בריעף, ווי דיעזעס ווערק איז געשריעבען, איז צו יענער צייט, אין איירָאפּא, געווען אי א נייע, אי א פּאָפּולערע. עס איז אויך ניט געווען קיין גרינגע פאָרמע, נאָר געטהע האט זיך געהאַל־טען ביי דער נאַטירליכקייט אזוי ווייט ווי נאָר מעגליך.

אלע פּערזאָנען אין „יונגען ווערטהער'ס ליידען" זיינען לעבע־דיגע מיט אויסנאַהמע פון אַלבערט'ן, לאָטטע'ס מאַן, וועלכער איז אָפּטמאָל אביסעל איבער־מענשליך.

אבער ניט דאס ווילען מיר דאָ בעהויפּטען.

דעם „יונגען ווערטהער'ס ליידען" האבען, אין יענער צייט, ארויסגערופען אזא שטורם צווישען די ראָמאַנטיקער און צווישען דער ראָמאַנטישער יוגענד, אז מען האט געגרינדעט זעלבסטמאָרד קלובּס און ניט נאָר איין יונגער מאַן האט זיך גענומען דאס לעבען, איינער האט געמאַכט א סוף פון זיין לעבען דורך ווירקליכע ליעבע, א צווייטער דורך איינגעבילדעטער ליעבע, א לאַ דאָן קיכאָט, און א דריטער גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין.

דאס אלעס איז געווען דער רעזולטאַט פון דעם „יונגען ווער־טהער'ס ליידען." און דאָך, ווען מיר בעטראַכטען יעצט דעם יונגען ווערטהער, ווערען מיר גאָר ניט אזוי שטאַרק בעגייסטערט פון איהם.

מיר זעהען פאר זיך א יונגען מאַן, וועלכער איז די שוואַכקייט אליין. ער איז געווען שוואַך פון אָנפאַנג ביז צו ענדע.

ווען ער האט זיך נאָר בעגעגענט מיט לאָטטע'ן, האט ער זיך שוין

פערליעבט אין איהר. אנשטאט צו האבען דעם מוטה און איהר באלד ערקלערען זיין ליעבע, לאזט ער עס געהען און ער מאכט קיין דירעקטע אנדייטונג ביז העט, העט ווייט, ווען זי האט שוין לאנג חתונה געהאט, געוואוינט מיט'ן מאן איהרען, און ערשט דאן, קורץ פאר זיין לעצטען שרעקליכען ענטשלוס, פערבלאנדזשען זיינע ליפען אויף איהרע און מיר הערען עפעס.

געטהע האט אודאי גערעכענט צו שילדערן אין איהם דעם מאדעל פון א פערליעבטען, א מין העלד, א מין ביישפיעל פון א ליעבהאבער, אין אמת'ן אבער, איז פון איהם ארויסגעקומען א גרויסער שוועכלינג.

ער איז געווען שוואך צו ערקלערען זיין ליעבע, ער איז געווען שוואך אבצוהאלטען די געליעבטע די זאל ניט חתונה האבען מיט אן אנדערן, ער איז געווען שוואך אבצורעדען די געליעבטע פון מאן, ער איז געווען שוואך צו קענען דאס אלעס אריבערטראגען, און אלס שוועכלינג איז ער סוף־כל־סוף ענטלאפען פון דער וועלט.

אין יענער קלאסיש־ראמאנטישער פעריאדע פון אייראפא, איז דאס געווען א גרויסע חריפות, נאר אין דעם יעצטיגען דייטשלאנד, וואו א פריעדריך ניעטצשע האט לעצטענס געלעבט און געפרעדיגט, רופט מען אן אזא העלד ווערטהער מיט דעם נאמען „פייגע מעמע,“ אדער טרוסעוואטע בריאה.

פון דעסטוועגען איז דעם „יונגען ווערטהער'ס ליידען“ פאזיטיוו א קלאסישעס ווערק און מיט אלע זיינע חסרונות שטעהט דאס נאך ווייט, ווייט העכער פון פיעלע וועלט־בעריהמטע ראמאנען, וואס האבען, אין דער לעצטער צייט, צוגעצויגען גרויסע אויפמערקזאמקייט.

די פארזיכטיגקייט, גענויאיגקייט און פינקטליכקייט פון דער שילדערונג אין „יונגען ווערטהער'ס ליידען,“ זיינען פאזיטיוו דער פועל־יוצא פון דער שווערער ארבייט פון א גרויסען זשעניע.

דער איבערזעטצער.

———:———

פאָרוואָרט.

א לצדינג וואס איך האב נאָר געקענט אויסגע־
פינען פון דער געשיכטע פון דעם ארעמען
ווערטהער, האב איך פלייסיג אָנגעזאַ־
מעלט. איך לעג עס אייך דאָ פאָר און איך ווייס, אז איהר
ווערט מיר דאנקען. איהר ווערט זיך ניט קענען אָבזאָגען צו
בעוואונדערן זיין גייסט און זיין כאראקטער און איהר ווערט
זיך אויך ניט אָבזאָגען צו געבען אייערע טרערען פאר זיין
שיקזאַל.

און דו, גוטע זעעלע, וואס פיהלסט אזעלכע יסורים,
ווי ער האט געפיהלט, שעפּ טרייסט פון זיינע צרות, און
לאָז דאס דאָזיגע ביכעל זיין דיין פריינד, ווען דו האסט
קיין מזל ניט צו, אָדער דורך אייגענער שולד, קענסטו ניט
געפינען קיין בעסערן פריינד.

דער פערפאסער.

ערשטעס בוך.

דען 4טען מאי.

ווי צופריעדען איך בין, וואס איך בין אוועק! בעסטער פריינד, וואס איז גאָר אַ מענשען׳ס הארץ? שטעל דיר פאָר, דיך, וועמען איך ליעב אזוי, פון וועמען איך האב מיך ניט געקענט שיידען, האב איך פערלאָזט, און דאָך בין איך אזוי צופריעדען. איך וויים, דו ביסט עס מיר מוחל. מיינסטו ניט, אז דאס שיקזאל האט אויסגעזוכט אלע מיינע קרובה׳שאפטען, כדי אזא הארץ ווי מיינס צו ערגערן? די ארעמע לעאָנאָרא! און דאָך בין איך געווען אונשולדיג. וואס האב איך געקענט טהון, ווען דער מערקווירדיגער חן פון איהר שוועסטער האט מיר גע־געבען אזא אונטערהאלטונג, אז דערפון איז געוואָרען א ליידענשאפט אין דעם ארעמען הארצען? און דאָך — בין איך טאקי גאנץ אונשול־דיג? האב איך ניט ערמוטהיגט איהרע געפיהלען? האב איך מיך דען ניט אונטערהאלטען און געלאכט איבער די אמת׳ע אויסדריקע פון דער נאטור, כאָטש זיי זיינען געווען אזוי וועניג לעכערליך? האב איך ניט— אבער, מישטיינס געזאגט, וואס איז גאָר דער מענש, אז ער זאָל זיך דארפען בעקלאגען אויף זיך אליין? ליעבער פריינד, איך וויל און איך פערשפרעך עס דיר, מיך צו בעסערן, איך וויל ניט מעהר מעלה־גרה׳ן דאס ביסעל צרות וואס דאס מזל גיט אונז, ווי איך האב תמיד געטהאָן; איך וויל געניעסען פון דעם איצט, און וואס עס איז געווען, איז מעהר ניטאָ. געוויס האסטו רעכט, אַ עס וואָלטען געווען וועניגער צרות צווי־שען מענשען, ווען זיי זאָלען ניט—גאָט וויים, פאר וואס זיי זיינען אזוי בעשאפען — יא, ווען זיי זאָלען זיך ניט בעמיהען דורך פלייסיגקייט און איינבילדונג, צוריק צו רופען די זכרונות פון געוועזענע שלעכ־טיקייטען, ווי צו זיין צופריעדען מיט א גלייכגילטיגען יעצט.

דו ווערסט זיין אזוי גוט און מודיע זיין מיין מאמען, אז איך וועל שוין אם בעסטען בעזאָרגען איהרע געשעפטען און דערנאָך וועל איך איהר באלד לאָזען וויסען, וואס עס איז געווארען. איך האב גערעדט מיט דער מוהמע'ן, און, הערסטו, זי איז גאָר ניט אזא שלעכטע פרוי ווי מען האט איהר ביי אונז געמאכט א שם. זי איז א פרעהליכע און לעבעדיגע וויבעל מיט א גוטעס הארץ. איך האב איהר דערצעהלט איבער די טענות, וואס מיין מאמע האט וועגען דעם צוריקגעהאלטענעם חלק ירושה; זי האט מיר מיטגעטהיילט די גרינדע, סבות און בעדינגונגען אונטער וועלכע זי איז פארטיג אלעס ארויסצוגעבען, און נאָך מעהר ווי מיר פערלאַנגען — בקיצור, אבער איך דארף מעהר וועגען דעם ניט שרייבען, זאג נאָר מיין מאמע'ן, אז אלצדינג וועט זיין כשורה. הער־סטו, מיין פריינד, אַט ביי דיעזען קליינעם געשעפטעל האב איך אויס־געפונען, אז שלעכט־פערשטעהען און פוסטע־פאַס מאכען אָן מעהר צרות אין דער וועלט ווי כיטראָסט און שלעכטסקייט. לכל הפחות זיינען די לעצטע צוויי געווים זעלטענער אין דער וועלט.

צום איבריגען געפין איך מיך דאָ אין א גאַנץ גוטער לאַגע. די איינזאמקייט איז פאר מיין הארצען ווי דער בעסטער באַלזאם. אין דיעזער גן־עדן געגענד, און דיעזע יאהרעסצייט פון דער יוגענד, וואַרעמט אוים מיין הארץ, וואס ציטערט אזוי אָפט. יעדער בוים, יעדעס בערגעלע גראַז איז א בוקעט פון בליטהען. עס ווילט זיך דאָ ווערען א זומער־פייגעלע און ארום שוועבען אין ים פון פארפומען, אום אין דעם צו געפינען חיונה.

די שטאדט גופא איז ניט שטארק אנגענעהם, דערפאר אבער איז ארום־און־ארום אזא שעהנהייט פון דער נאַטור, וואס מען קען גאָר ניט אבשילדערן. אַט דאס האט בעוואויגען דעם פערשטאָרבענעם גראַף מ.... צו פלאנצען זיין גארטען אויף איינעם פון די בערג, וואס זיינען דורכגעקרייצט מיט פערשיעדענע שעהנהייטען און בילדען די ליעבליכסטע טהאָלען. דער גארטען איז איינפאַך, און גלייך ווי מעז קומט אריין דערפיהלט מען באלד, אז דארט האט ניט געארבייט קיין וויסענשאַפטליכער גערטנער, נאָר א פיהלענדעס הארץ האט אויסגע־לעגט דעם פּלאַן, כדי צו קענען אליין געניעסען דערפון. איך האב שוין פערגאָסען א היבשע ביסעל טרערען לזכרון פון דעם פערשטאָר־בענעם, און דעם פערוויסטען חייזעל, וועלכעס איז אמאָל געוועזן זיין

ליעבלינגס־אָרט און איז אויך יעצט מיינער. באַלד וועל איך ווערען בעל־הבית פון גארטען; דער גערטנער איז צו מיר זעהר פריינדליך זייט די פּאאר טעג וואס ער קען מיך, עס וועט ניט באַנג טהון.

דען 10טען מאַי.

א וואונדערבארע שמחה האט ארומגענומען מיין גאַנצע נשמה, אַט גראדע ווי דעם פריהלינגס־מאָרגען, וואס איך געניעס יעצט. איך בין אליין און איך פרעה מיך מיט מיין לעבען אין דיעזער געגענד, וועלכע איז געשאַפען געוואָרען פונקט פאר אזעלכע נשמות ווי מיינע. איך בין אזוי גליקליך, אזוי פערזונקען אין די חושים פון דעם חומר, אז מיין קונסט ליידט דערפון. איך קען יעצט ניט צייכענען, אפילו קיין שטריך ניט מאכען, און דאָך בין איך קיינמאָל ניט געווען קיין גרעסערער מאלער ווי יעצט. ווען דער ליעבער טהאָל ארום מיר גיט ארוים א פּארע, און די הויכע זונן רוהט איבער דער ניט־דורכדרינג־ליכע פינסטערניש פון מיין וואלד, און בלויז איינציגע שטראהלען גנב'ענען זיך אהיין אין קדשי־קדשים, דאַן ליעג איך מיר אין הויכען גראָז ביים לויפענדען טייך, און נאָהענט צו דער ערד בעטראַכט איך מיר די מערקווירדיגקייט פון טויזענד פערשיעדענע גרעזעלעך; ווען איך הער דאס רוישען פון דער קליינער וועלט צווישען די שטעקעלאַך, און איך פיהל די אונצעהליגע און אונערגרינדליכע געשטאַלטען פון די ווערעמלעך און פליעגעלעך נאָהענט צו מיין הארצען, און איך פיהל אויך די געגענוואַרט פון דעם אַלמעכטיגען, וואס האט אונז בעשאַפען אין זיין געשטאַלט; ווען איך הער דאס וועהען פון דעם געליעבטע־סטען, וועלכער טראָגט אונז שוועבענדיג און איז אונז מחיה אין איי־ביגען גליק — מיין פריינד, ווען עס ווערט דאַן טונקעל פאר מיינע אויגען און די וועלט ארום מיר מיט דעם הימעל רוהען אין מיין נשמה ווי די געשטאַלט פון א געליעבטער; דאַן בייבק איך אָפט און איך טראַכט מיר: אך, ווען דו וואָלסט דאס אַלעס געקענט אויס־דריקען, ווען דו וואָלסט דאס אַלעס געקענט איבערגעבען אויפ'ן פּאפּיר — דאס אַלעס, וואס איז אזוי פול, וואס לעבט אין דיר אזוי

ווארעם, ביז עס ווערט דער שפּיעגעל פון דיין נשמה, ווי דיין נשמה איז דער שפּיעגעל פון דעם אונענדליכען גאָט!

מיין פריינד — אבער גענוג, דאס רואינירט מיך, איך פאַל אונ־טער דעם כח פון דער הערליכקייט פון דיזע ערשיינונגען.

דען 12טען מאי.

איך וויים ניט אויב טויזענדער פערפיהרערישע גייסטער שוועבען ארום אין דיזער געגענד, אָדער, אויב עס איז די ווארעמע, הימלישע פאַנטאַזיע פון מיין הארצען, וועלכע מאַכט פאַר מיר אלעס ארום זאָל אויסזעהען אזוי גן־עדן'דיג. אָט דאָ ניט וויט פון דאַנען געפינט זיך א ברונען, א ברונען, צו וועלכען איך בין צוגעקאָוועט מיט מעלוזינע מיט איהרע שוועסטער. — דארפסט נאָר ארונטער געהען א בערגעל, און באַלד ביסטו ביי א געוועלב, און בלויז צוואַנציג טרעפּען ניעדריגער פליעסט דאס קלאַרסטע וואסער פון א מאַרמאָר־פעלזען. די קליינע מויער, וועלכע צאַמט אלעס ארום, די הויכע בוימער, וואס בעדעקען ארום דעם פּלאַטץ, די קיהלקייט פון דעם אָרט, דאס אלעס האט אין זיך עפּעס זעהר אנציהענדעס און אויך שרעקליכעס. עס געהט ניט פאַראיבער א טאג, איך זאָל דאָ ניט אָבזיטצען א שטונדע. דאַן קומען די מיידלאַך פון דער שטאָדט און נעהמען וואסער, די אונשעדליכסטע בעשעפטיגונג און אויך די נעטהיגסטע, וואס די בת־מלכות פון אַמאָל פלעגען אליין טהון. ווען איך זיטץ מיר דאָ אזוי, דאַן לעבט אין מיר ווידער אויף די אידעע פון די אבות, ווי זיי פלעגען אלע שליעסען בעקאַנטשאַפט און אויך ער־קלערען ליעבע ביים ברונען — אַך, איך פיהל ווי עס שוועבען די גוטע נשמות ארום די ברונענס און קוואלען. אַך, דער וואס האט זיך קיינמאָל ניט אָוועקגעלעגט טרינקען, אין א הייסען זומער־טאג פון וואנדערן, נעבען א קיהלען ברונען, האט דאס אלעס ניט געפיהלט!

דען 13טען מאי.

פרעגסט אויב דו זאָלסט מיר שיקען מיינע ביכער? — ליעבער,

איך בעט דיך, דערמאָהן זיי מיר גאָר ניט! איך וועל מעהר ניט זיין געפיהרט, ערמונטערט און בעגייסטערט; מיין הארץ שטורמט גענוג אויך אָהן דעם; וואס איך בעדארף, איז א וויעגען־ליעד און דאס האב איך גענוג געפונען אין האָמער. ווי אָפט איך וויעג דאס איין מיין אויפגעקאָכטעס בלוט; ווייל אזוי ניט גלייך, אזוי ניט שטאנדהאפט ווי ־יעזעס הארץ איז, האסטו נאָך ניט געזעהען. פריינד, דארף איך דיר עס זאגען — דו, וועלכער האט געהאט די לאסט מיך אזוי אָפט צו זעהען איבערגעהען פון קומער צו אויסגעלאסענהייט און פון זיסער מרה־שחורה צו געמיינער תאוה? איך האלט אויך מיין הארץ ווי א קראנקעס קינד; יעדער וואונש ווערט נאָכגעגעבען. זאָל עס ניט ווייטער געהען; עס זיינען דאָ מענשען, וואס וועלען אויף מיר פאר־איבעל האבען.

דען 15טען מאי.

דאס ביסעל מענשען פון דיעזען אָרט, קענען מיך שוין און זיי האבען מיך ליעב, איבערהויפט ליעבען מיך די קינדער. צום אָנהייב, ווי איך האב מיך אָנגעהייבען צו חבר'ן מיט זיי, פריינדליך אויסגע־פרעגט איבער דעם און יענעם, האבען אייניגע געגלויבט, אז איך וויל מאכען חוזק פון זיי און זיי האבען מיך גאָר גראָב אָבגעפערטיגט. עס האט מיך ניט פערדראָסען: מענשען פון דער העכערער קלאסע האלטען זיך אימער פון דערווייטענס פון דעם געמיינעם פאָלק, גלויב־בענדיג, אז זיי וועלען עפעס פערלירען פון קומען צו נאָהענט; דאן זיינען דאָ ענטלאָפענע און שלעכטע חוזק־מאכער, וואס לאָזען זיך כלומר'שט ארונטער, כדי זיי זאָלען קענען דערנאָך אלץ מעהר חוזק מאכען פון דעם ארעמען און געפיהלפאָלען פאָלק.

איך ווייס, אז מיר זיינען ניט גלייך און וועלען עס אויך ניט זיין; אבער איך רעכען, אז דער, וואס האלט עס פאר נעטהיג זיך צו האלטען פון דערווייטענס פון פאָלק, אום זיין רעספעקט ניט צו פערלירען, דארף פונקט אזוי געטאדעלט ווערען ווי דער טרוס, וואס ענטלויפט פון זיין שונא, מורא האבענדיג פאר א מפלה.

ניט לאנג בין איך אוועק ביים ברונען און דאָרט געפונען א

דיענסט־מיידעל, וואס האט אוועקגעשטעלט איהר וואסער־קאן אויף דער אונטערשטער טרעפ און זיך אומגעקוקט, אויב איהרע א חבר׳טע קומט איהר צו העלפען דאס ארויפנעהמען אויפ׳ן קאפ. איך בין ארונטער געגאנגען און זי אנגעקוקט. „זאל איך אייך העלפען, מיידעל?" האב איך געפרעגט. זי איז רויט געווארען איבער די אויערן. „אך, מיין העדר!" האט זי אויסגערופען, „שטערט אייך ניט." זי האט צונויפגעלעגט איהר שאלעכעל, און איך האב איהר געהאלפען. זי האט געדאנקט און איז ארויף געגאנגען.

דען 17טען מאי.

איך האב שוין געמאכט אלערליי בעקאנטשאפט, אבער קיין געזעלשאפט האב איך נאך אלץ ניט געפונען. איך ווייס ניט וואס עס ציהט די מענשען אזוי צו מיר. זיי הייגגען זיך אן אן מיר און מיר טהוט עס נאר לייד, וואס דער וועג איז בלויז אזא קורצע שטרעקע און מיר קענען ניט געהען פיעל צוזאמען. ווען דו פרעגסט מיך, וואס זיינען דאס פאר מענשען? מוז איך דיר זאגען: ווי איבעראל! די מענשען זיינען אומעדום דיעזעלבע. מייסטענטהיילס ארבייטען זיי דעם גרעסטען טהייל פון דער צייט, אום צו האבען אויף חיונה, און דאס ביסעל פרייע צייט, וואס בלייבט זיי איבער, מאכט זיי אזוי פיעל יסורים, אז זיי זוכען אלערליי מיטלען, אום דערפון פטור צו ווערען. אט דאס איז דער גורל פון מענשען!

זיי זיינען אבער פון דעסטוועגען פון דעם בעסטען סארט. ווען איך פערגעס מיך אמאל, ווען איך געניעס אמאל מיט זיי צוזאמען די פריידען, וועלכע זיינען ערלויבט פאר׳ן מענשען, זיטצענדיג ארום א טיש און שפאסענדיג אפען און געטריי, אויספאהרענדיג שפאצירען צוזאמען, טאנצענדיג אינאיינעם וכדומה — דאס אלעס האט אויף מיר א גוטע ווירקונג. איין זאך דארף איך אבער ניט פערגעסען, אז אין מיר רוהען נאך פיעלע אנדערע כוחות, וועלכע ווערען פערשימעלט, ווייל מען נוטצט זיי ניט. און דיעזע מעג איך שטארק פערבארגען. אך, דאס ציהט אזוי איין דאס הארץ. — און דאך, מען זאל א מענשען ניט פערשטעהען, איז שוין אונזער גורל.

אָך, וואס מיין יוגענד־פריינדין איז שוין אוועק! וועה איז מיר, וואס איך האב זי גאָר געקענט! איך וואָלט צו מיר גזואגט: „ביסט א נאַר, זוכסט וואס דו קענסט גאַר ניט געפינען.״ אבער איך האב זי געהאט; איך האב געפיהלט דאס הארץ, די גרויסע נשמה, אין וועמעס געגענוואַרט איך האב מיך געפיהלט צו זיין מעהר ווי איך בין געוועזן, ווייל איך בין געוועזן אלעס, וואס איך האב נאָר געקענט זיין.

גוטער גאָט, איז עס עפּעס געבליעבען איין קראַפט פון מיין נשמה, וואס איך האב ניט בענוטצט? האב איך ניט געקענט ענט־וויקלען פאר איהר דאס זאָנדערבארע געפיהל מיט דעם, וואס מיין הארץ האט ארומגענומען די נאַטור? איז אונזער אומגאנג ניט געוועזן אן אייביגעם וועבען פון די פיינסטע געפיהלען, פון דעם שאַרפסטען וויטץ, און זיי האבען געקענט בעצייכענט ווערען מיט דעם שטעמפּעל פון זשעניע? און יעצט! — מיט די יאהרען, וואס זי איז עלטער געוועזן, איז זי פריהער אוועק צום קבר. קיינמאָל וועל איך זי ניט פער־געסען; קיינמאָל ניט פערגעסען איהר שטאַרקען שכל און איהר געט־ליכע געדולד.

מיט אייניגע טעג צוריק האב איך אָנגעטראָפען א יונגען מאַן, איינעם וו., א מענש מיט א פרייען און גליקליכען פנים. ער קומט נאָר וואס פון דער אקאדעמיע, ער רעכענט זיך אפילו ניט פאר קיין גרויסען חכם, דאָך גלויבט ער, אז ער איז קליגער פון אלע אנדערע. ער איז געוועזן א פלייסיגער, ווי איך האב עס ערפאהרען; בקיצור, ער האט א היבשע ביסעל קענטנים. אזוי ווי ער האט געהערט, אז איך קען צייכנען און איך פערשטעה גריכיש (צוויי זעלטענע וואונדער־שטערען דאָ אין לאַנד), האט ער זיך געווענדעט צו מיר און מיך פער־שאָטען מיט וויסענשאַפטען פון באַטאָ ביז וואוד, פון דע סילע ביז ווינקעלמאַן; ער האט מיך אויך פערזיכערט, אז ער האט איבערגעלע־זען דעם גאנצען ערשטען טהייל פון זולצער׳ס טהעאָריע און ער האט א כתב־יד פון היינען איבער דעם שטודיום פון אלטע זאכען. מילא, פערפאַלען, איך האב געמוזט אויסהערען.

איך האב נאָך קענען געלערענט א בראַווען מענשען, דאס איז דעם פירסטליכען אַמטמאַן, אן אויפריכטיגער און געטרייער מענש. מען זאגט, אז עס איז א נחת איהם צו זעהען צווישען זיינע קינדער, פון וועלכע ער האט גאנצע ניין; איבערהויפּט מאַכט מען עס א

גאנצען וועזען פון זיין עלטערער טאָכטער. ער האט מיך צו זיך פער־בעטען און איך וועל איהם בקרוב בעזוכען. ער וואוינט אין א פירסט־ליכען יאגדהויף, אנדערטהאלבען שטונדען פון דאנען, וואוהין מען האט איהם ערלויבט זיך אריינצוציהען נאָך זיין פרוי'ס טויט, ווייל זיין פערבלייבען דאָ אין שטאדט, אין אמטהויף, האט איהם זעהר וועה געטהאָן.

חוץ דעם האב איך נאָך בעגעגענט עטליכע אָריגינאלע טיפּען, פון וועלכע עס איז ניט צום אויסהאלטען, איבערהויפּט קען מען זיך ניט אָבטשעפּען פון זייער פריינדשאפט.

לעב וואָהל! דער בריעף וועט דיר געפעלען; ער איז גאנץ היסטאָריש.

דען 22טען מאי.

אז דעם מענשען'ס לעבען איז א חלום איז שוין פאָרגעקומען מאנכע מענשען, און אויך מיט מיר וואנדערט תמיד ארום דיעזעס געפיהל. ווען איך בעטראכט דעם צאַם, אין וועלכען עס זיינען איינגע־שפּאַרט דעם מענשען'ס טהעטיגע און פאָרשענדע כוחות; ווען איך זעה ווי אלע ארבייטען זיינען נאָר אום צו בעפריעדיגען דעם מענשען זיינע הצטרכות, וועלכע האבען קיין אנדערן צוועק ווי צו פערלענ־גערן אונזער ארעמע עקזיסטענץ; און דאן, אז אלע בערוהיגונגען איבער געוויסע פּונקטען פון פאָרשען זיינען בלויז א טרוימענדער יאוש; אז מען ציערט אוים די וועגט, צווישען וועלכע מיר זיטצען געפאנגען מיט שעהנע געשטאלטען און ליכטיגע האָפנונגען, — הער־סטו, ווילהעלם, דאס אלעס מאכט מיך שטום. איך ווענד מיך אום צו מיר אליין און געפין אין מיר א וועלט! אלץ מעהר שאדענדיג אין טונקלען בעגעהרען, ווי אין דער ריכטיגקייט פון א לעבעדיגער קראפט. דאן שווימט ווידער אלעס אויף פאר מיינע חושים, און איך לאך נאָך אמאל חלום'ענדיג אין דער וועלט אריין.

אז די קינדער ווייסען ניט פאר וואס זיי ווילען, אין דעם זיינען איינינ אלע הויכגעלערענטע שול און הויפמייסטערם. אז די ערוואק־סענע זיינען גלייך ווי קינדער און דרעהען זיך ארום אויף דער ערד,

און גליייך מיט יענע ווייסען זיי ניט פון וואנען זיי קומען און וואוהין זיי געהען; אז זיי האנדלען פונקט אזוי וועניג נאָך אמת'ע ציעלען, אז מען קען זיי גראדע אזוי רעגיערען דורך ביסקיטס, קיכלעך און צו־קערקעס: אָט דאס וויל קיינער ניט גערן גלויבען, און מיר דאכט, אז מען קען עס אָנטאפּען מיט די הענד.

איך בין פאר דיר מודה ומתודה, כאָטש איך ווייס, וואס דו וועסט מיר דארויף זאגען, דאס יענע זיינען נאר די גליקליכע, וועלכע לעבען גלייך מיט די קינדער גלאט אזוי אין טאג אריין, וואס שלעפּען ארום זייערע ליאלקעס, טהוען זיי אויס און טהוען זיי אָן; ווי יעדע, וואס רוקען זיך צו מיט רעספּעקט צו די שופלאָדען, וואו די מאמע האט בע־האלטען די לעקעכלאך, און ווען זיי קריעגען שוין וואס זיי ווילען, שטאָפּען זיי אָן זייערע באקען דערמיט און שרייען אויס: גיב נאָך! — זיי זיינען עס גליקליכע מענשען. אויך יענע געהט עס גוט, וועלכע רופען אָן זייערע לומפּיגע מסחרים, אָדער גאר זייערע תאוות, מיט שעהנע טיטלען און בעהויפּטען נאָך דערצו, אז דאס איז א טובה פאר דער מענשהייט — וואויל דעם וואס קען אזוי זיין! ווער עס זעהט אבער איין מיט זיין עניוות שטייגער וואוהין דאס אלעס פיהרט, ווי שעהן יעדער בעל־הבית קען מאכען פון זיין גערטעל א גן־עדן, און ווי רוהיג דער אונגליקליכסטער פראכט אונטער א שווערער משא אויפ'ן וועג, און אלע זיינען עס גלייך פעראינטערעסירט נאָך אויף א מינוט צו זעהען דאס ליכט פון דיעזער זונן, — אָט דער דאָזיגער עניו, בלייבט שטיל און בילדעט אויס א וועלט פאר זיך און איז אויך גליקליך, ווייל ער איז א מענש. ואחרי ככלות הכל, זיך פיהלענדיג איינגעקערקערט, בעהאלט ער ביי זיך אין הארצען דאס זיסע געפיהל פון פרייהייט און איז גליקליך דערמיט, וואס ער קען פערלאָזען דיעזעס געפענגניס ווען ער וויל.

דעם 26טען מאי.

דו קענסט מיך שוין פון אלטע צייטען. דו ווייסט, אז איך האב א טבע וואו איך בין מיר אויפצושלאָגען א געצעלט, און דאָרט, ווי עס איז, זיך אָברוהען. אויך דאָ האב איך געטראָפען אזא פלאטץ.

אונגעפעהר א שעה גאנג פון דער שטאדט ליעגט אן ארט, וואס זיי רופען וואהלהיים.*) עס שטעהט אויף א בארג און איז זעהר אינ־טערעסאנט. און ווען מען קומט ארויף אויבען אויף דער שטעזשקע, וואס פיהרט צום דארף, זעהט מען אויף איינמאל דעם גאנצען טהאל. א גוטע בעל־הבית׳טע, וועלכע איז חן׳עווריג און מונטער לויט איהרע יאהרען, דערלאנגט וויין, ביער און קאפע; און דאס בעסטע זיינען די צווי לינדען־בוימער, וועלכע בעדעקען מיט זייערע אויסגעשפרייטע צווייגען דעם קליינעם פלאטץ פאר דער קירכע, וועלכער איז ארומ־גערינגעלט מיט בויערן הייזער, שפייכלערס און הויפען. אזוי גרינג האב איך נאך ניט געפונען קיין פלאטץ וואס זאל זיין אזוי פערטרוי־ליך, אזוי היימיש. אט אהין לאז איך מיר ארויסברענגען מיין טישעל און מיין ביינקעל פון דער שיינק, טרינק מיר דארט מיין קאפע און לעז האמער. צום ערשטען מאל, אין א נאכמיטאג, ווען איך בין געקו־מען אונטער די לינדען, האב איך דעם פלאטץ געפונען זעהר איינ־זאם. יעדער איז געווען אין פעלד; בלויז א אינגעל, אונגעפעהר פיער יאהר אלט, איז געזעסען אויף דער ערד; צווישען זיינע פיס, צוגע־דריקט צו זיין ברוסט, האט ער געהאלטען אן אנדערעס זיטצענדעס קינד, אונגעפעהר א האלב יאהר אלט; דער עלטערער איז געווען פאר׳ן קלענערן ווי א ביינקעל, און כאטש פון זיינע אויגלעך האט גע־שפריצט מונטערקייט, איז ער דאך געזעסען גאנץ רוהיג. מיר האט דאס בילד פערשאפט פערגניגען. איך האב מיך אוועקגעזעצט אויף א פלוג, וואס איז געשטאנען ענטקעגען איבער, און מיט גרויס הנאה געמאלען די צווייט ברידערלעך. צום בילד האב איך מוסיף געווען א צאם, א שפייכלער־טויער און עטליכע צובראכענע וועגען־רעדער דער־ביי, אט אזוי ווי עס איז געשטאנען איינער הינטער אנאנדער. ווען עס איז פאראיבער א שטונדע, האב איך בעמערקט, אז איך האב פאר־טיג געמאכט א גאנץ שעהנע און אינטערעסאנטע צייכנונג. דאס האט מיר געגעבען קוראזש, אז שפעטער זאל איך מיך האלטען בלויז ביי

---

*) אין דער לעצטער דייטשער אויסגאבע פון געטהע׳ס ווערק, גע־פינט זיך אויף דיעזען פלאטץ פאלגענדע בעמערקונג: „דער לעזער וועט זיך אומזיסט בעמיהען צו זוכען דיעזע ערטער; מען האט זיך געפונען גענעטהיגט צו ענדערן די וועגען פון אלע אריגינאלע ערטער.״

דער נאַטור. זי אַליין איז רייך אָהן א שיעור און זי אַליין בילדעט אויס דעם גרויסען קינסטלער. געוויס איז דאָ א גרויסע הילף אין די רעגלען פון לערנען, אבער דאס איז אונגעפעהר וואס מען קען זאגען, ווען מען לויבט די בירגערליכע געזעלשאַפט. א מענש, וואס היט אָב די רעגלען, וועט קיינמאָל ניט ארויסברענגען קיין זאך אָהן א טעם און קיין שלעכ־טעס, פונקט ווי איינער פון די הויכע פענסטער, וועלכער האט זיך אויסגעבילדעט, קען ניט ווערען קיין שלעכטער שכן און קיין פאַלשער לומפ; זאָל מען זאגען וואס מען וויל, איך בעהויפטע, אז די רעגלען צושטערען דאס אמת'ע געפיהל פון נאַטור און דעם אמת'ן אויסדרוק! ועעסט אודאי זאגען, אז „דאס איז צו שאַרף. זיי שניידען נאָר אוועק די שלעכטע צווייגען" און אזוי ווייטער. מיין גוטער פריינד, זאָל איך דיר געבען א משל? דאס איז אזוי ווי מיט דער ליעבע. א יונגער מאַן האט איבערגעגעבען זיין גאַנצעס הארץ צו א מיידעל, ער פערברענגט אַלע שטונדען פון טאג ביי איהר, פערשווענדעט אַלע זיינע כוחות, זיין גאַנצעס פערמעגען, כדי ער זאָל איהר קענען אויסדריקען אין יעדען אויגענבליק אז ער האט זיך איהר אין גאַנצען איבער געגעבען. דאַן קומט עפּעס א חברה־מאַן, א מענש, וואס איז אָנגעשטעלט אין אַן עפענטליכען ווערט, און זאגט צו איהם: „פיינער יונגערמאַנטשיק! ליעבען איז מענשליך, דערפאר מוזט איהר ליעבען מענשליך. טהיילט איין אייערע שטונדען, א טהייל צו דער ארבייט און די ערהאָלונגס־שטונדען פאר אייער מיידעל. רעכענט אויס אייער פערמעגען, און וואס עס בלייבט אייך איבער פון דעם, וואס איהר בעדאַרפט, פער־וועהר איך אייך ניט איהר צו קויפען א מתנה, אבער ניט צו אָפט, בלויז צו איהר געבורטס־טאג און נאָמענס־טאג," און אזוי ווייטער.

ווען דער יונגער מאַן פאָלגט, אזוי וואקסט ער אויס א פיינער מענש, און איך וואָלט געראַטהען יעדען פירסט אַזעלכען צו געבען א שטעלע; אבער פון זיין ליעבע האט גענומען א סוף, און אויב ער איז א קינסטלער, איז עס אויך א סוף צו זיין קונסט. אַך, מיין פריינד, פאר וואס ברעכט אויס אזוי זעלטען דער שטראָם פון אייער זשעניע, פאר וואס צומישט ער זיך אזוי זעלטען אין שטירמישע כוואַליעס און ער ציטערט אזוי אויף אייערע שטוינענדע נשמות? — ליעבער פריינד, דאָ וואוינען די געלאַסענע מענשען אויף ביידע ברעגעס טייך; צי־

טערענדיג טאָמער וועלען קאָליע ווערען זייערע גאָרטען־הייזלעך, בלו־מען־בייטען און קרויט־פעלדער. דערפאר בויען זיי קאַנאַלען און אבלייטונגען פאר׳ן וואסער.

דען 27טען מאי.

ווי עס ווייזט אויס, בין איך אריינגעפאלען אין בעגייסטערונג, משלים און דעקלאמאציאָן און דערפאר האב איך מיר גאָר פערגעסען צו דערצעהלען, וואס עס איז געוואָרען מיט די קינדער. איך בין געזעסען אויפ׳ן פלוג א צוויי שטונדען פערטיעפט אין מאַלערישע דמיונות. פארנאכט צו איז צוגעקומען א יונגע פרוי צו די קינדער, וועלכע האָבען זיך פון אָרט ניט גערירט, און האַלטענדיג א קערבעלע אין האנד, האט זי נאָך פון וויטען אויסגעשריען: „פיליפ, דו ביסט א גאנץ וואוילער אינגעל!" מיר האט זי בעגריסט, איך האב איהר געדאנקט, אויפגעשטאנען, צוגעגאנגען נעהנטער און זי געפרעגט אויב זי איז די מוטער פון די קינדער.

זי האט געזאגט, אז זי איז עס, און וועהרענד זי האט דעם עלטסטען דערלאנגט א האלבען טאָרט, האט זי אויפגעהויבען דעם קלענערן און איהם געקושט מיט דער גאנצער מוטערליכער ליעבע.

„איך האב געגעבען מיין פיליפ׳ן," האט זי געזאגט, „ער זאָל האַלטען דאס קליינע קינד, און מיט מיין עלטסטען בין איך געגאנגען אין שטאדט אריין איינצוקויפען ווייסברויט, צוקער און אַן ערדען פענדעל."

וואס זי האט דאָ אויסגערעכענט, האב איך אויך געזעהען אין קערבעל.

„איך וויל פאר האנס׳ן" (דאס איז געווען דער נאמען פון אינגסטען) „אָבקאָכען א זופ פאר וועטשערע; דער שלימזל, דער גרויסער מיינער, האט מיר נעכטען צובראָכען דאס פענדעל בשעת זיי האבען זיך געריסען איבער אביסעל זופ."

איך האב געפרעגט אויפ׳ן עלטסטען, און קוים האט זי מיר געזאגט, אז ער יאגט זיך ארום מיט א פאאר גענז אויפ׳ן פעלד, איז ער טאקי אליין אריינגעשפרונגען, און געבראכט דעם צווייטען פון איהם א צווייגעל. איך האב מיך ווייטער אונטערהאלטען מיט דער פרוי

און ערפאהרען, אז זי איז דעם שול־מייסטער'ס טאָכטער, און איהר מאַן איז אוועקגעפאהרען אין דער שווייץ, אום פון דאָרט צו ברענגען א ירושה, וואס זיינער א פעטער האט איהם איבערגעלאָזען. — זי האט מיר דערצעהלט, אז מען האט איהם געוואָלט בעשווינדלען, אז מען האט אויף זיינע בריעף ניט געענטפערט; דערפאר האט ער אליין געמוזט אהין פאהרען.

„עס זאָל איהם כאָטש קיין אונגליק ניט טרעפען! איך הער גאָר ניט פון איהם."

עס איז מיר געווען שווער זיך אָבצושעפען פון דער פרוי, איך האב געגעבען יעדען קינד א קרייצער, און אויך פאר'ן אינגסטען האב איך איהר געגעבען איינעם, כדי זי זאָל איהם קויפען א טאָרט צו דער זופּ, ווען זי וועט זיין אין שטאדט. אָט אזוי האבען מיר זיך געשיעדען.

איך זאג דיר, פריינד, ווען מיינע געדאַנקען ווערען גאָר צורודערט, דאַן ווערט בערוהיגט די גאַנצע מהומה ביים אָנבליק פון אזא מין בריאה, וועלכע געהט זיך אין גליקליכער געלאַסענהייט דורך דעם ענגען קרייז פון לעבען, העלפט זיך ארוים פון איין טאג אויפ'ן צווייטען, און ווען זי זעהט, אז די בלעטער פאלען, דאַן האט דאס פאר איהר קיין אנדערע בעדייטונג, אויסער, אז דער ווינטער קומט.

פון דעמאָלט אָן בין איך אָפט אין דרויסען. די קינדער האבען זיך צו מיר צוגעוועהנט, איך גיב זיי צוקער, ווען איך טרינק קאַפע, און אבענד טהייל איך מיט זיי מיין פוטער־ברויט און זויער־מילך. אויף זונטאַג פעהלט זיי קיינמאָל ניט דער קרייצער; און ווען איך בין ניטאָ אבענד צום שלאָפען, האט שוין די ווירטהין א בעפעהל פון מיר, אויסצוצאהלען דעם קרייצער.

זיי געטרויען מיר, זיי דערצעהלען מיר פערשיעדענעס, און איבערהויפּט קימערט עס מיך בעמערקענדיג זייערע ליידענשאַפטען אין איינפאַכער מחלוקה, ווען מעהרערע קינדער פון דאָרף פערזאַמלען זיך.

עס האט מיך געקאָסט פיעל מיה דער מוטער ארויסצושלאָגען די זאָרג, אז איהרע קינדער וועלען מיך צו פיעל בעאונרוהיגען.

דען 30טען מאי.

וואס איך האב דיר ניט לאנג געזאגט איבער די מאלעריי, פאסט זיך אויך צו חכמת השיר; מען דארף נאר וויסען דאס בעסטע און עס וואגען ארויסצוזאגען, און דאס, נאטירליך, מיט וועניג ווערטער.

היינט האב איך געהאט א סצענע, ווען מען זאל זי גוט בעשרייבען, וואלט זי געווען די שעהנסטע אידיליע אין דער וועלט; און דאך, פרעג איך, וואס טויג דיכטונג, סצענע און אידיליע? דארפען מיר דען תמיד זיך נעהמען צו דער קונסט, ווען מיר בעטהייליגען זיך אין א נאטור ערשיינונג?

אויב דו מיינסט, אז דו וועסט, נאך דיעזער פאררעדע, הערען שטארק הויכעס און פארנעהמעס, האסטו א מיאוס'ן טעות; עס איז בלויז א בויערן-בחור, וואס האט מיך אריינגעשלעפט אין דיעזער פרעהליכער געשיכטע. איך וועל, ווי געוועהנליך, שלעכט דערצעהלען, און דו וועסט, ווי געוועהנליך, דענקען, אז איך איבערטרייב; עס איז ווידער וואלהיים און איבער וואלהיים, וואו עס קומען פאר אזעלכע זעלטענהייטען.

אין דרויסען, אונטער די לינדען, איז געזעסען א געזעלשאפט און געטרונקען קאפע, און אזוי ווי זיי זיינען מיר ניט אנגעשטאנען, האב איך מיר געמאכט אן אויסרייד און געבליעבען צוריק.

א בויערן יונג איז אריינגעקומען פון א בענאכבארטען דארף און אנגעהויבען עפעס צורעכט מאכען ביי דעם פלוג, וואס איך האב ניט לאנג געמאלען. אזוי ווי ער איז מיר געפעלען, האב איך אנגעהויבען מיט איהם צו רעדען, איהם אויסגעפרעגט איבער זיינע אומשטענדען, אזוי זיינען מיר בעקאנט געווארען, און ווי עס געהט מיר געוועהנליך מיט דיעזער חברה, זיינען מיר אויך געווארען פערטרויעט. ער האט מיר דערצעהלט, אז ער דיענט ביי אן אלמנה, און זי האלט איהם גאנץ גוט. ער האט אזוי פיעל גערעדט איבער איהר, זי אזוי פיעל געלויבט, אז איך האב באלד געקענט זעהען, אז ער איז איהר איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען. ער האט געזאגט, אז זי איז מעהר ניט יונג, און אזוי ווי איהר ערשטער מאן האט זי ניט זעהר גוט געהאלטען, וויל זי מעהר ניט חתונה האבען. פון זיין ערצעהלונג האט מען זיך געקענט גרינג אנשטויסען, ווי שעהן און ווי רייצענד זי איז געווען פאר איהם, אז ער אליין וואלט זי אויסגעקליעבען פאר זיך, כדי ער זאל

קענען אָבווישען דעם פעהלער פון דעם ערשטען מאן. איך מוז עס דיר ווידערהאָלען וואָרט־פאר־וואָרט, ווי ער האט עס געזאגט, כדי דו זאָלסט דיר קענען מאכען א בעגריעף פון דער נייגונג, ליעבע און טריי־הייט פון דיעזען מענשען.

איך וואָלט אויך בעדארפט בעזיטצען די מתנה פון דעם גרעסטען דיכטער, אום דיר צו קענען געגוי איבערגעבען דעם אויסדרוק פון זיין האַלטונג, די הארמאָניע פון זיין שטימע און דאס הימליכע פייער פון זיינע בליקען. קיינע ווערטער קענען ארויסשפּרעכען די צארטקייט, וואס איז געלעגען אין זיין גאנצען קערפּער; וואס איך גיב דיר איבער איז רוי, אונגעהובלעוועט.

איבערהויפּט האט עס מיך געריהרט צו בעמערקען, ווי ער האט מורא טאָמער וועל איך פון זיינע ווערטער שלעכט פערשטעהען איבער זיין פערהאַלטען זיך צו איהר און צווייפלען אין איהרע גוטע אויפ־פיהרונגען.

ווי רייצענד עס איז געווען, ווען ער האט גערעדט איבער איהר געשטאַלט, איבער איהר קערפּער, וועלכער האט איהם, אָהן יוגענד־ליכען רייץ, צוגעצויגען צו איהר מיט געוואַלט און צוגעקאָוועט — דאס אַלעס קען איך נאָר ווידערהאָלען אין מיין טיעפסטער נשמה. זייט איך לעב האב איך נאָך ניט געזעהען אזא טיעפען חשק, אזא הייסעם ליידענשאַפטליכעס פערלאַנגען און אזא ריינקייט; איך זאג עס דיר, אז אין דיעזער ריינקייט האב איך עס מיר ניט פאָרגעשטעלט און ניט גע׳חלום׳ט. שעלט מיך ניט ווען איך זאג עס דיר, אז ביי דער עראינערונג פון דיעזער אונשולד און וואהרהייט גליהט אין מיר די אינערסטע נשמה, און איבעראַל פערפאָלגט מיך דיעזעס בילד פון טרייהייט און צערטליכקייט, און וויל דאס האט מיך אויך אָנגע־צונדען, האַלט איך אין איין בייגקען און שמאַכטען.

איך וועל איצט אַלעס אָנווענדען אויף זי צו זעהען, בעסער גע־זאגט, ווען איך איבערלעג עס מיר, וויל איך עס אויסמיידען. עס איז בעסער, ווען איך זעה זיי דורך די אויגען פון איהר ליעבהאבער; אפשר וועט זי ניט אזוי ערשיינען פאר מיינע אויגען, ווי אזוי זי שטעהט פאר מיר יעצט, צו וואס זאָל איך דאן פערדארבען דאס שעהנע בילד?

דען 16טען יוני.

פארוואס איך שרייב דיר ניט? — דו פרעגסט דאס כאָטש דו ביסט איינער פון די געלערענטע. דו דארפסט ראטהען, אז איך בין געזונד — קורץ און גוט, איך האב געמאכט א בעקאנטשאפט, וועלכע שטעהט מיר נאָהענט צום הארצען. איך האב — איך ווייס אַליין ניט וואס.

דיר דערצעהלען כסדר ווי דאס איז צוגעגאנגען, אז איך האב קענען געלערענט די ליעבענסווירדיגסטע בריאה, דאס אלעס וועט זיין זעהר שווער. איך האב תענוג און בין גליקליך, נאָר איך קען ניט שריי־בען קיין מעשיות.

אָ, מלאך! — פע, דאס זאגט יעדער פון זיינער, ניט אזוי? און דאָך בין איך ניט אימשטאנד דיר צו זאגען, ווי פאָלקלמען זי איז און ווארום זי איז פאָלקאָמען; בקיצור, זי האט מיך אין גאנצען געפאנגען.

אזוי פראָסט מיט אזוי פיעל שכל, אזוי גוט מיט אזוי פיעל פעסטקייט, דערצו בעזיטצט זי די רוהיגע נשמה אין וואהרען לעבען און אין דער טהעטיגקייט.

אבער דאס איז פלוידעריי, וואס איך זאג דיר איבער איהר, עס איז לעדיגע רוחניות, וואס דריקען ניט אויס קיין פינטעלע פון איהר. אָן אנדער מאָל — ניין, ניט קיין אנדער מאָל, נאָר יעצט וועל איך עס דיר דערצעהלען. ווייל, צווישען אונז זאָל עס בלייבען, זייט איך האב אָנגעהויבען צו שרייבען, האב איך שוין דריי מאָל געוואָלט וויע־דער די פעדער אוועקלעגען, לאָזען אָנזאָטלען מיין פערד און ארויס־פאהרען. פון דעסטוועגען האב איך מיר היינט פריה געשוואָרען ניט ארויסצופאהרען, און יעדען אויגענבליק לויף איך צום פענסטער זעהען ווי הויך די זונן שטעהט נאָך.

איך האב מיך ניט געקענט בעהערשען, איך האב געמוזט ארויס צו איהר. און דאָ, ווילהעלם, בין איך שוין געקומען צוריק. איך וועל נאָר אָבעסען וועטשערע, שרייב איך דיר באַלד. וואס פאר אן עונג דאס איז פאר מיין נשמה, זי צו זעהען אין מיטען פון די מונטערע קינדער, פון איהרע אכט שוועסטער!

ווען איך וועל נאָך ווייטער אזוי שרייבען, וועסטו צום סוף פונקט

אזוי קלוג זיין ווי לכתחילה. הער אויס, איך וועל מיך צווינגען צו בעשרייבען מיט דבר שורש.

דאָ ניט לאַנג האב איך דיר געשריעבען ווי אזוי איך בין בעקאַנט געוואָרען מיט דעם אַמטמאַן ס. און ווי אזוי ער האט מיך געבעטען איך זאָל איהם באַלד בעזוכען אין זיין וואוינונג, אָדער אין זיין קליין מלוכה'לע. איך האב פערנאַכלעסיגט די איינלאַדונג, און וואָלט אפשר קיינמאָל ניט געקומען אַהין, ווען דער צופאַל וואָלט מיך ניט געפיהרט צו ענטדעקען דעם אוצר, וואס ליעגט פערבאָרגען אין דער שטילער געגענד.

אונזערע יונגע לייט האבען געמאַכט א באַלל אויפ'ן לאַנד, מיט וועלכע איך בין מיטגעגאַנגען. איך האב מיר אויסגעקליעבען א היגעס, שעהנעס, אבער קיין בעדייטענדעס מיידעל, און מען האט אָבגעמאַכט איך זאָל נעהמען א דראָשקע, כדי איך זאָל פאהרען מיט מיין טענצערין און איהר פלעמעניצע צום באַלל, נאָר אויפ'ן וועג זאָל איך מיטנעהמען שאַרלאָטטע ס... „איהר וועט זיך בעקענען מיט א שעהנעם פרויענצימער," האט מיין שותפ'טע מיר געזאגט בשעת מיר זיינען געפאהרען צום יאַגד־הויף דורך דעם וויטען אויסגעהאַקטען וואַלד. „גיט נאָר אַכטונג," האט געזאגט די פלעמעניצע, „אַז איהר זאָלט זיך ניט פערליעבען." „וואס הייסט?" האב איך געפרעגט. „זי איז שוין א כלה," האט זי געענטפערט, „פאר א גאַנץ בראַווען מאַן, וועלכער איז אַוועקגעפאהרען צו ברענגען זיינע געשעפטען אין אָרדנונג, ווייל זיין פאטער איז געשטאָרבען, און ער וועט ירשה'ענען א גאַנץ היבשעס פערמעגען."

די נאַכריכט איז מיר געווען גלייכגילטיג.

די זונן איז נאָך געבליעבען א פערטעל שטונדע אויף די בערג, ווען מיר זיינען צוגעפאהרען צום הויף־טויער. די לופט איז געווען זעהר היים און די פרויענצעמער האבען מורא געהאַט פאר א שטורם, ווייל דער הימעל ארום האט זיך פערוואָלקענט מיט ווייסגרויע כמאַרעס. איך האב זיי אויסגערעדט מיט כלומר'שדיגע וויסענשאַפט פון וועטער, נאָר דערווייל האב איך אָנגעהויבען צו פיהלען, אַז מיר וועלען האבען א פערשטערטע שמחה.

איך בין ארונטער פון דער דראָשקע, און א דיענסט, וואס איז ארויסגעקומען צום טויער, האט אונז געבעטען צו פערהאַלטען אויף

אײן אױגענבליק, װײל מאמזעל לאָטטע װעט באַלד ארױסקומען.

איך בין דורכגעגאנגען דעם הױף צום שעהן געבױיעטען הױז, און װי איך בין ארױף די טרעפּען און געװאָלט ארײן געהען אין דער טהיר, האט מיך בענעגענט דאס שעהנסטע בילד, װאס איך האב נאָך געזעהען.

אין פאָרזאאל האבען ארומגערינגעלט זעקס קינדער, פון עלף ביז צװײ יאהר, דאס מײדעל פון שעהנער געשטאַלט, װאס איז געװען פון מיטעלער גרױסקײט. זי האט געטראגען אַן אײנפאַכעס װײסעס קלײד מיט בלאַס־רױטע שלײפען אױף'ן ארעם און אױף דער ברוסט. זי האט געהאַלטען א שװארץ ברױט און אָבגעשניטען פאר יעדען א שטיקעל לױט די יאהרען און אפּעטיט, דאס דערלאַנגט יעדען מיט פרײנדליכקײט, און יעדעס האט אױסגערופען: „דאַנקע!" נאָך אײדער דאס שטיקעל ברױט איז אָבגעשניטען געװאָרען. דאַן איז עס אװעק־געשפּרונגען מיט דעם אבענד־ברױט, אָדער עס איז זיך אזױ ארױסגע־גאַנגען אין הױף ארײן צו זעהען די פרעמדע און די דראָשקע, מיט װעל־כער לאָטטע דארף אװעקפאהרען.

„ענטשולדיגט מיר," האט זי געזאגט, „װאס איך האב אײך בע־מיהעט און די פרױענצימער האבען געמוזט װארטען. איבער דעם אָנטהון זיך און אלערלײ בעשטעלונגען פאר'ן הױז אין מײן אָבװעז־זענהײט, האב איך פערגעסען צו בעזאָרגען מײנע קינדער מיט זײער װעטשערע, און זײ װילען ניט, אז קײן אַנדערער זאָל פאר זײ שנײדען דאס ברױט אױסער איך."

איך האב איהר געמאכט אַן אונבעדײטענדען קאָמפּלימענט; דערװײל אבער האט מײן גאנצע נשמה גערוהט אױף איהר געשטאַלט, טאָן און בענעהמונג, און איך האב קױם צײט געהאט מיך צו ערהאָלען פון דער איבערראשונג, װען זי איז ארײנגעלאָפען אין שטוב ארײן צו נעהמען איהרע הענטשקעס און פעכער.

די קלײנע חברה־לײט האבען אױף מיר געקוקט פון דער װײט פון א זײט, און איך בין מיר אזױ צוגעגאַנגען צום אינגסטען, א קינד מיט א גליקליכען פּנים. ער איז צוריק געגאַנגען בשעת לאָטטע איז ארױסגעקומען פון דער טהיר, דאַן האט זי געזאגט:

„לואיס, גיב דעם פעטער דײן האַנד."

דאס קינד האט עס געטהאָן זעהר פרייםיטהיג, און איך האב מיך ניט געקענט איינהאַלטען איהם א קוש צו טהון, כאָטש זיין נעזעל איז ניט געוועזן איבריג ריין.

„פעטער?" האב איך געזאגט איהר געבענדיג די האנד, „גלויבט איהר, אז איך בין ווערטה דאס גליק מיט אייך צו זיין א קרוב?"

„אַך," האט זי געזאגט מיט א לייכטען שמייכעל, „אונזער פע־טערשאַפט איז זעהר א ברייטע, און עס וואָלט מיר שטארק לייד געטהון, ווען איהר זאָלט זיין דער ערגסטער צווישען זיי."

סאָפיע, די עלטסטע שוועסטער נאָך איהר, א מיידעל פון א יאהר עלף, האט געקריגען דעם אויפטראג פון איהר, זי זאָל אכטונג געבען אויף די קינדער און בעגריסען דעם פאטער, ווען ער וועט אהיים קומען פון זיין שפּאַציר־רייט. די קליינע חברה־לייט האט זי אָנגעזאגט, זיי זאָלען פאָלגען סאָפיע'ן, פּונקט ווי זי אַליין וואָלט עס געוועזן, און אייניגע פון זיי האבען עס איהר פערשפּראָכען.

א קליינע בלאָנדינקע, פון א יאהר זעקס, מיט א שפּיציג נעזעל, האט געזאגט: „סאָפיע איז ניט לאָטטע; דיך האבען מיר ליעבער."

די צוויי עלטערע אינגלעך זיינען ארויפגעקראָכען אויף דער דראָשקע און אויף מיין בקשה האט זי זיי ערלויבט מיטצופאהרען ביז פאר'ן וואלד. דערפאר האבען זיי צוגעזאגט, אז זיי וועלען זיך גוט אויפפיהרען.

מיר האבען זיך קוים אויפגעזעטצט, קוים האבען זיך די פרויען־צימער געמאכט קאָמפּלימענטען איבער זייערע בגדים און היט, ווען לאָטטע האט געהייסען דעם טרייבער איינהאַלטען און ארונטערלאָזען איהרע ברידערלעך, וועלכע האבען פערלאַנגט נאָך אמאָל צו קושען איהר האנד. דער עלטערער, א פערצעהן־יעהריגער אינגעל, האט עס געטהאָן, ווי עס פּאַסט פאר איהם, צערטליך; דער אינגערער אבער מיט פיעל העפטיגקייט און לייכטזין. זי האט נאָך אמאָל געלאָזט גריסען די קליינע חברה־לייט, און מיר זיינען אוועקגעפאהרען.

די קוזינע האט געפרעגט לאָטטע'ן אויב זי איז שוין פארטיג מיט'ן בוך, וואס זי האט איהר ניט לאנג געשיקט.

„ניין," האט לאָטטע געענטפערט, „עס געפעלט מיר ניט. איהר קענט עס האבען צוריק. די פריהעריגע איז אויך ניט בעסער געוועזן."

איך בין געווען ערשטוינט, ווען איך האב געפרעגט, וואס דאס זיינען געווען פאר ביכער, און וואס זי האט מיר געענטפערט. *)

איך האב געפונען פיעל כאראקטעריסטישעס אין אלעס וואס זי האט געזאגט. אין יעדען ווארט האב איך ענטדעקט נייעם רייץ, נייע שטראהלען אויף איהר געזיכט, וועלכע האבען זיך נאך מעהר ענטוויקעלט, ווען זי האט געפיהלט, אז איך פערשטעהע זי.

„ווען איך בין נאך געווען אינגער,״ האט זי בעמערקט, „האב איך קיין זאך ניט אזוי געליעבט ווי ראמאנען. גאט ווייס דעם אמת, וואס פאר א הנאה איך האב געהאט, ווען איך האב מיך אוועקגעזעטצט אין א זונטאג אדער אזוי א יום־טוב אין א ווינקעל, און מיט׳ן גאנצען הארצען גענומען אנטהייל אין דעם גליק־שטערען און אין אונגליק־שטערען פון מיסס דזשעני. איך בין מודה ומתודה, אז דאס האט נאך עד־היום פאר מיר א געוויסע אנציהונג. אבער אזוי ווי איך קריעג א בוך זעהר זעלטען, וויל איך עס זאל לכל־הפחות זיין נאך מיין געשמאק. יענער פערפאסער איז ביי מיר דער ליעבסטער, אין וועמען איך געפין ווידער מיין וועלט; ביי וועלכען עס פאסירט דאסזעלבע וואס ארום מיר, און יענע געשיכטען, זעהט איהר, זיינען ביי מיר אינטערעסאנט און בעליעבט פונקט ווי מיין אייגענעם הויזליכעס לעבען, וואס איז אפילו ניט קיין גן־עדן, פון דעסטוועגען איז עס דאך א קוואל פון גליק.״

איך האב מיר בעמיהט צו אונטערדריקען מיינע געפיהלען איבער דיעזע ווערטער, אבער דאס איז מיר ניט צו פיעל געלונגען. הערענדיג איהר אורטהייל איבער דעם „גייסטליכען פון וויקפיעלד״ פון .... בין איך געווארען אויסער זיך און איהר געזאגט אלעס, וואס איך האב געמוזט זאגען; שפעטער ערשט, ווען לאטטע האט אנגעהויבען צו רעדען צו די אנדערע פרויענצימער, וועלכע האבען ביז איצטער צוגעהערט מיט אפענע אויגען, וואס מיר האבען גערעדט — יא, שפעטער ערשט האב איך מיך דערמאהנט, אז זיי זיינען אויך דא אין דער דראשקע. די קוזינע האט מיך ניט נאר איינמאל בעטראכט מיט

---

*) אין דער דייטשער אויסגאבע איז ניט אנגעגעבען די שטעלע וועגען די ביכער. דאס איז הפנים געווען א פערזענליכער חשבון, וואס געטהע האט געהאט מיט׳ן פערפאסער. אויך גרויסע מענשען זיינען ניט פריי פון חסרונות.—דער איבערזעטצער.

א שפּאַטישער מינע אויף איהר נעזעל, אבער מיך האט עס ניט געאַרט.

דאס געשפּרעך איז איבערגעגאַנגען וועגען פערגניעגען פון טאַנצען.

„ווען דיעזע ליידענשאַפט איז א פעהלער," האט לאָטטע געזאגט, „אזוי מוז איך אייך מודה זיין, אז איך בין א גרויסע זינדערין. ווען מיר קריכט עפּעס אריין אין קאָפּ און איך שפּיעל מיר אויפ'ן קלאַוויר א קאָנטער־טאַנץ, ווערט מיר וויעדער גוט."

בשעת זי האט גערעדט האב איך מיך איינגעגעסען אין איהרע שוואַרצע אויגען! איהרע לעבעדיגע ליפּען און איהרע פרישע, מונ־טערע באקען, האבען ארומגענומען מיין גאַנצע נשמה! איך בין פער־זונקען געוואָרען אין דעם הערליכען זינן פון איהר רעדע, און אָפּט־מאָל האב איך גאָר ניט געהערט די ווערטער, מיט וועלכע זי האט זיך אויסגעדריקט. און אזוי ווי דו קענסט מיך, קענסטו דיר דאס אלעס פאָרשטעלען. בקיצור, איך בין ארויס פון דער דראָשקע, ווי א פער־חלום'טער און מיר זיינען צוגעקומען צום טאַנץ־זאַאל; איך בין געווען אזוי פערלאָרען אין רעיונות, אז איך האב אפילו ניט געהערט די מוזיק.

די צוויי הערען אודראַן און נ. נ. — ווער קען זיך עס אָנגעדענ־קען אלע נעמען! — וועלכע זיינען געווען די טאַנץ שותפים פון לאָטטע'ן און די קוזינע, האבען אונז עמפּפאַנגען, איבערגענומען די פרויענצימער, און איך בין זיי נאָכגעגאַנגען מיט מיין טאַנץ־שותף'טע.

מיר האבען זיך ארומגענומען אין מענועט־טאַנץ; איך האב ארומ־גענומען איין פרויענצימער נאָך דער צווייטער, און אפילו דער אונער־טרעגליכסטער האט מען געמוזט געבען די האנד. לאָטטע און איהרע טענצער האבען אָנגעפאַנגען אַן ענגלישען טאַנץ; קענסט דיר אבער פאָרשטעלען, ווי וואויל מיר איז געווען, ווען עס איז איהר אויסגעקו־מען צו בייטען די פיגור מיט מיר.

טאַנצען דאַרף מען זי זעהען! זי איז דערביי מיט'ן גאַנצען האר־צען און מיט דער גאַנצער נשמה; איהר גאַנצער קערפּער איז דאַן איין הארמאָניע, אזוי זאָרגלאָז, אזוי פריי, פּונקט ווי דאס וואָלט פאַר איהר געווען די גאַנצע וועלט; און אין דעם אויגענבליק פערשווינדעט אויך געווים אלעס פון איהר.

איך האב זי איינגעלאַדען צום צווייטען קאָנטער־טאַנץ; זי האט

מיר צוגעזאגט דעם דריטען, און מיט דער ליעבענסווירדיגסטער פריי־מיטהיגקייט פון דער וועלט האט זי מיך פערזיכערט, אז זי טאנצט בעסער א דייטשען טאנץ.

„עס איז דא די מאָדע," האט זי ווייטער געזאגט, „אז יעדעס פּאארעל בלייבט אויך אוים צום דייטשען טאנץ, אבער מיין שותף טאנצט ניט גוט דעם וואלצער, און ער וועט מיר דאנקען, ווען איך וועל איהם אויסלעזען דערפון. אייער שותף׳טע, ווי עס שיינט, איז אויך ניט קיין מאדים אין דעם. אין ענגלישען טאנץ האב איך גראד געזעהען, אז איהר קענט טאנצען דעם וואלצער. ווען איהר ווילט אלזא מיט מיר טאנצען דעם דייטשען טאנץ, זאָלט איהר מיך אויסבעטען פון מיין שותף און איך וועל אייך אויסבעטען ביי אייער שותף׳טע.

דארויף האב איך איהר געגעבען די האנד. מיר האבען אָבגע־מאכט, אז בשעת מיר וועלען טאנצען, זאָל איהר טענצער אונטערהאל־טען מיין טענצערקע.

דאן האט עס אנגעהויבען, און מיר האבען זיך פריהער אביסעל דערפרייט, ווערענד מיר האבען געשלאָסען אונזערע ארעמס. מיט וואס פאר א רייץ און מיט וואס פאר א פלינקייט זי האט זיך בעוואוי־גען! ווען עס איז געקומען צום וואלצען און מיר האבען אָנגעהויבען צו שוועבען, איז עס פון אָנפאנג צוגעגאנגען אביסעל שווערליך, ווייל די מעהרסטע האבען גיט געקענט דעם טאנץ. מיר האבען עס אבער געטהון מיט שכל און זיי געלאָזט טאנצען; און אזוי ווי די אונפעהיג־סטע האבען פאר אונז געמאכט פלאטץ. און מיט נאָך א פּאאר, אודראַן און זיין טענצערקע, האבען מיר אויסגעהאלטען ביז צום סוף. עס איז מיר נאָך קיינמאָל ניט צוגעגאנגען אזוי גרינג. איך בין עפּעס גאָר מעהר קיין מענש ניט געוועזן. צו האלטען די ליעבענסווירדיגסטע בעשע־פעניש אין די ארעם, און מיט איהר ארומפליהען ווי דער ווינט, איז אלעס ארום פערשוואונדען, און — ווילהעלם, אום צו זיין עהרליך, האב איך געשוואָרען, אז דאס מיידעל, וואס איך זאָל ליעב האבען און האבען אנשפריכע אויף איהר, דארף מיט קיין אנדערן וואלצירען אוי־סער מיט מיר, אפילו ווען דאס זאָל מיך קאָסטען מיין לעבען! פערר־שטעהסטו מיך?

אייניגע מאָל האבען מיר זיך דורכגעדרעהט דעם זאאל אָבצוכאַ־פּען דעם אטהעם, דאן האט זי זיך געזעטצט, און די אראנזשען, וואס

איך האב געבראכט, פון וועלכע עס זיינען נאָר איבערגעבליעבען איי־ניגע, האבען זי מחיה געווען; עס האט מיר בלויז געגעבען א שטאָך אין הארצען ביי יעדען שטיקעל, וואס זי האט אָבגעשניטען און אוועק־געגעבען איהרע א שכנה.

ביים דריטען ענגלישען טאַנץ זיינען מיר שוין געווען דאס צווייטע פּאאר. ווי מיר האבען דורכגעטאַנצט די רייהע. און איך בין געווען פול מיט פערגניגען, הנאה האבענדיג די גאַנצע צייט פון איהר ארעם און אויגען, וועלכע זיינען געווען פול מיט דעם אמת'ען אויסדרוק פון פערגניגען, זיינען מיר פארביי א פרוי, וועלכע האט צוגעצויגען אונ־זער אויפמערקזאמקייט מיט איהר ליעבענסווירדיגער מינע אויף א ניט־יונגען פּנים. זי האט געקוקט צו לאָטטע'ן מיט א שמייכעל, אויפ־געהויבען א פינגער סטראשענדיג, און צוויי מאָל אַנגערופען דעם נאמען אלבערט.

„ווער איז דאס אלבערט?" האב איך געפרעגט לאָטטע'ן, „אויב דאס איז פון מיר ניט קיין העזה אייך צו שטעלען אזא שאלה."

זי האט נאָר וואס געוואָלט ענטפערן, ווען מיר האבען זיך געמוזט צוטהיילען, אום דאס „גרויסע אכט" צו טאַנצען. מיר האט עס נאכ־הער אויסגעזעהען צו בעמערקען טיעפע געדאנקען אויף איהר שטערען, ווען מיר האבען זיך בעגעגענט אין טאַנץ. —

„וואס זאָל איך אייך לייקענען?" האט זי צו מיר געזאגט, ווען זי האט מיר געגעבען די האנד צו דער פּראָמענאַדע, „אלבערט איז א בראַווער מענש, מיט וועמען איך בין שוין אזוי גוט ווי פערלאָבט."

עס איז מיר אפילו קיין נייעס ניט געווען, ווייל די מיידלעך האבען עס מיר שוין פריהער דערצעהלט, און דאָך האט עס מיר אויסגעזעהען אזוי ניי, ווייל איך האב עס נאָך ניט געטראכט איבער איהר זייט זי איז מיר, אין א קורצער צייט, געוואָרען אזוי טהייער.

אבער גענוג, דאס האט מיך שוין צומישט, איך האב מיך פער־בלאָנדזשעט, מיך פערגעסען, און בין אריין צווישען דעם אונרעכטען פּאאר, אז אלעס איז קאַליע געוואָרען, און לאָטטע האט ווידער געמוזט שלעפּען, ציהען, אום ווידער אמאָל צו ברענגען די טענצער אין אָרדנונג.

דער טאַנץ איז נאָך ניט געווען פאריבער, ווען די בליטצען, וואס מיר האבען שוין פריהער בעמערקט אויפ'ן ווייטען הימעל, האבען

אנגעהויבען צו ווערען שטארקער און שטארקער, ביז דער דונער האט פערטויבט די מוזיק. די פרויענצימער זיינען ארויסגעלאפען פון דער רייהע בעגלייט פון זייערע הערען; די אונארדנונג האט זיך פער־ברייט איבעראל און די מוזיק איז שטיל געבליעבען.

עס איז גאנץ נאטירליך, דאס ווען אונז טרעפט אן אונגליק, אדער עפעס שרעקליכעס אין מיטען פערגניגען, אז דאס מאכט אויף אונז א שטארקערען איינדרוק ווי אין א געוועהנליכער צייט. די אורזאכע איז טהיילווייז ווייל דער איבערגאנג איז אזוי שטארק פון גוטען צום בייזען, און אויך דערפאר ווייל אונזערע חושים ווערען אזוי שטארק געעפענט צו דערפיהלען דעם קלאפ. דאס אלעס צוזאמען דארף ערקלע־רען די וואונדערבארע גרימאסען, וואס איך האב געזעהען אויסברעכען אויף די פנים'ער פון פיעלע פרויען. די קלוגסטע האט זיך געזעטצט אין א ווינקעל, מיט'ן רוקען צום פענסטער, און מיט די פינגער האט זי זיך פערשטאפט די אויערן. אן אנדערע האט נעבען איהר אנידער־געקניעט און האט בעהאלטען איהר געזיכט אין איהר שויס. א דריטע האט זיך אריינגערוקט צווישען ביידען און ארומגענומען איהרע שוועס־טער, וועהרענד זי האט אויסגעבראכען אין טרערען.

אייניגע האבען געוואלט אהיים געהען; אנדערע וואס האבען נאך ווייניגער געוואוסט וואס זיי טהוען, האבען זיך אזוי פערלארען, אז זיי האבען גאר ניט געקענט אבטרייבען פון זיך די יונגע לייט, וועלכע זיינען געווען שטארק בעשעפטיגט צו קושען די ליפען, וואס האבען אבגעשיקט תפילות צום רבונו־של־עולם. אייניגע פון אונזערע הערען זיינען ארונטער געגאנגען, אום זיך צו רויכערן א ליולקע במנוחה. די איבריגע האבען געפאלגט די בעל־הבית'טע, וועלכע האט אונז געהייסען אריינגעהען אין א צימער, וואס האט געהאט לאדענס און פארהענגע. אזוי ווי מיר זיינען אהין אריין, איז שוין לאטטע געווען בעשעפטיגט אויסצושטעלען א קרייז מיט ביינקלעך, און ווען דער עולם האט זיך געזעטצט, האט זי פארגעשלאגען, מיר זאלען עפעס שפיעלען.

איך האב געזעהען ווי מאנכער פון דער חברה האט שוין געמאכט א ווארע צו נעהמען א גוטען משכון.

„לאמיר שפיעלען אין צעהלעניש," האבען זיי אויסגעשריען, „יעצט פאסט אויף: איך וועל געהען אין קרייז פון רעכטס צו לינקס, און יעדער זאל צעהלען, יעדער זיין נומער, ווען איך געה נעבען איהם

פארביי. דאס מוז געשעהען אזוי גיך ווי א פייער, און ווער עס פער־היקעט זיך, אדער האט א טעות, קריעגט א פּאטש. אזוי וועט עס געהען, ביז טויזענד."

עס איז געוואָרען פרעהליך. מיט אויסגעשטרעקטע ארעמס איז זי ארומגעגאנגען אין קרייז.

„איינס," האט דער ערשטער אָנגעהויבען; זיין שכן האט גע־זאגט „צוויי", נאָך איהם „דריי" און אזוי ווייטער. אבער דאן האט זי אָנגעהויבען צו געהען שנעלער און שנעלער; איינער האט עס דער־זעהען, פּאטש! א געלעכטער — ווידער א פּאטש! און זי אלץ גע־שווינדער. איך אליין האב אויך געקראָגען צוויי פּעטש, און מיט פער־גניגען האב איך בעמערקט, אז זיי זיינען שטארקער, ווי זי האט עס געגעבען די אנדערע.

מיט געלעכטער און געטומעל האט זיך געענדיגט דער שפּיעל, פריהער, איידער מען האט אָבגעצעהלט טויזענד. יעדער האט זיך ווידער גענומען זיין פּאאר, דער שטורם האט אויפגעהערט, און איך האב נאָכגעפאָלגט לאָטטע'ן אין זאאל.

אונטערוועגס האט זי בעמערקט:

„איבער די פּעטש האבען זיי פערגעסען אָן וועטער און אלעס."

איך האב איהר ניט געקענט ענטפערן.

„איך אליין האב געגוג מורא געהאט!" האט זי בעמערקט, „און זיך אָננעהמענדיג מיט קוראזש, אום אנדערע צו געבען מוטה, בין איך דערווייל געוואָרען אליין מוטהיג."

מיר זיינען צוגעגאנגען צום פענסטער. פון ווייטען האט עס נאָך געדונערט, און דער פּרעכטיגער רעגען איז געגאנגען איבער'ן פעלד. אַן ערקוויקענדער ריח איז צו אונז געקומען דורך דער ווארעמער לופט.

זי איז געשטאנען אָנגעלעהנט אויף איהרע עלענבויגענס. איהר בליק האט דורכגעדרונגען די געגענד. זי האט געקוקט צום הימעל און אויף מיר. איך האב געזעהען ווי איהרע אויגען זיינען פול געוואָרען מיט טרערען. דאן האט זי געלעגט איהר האנד אויף מיינער און אויס־גערופען:

„קלאָפּשטאָק!"

איך האב מיך באלד דערמאָהנט אָן דער העררליכער אָדע פון

דיעזען דיכטער, וואס איז געלעגען אין איהרע געדאנקען. איך בין אריינגעפאלען אין א שטראם פון געפיהלען, וועלכע זי האט ביי מיר ארויסגערופען.

מעהר האב איך עס ניט געקענט אויסהאלטען. איך האב מיך צוגעבויגען צו איהר האנד און זי געקושט בשעת די גליקליכסטע געפיהלען זיינען געלאפען פאר מיינע אויגען, און דאן האב איך צו איהר ווידער געקוקט.

ערעלער דיכטער! ווען דו וואלסט כאטש געקענט זעהען ווי זי האט דיך פערגעטערט, דאן וואלט איך מיט מעהר פערעכטונג געקענט הערען ווי מען לעסטערט דיין נאמען.

דען 19טען יוני.

ווי איך האלט ערגיץ מיט מיין לעצטען בריעף, ווייס איך ניט. איין זאך ווייס איך אבער יא, אז עס איז שוין געווען צוויי א זייגער ביי נאכט, ווען איך בין געגאנגען צו בעט, און ווען איך וואלט דיר אלעס געקענט אויספלוידערן, אנשטאט שרייבען, וואלט קיין סוף ניט גענומען ביז אין דער פריה.

וואס עס האט פאסירט אהיים פאהרענדיג פון דעם באלל, האב איך דיר נאך ניט דערצעהלט, און איך האב נאך עד־היום קיין צייט ניט דאס צו טהון.

עס איז געווען דער הערר׳יכסטער זונען־אויפגאנג. ארום־און־ארום איז געלעגען דער רעגען־טריפענדער וואלד און די ערפרישענדע פעלדער. אונזערע בעגלייטערינס האבען איינגעדרעמעלט.

זי, לאטטע, האט מיך געפרעגט, אויב איך וועל אויך זיין איינער פון דער קאמפאניע צום שלאפען, פאר איהר זאל איך מיך ניט קימערן.

„כל־זמן איך האלט דיעזע אויגען אפען,״ האב איך געזאגט, זי אנקוקענדיג פעסט, „איז קיין געפאהר ניטא איינצושלאפען.״

און ביז צום טויער האבען מיר ביידע אויסגעהאלטען. דארט האט איהר דאס דיענסט־מיידעל לאנגזאם געעפענט, און זי פערזיכערט, אז דער פאטער און די קינדער זיינען געזונד, און אלע שלאפען.

איך האב זי דאן פערלאזען, אבער מיט דער בקשה, זי נאך צו

זעהען אין דעמזעלבען טאָג. זי האט איינגעשטימט, און איך האב ניט פערפעהלט צו קומען. פון יענער צייט אָן, מעגען זיך די זונן, לבנה און שטערען טהון זייער ארבייט; איך ווייס ניט ווען עס איז טאג .און ווען עס איז נאכט. די גאַנצע וועלט ארום מיר פערלירט זיך.

דען 21טען יוני.

איך לעב אזעלכע גליקליכע טעג טאַקי נאָר ווי גאָט האט צוגע־טהיילט פאר זיינע צדיקים. זאָל פון מיר ווערען וואס עס וויל, איין זאַך וועל איך ניט קענען זאגען, און דאס איז, אז איך האב ניט גענאָסען די פריידען פון לעבען. קענסט דאָך מיין וואהלהיים. דאָרט האב איך מיך לעת־עתה בעזעטצט. פון דאַנען האב איך בלויז א האַלבע שטונדע גאַנג צו לאָטטע׳ן. דאָ פיהל איך מיך אליין און דאס גאַנצע גליק, וואס עס איז א מענשען געגעבען געוואָרען.

האב איך אפילו גע׳חלום׳ט, ווען איך האב מיר אויסגעקליעבען וואהלהיים פאר אַ פּלאַטץ צום שפּאַצירען, אז דאס ליעגט אזוי נאָהענט צום הימעל? ווי אָפט האב איך געזעהען דאס יאגד־הויז אויף מיינע וואַנדערונגען, פון באַרג, טהאָל און טייך, דאסזעלבע יאגד־הויז, וואס שליעסט יעצט איין מיין גרעסטעס גליק!

ליעבער ווילהעלם, איך האב שוין אלעס נאכגעדענקט, איבער דעם חשק אין מענשען זיך אויסברייטען, מאכען נייע ענטדעקונגען, ארום צו וואנדערן; דאַן ווידער איבער דעם אינוועניגסטען אינסטינקט זיך איינצושרומפען, אויפ׳ן וועג פון דער געוואָהנהייט צו געהען און זיך ניט בעקימערן וועגען רעכטס אדער לינקס.

עס איז מערקווירדיג: אזוי ווי איך בין אהער געקומען צום ער־שטען מאָל און ארונטערגעקוקט פון דעם באַרג צום טהאָל, בין איך שוין בעצויבערט געוואָרען. — דאָרט דאס וועלדעל. — אַך, ווען דו וואָלסט נאָר געקענט זיטצען אין זיין שאטען! — דאָרט ליעגען די בערג ווי צונויפגעקייקעלט איבער די שעהנע טהאָלען. — אַך, ווען איך וואָלט מיך נאָר דאָרט געקענט פערלירען! — איך בין אהין געלאָפען, געקו־מען צוריק, און ניט געפונען, וואס איך האב געהאָפט. מיט דער ווייט־קייט איז עס אקוראט אזוי ווי מיט דער צוקונפט. א גרויסע טונקלע גאַנצקייט ליעגט פאר אונזער נשמה, אונזערע געפיהלען פערשווינדען

אין דעם, און מיר ביינקען, אך! מיר ווילען זיך אין גאנצען אוועקגע־בען, אונז מיט דעם גאנצען פערגניעגען פון אן איינציגען, הערליכען געפיהל זיך צו לאזען אויספילען — און, אך, ווען מיר קומען שוין צו אהין, און דער „דארט" ווערט „דא", איז אלעס ווי פריהער, און מיר בלייבען שטעהען אין אונזער ארעמקייט, אין אונזער בעגרענצקייט; און אונזער נשמה ביינקט נאך דעם פערשוואונדענעם גליק.

סוף־כל־סוף ביינקט דער אונרוהיגסטער וואגאבונד נאך זיין פאטער־לאנד. ער געפינט דאס גליק אין זיין שטיבעלע, אויף דער ברוסט פון זיין פרוי, צווישען זיינע קינדער און אין דער בעשעפטיגונג זיי צו ערנעהרען. יא, ער געפינט דארט דאס גליק, וואס ער האט אומזיסט געזוכט אין דער גאנצער וועלט.

אין דער פריה, ביי זונען־אויפגאנג, ווען איך געה ארויס אין מיין וואהלהיים, און פליק מיר דארט אויס, אין ווירטהסגארטען, מיינע צוקער ארבעסען, זעטץ מיך אוועק און שייל זיי אויס, און דערוויילעז איך מיר אביסעל האמער; ווען איך קלייב מיר אויס, אין דער קליינער קיך, א טאפ, לעג אריין די שויטען און די פוטער און שטעל זיי צו צום פייער, דעק זיי צו און זעטץ מיך אניעדער זיי אונטערצו־טרייסלען; דאן פיהל איך אזוי לעבעדיג, ווי די מוטהיגע חתנים פון פענעלאפען, וועלכע שלאכטען אקסען און חזירים, צושניידען און בראָ־טען. קיין זאך פיללט מיך אן מיט אזעלכע אמת'ע געפיהלען, ווי דאס פאטריארכאלישע לעבען, וואס איך קען, גאט זיי דאנק, אהן חכמות אריינוועבען אין מיין אייגענעם לעבען.

ווי גוט מיר איז עס, ווען מיין הארץ קען פיהלען דאס איינפאכע, אונשולדיגע פערגניעגען פון א מענשען, וועלכער קען זיך ארויפברענגען א קעפיל קרויט אויפ'ן טיש, וואס ער האט אליין אויפגעצויגען, און ער לעבט דערביי דורך אלע גוטע טעג אין דעם שעהנעם מארגען, ווען ער האט געפלאנצט, די ליעבליכע נעכט, ווען ער האט עס בעגאסען און דאן אויפגעפאסט מיט פרייד, ווי דאס האט געוואקסען — אלעס זעהט ער וויעדער אין איין אויגענבליק און קוועלט אן דערפון.

דען 29טען יוני.

עהער־נעכטען איז אהער ארויסגעקומען דער ארצט פון דער שטאדט

צום אמטמאַן. ער האט מיך געפונען זיטצענדיג אויף דער ערד מיט לאַט־טע׳ס קינדער. אייניגע האבען זיך אָנגעהאַנגען אויף מיר, אַנדערע האַבען מיך גערייצט, איך האב זיי געקיצעלט, און צוזאַמען האבען מיר געמאכט א גרויסען רעש.

דער דאָקטאָר, וועלכער איז א מין אויסגעשטעלטע ליאַלקע, האט א טבע, ווען ער רעדט, ציהט ער זיך אוים די מאַנשעטען, לעגט זיי צונויף און האלט אין איין ציהען די קרייזלען פון זיין העמד — אָט דיעזער מענש האט עס געפונען פאר א פחיתת הכבוד אזוי צו טהון ווי איך האב געטהאָן; דאס האב איך מיר געמערקט פון זיין נאָז.

איך האב מיר אבער גאָר ניט געוואָלט שטערען, איהם געלאָזען טהון זיינע קלוגע מעשים, און איך האב מיך גענומען ווייטער בויען דאס קארטען־הייזעל, וואס די קינדער האבען אומגעוואָרפען. ער איז אויך ארום געגאַנגען אין שטאדט און זיך בעקלאָגט, אז ניט גענוג וואס דעם אמטמאַן׳ס קינדער זיינען אזוי אויך שלעכט, וועט זיי נאָך ווער־טהער מעהר פערדארבען.

יא, ליעבער ווילהעלם, קיין זאַך איז מיר ניט אזוי נאָהענט צום הארצען ווי דיעזע קינדער. ווען איך קוק מיר אריין אין די נשמה׳לעך פון דיעזע קליינע חברה־לייט, בעמערק איך דעם אָנפאַנג פון מדות טובות און כוחות, וואס זיי וועלען אמאָל בענעטהיגען; ווען איך בע־מערק אין דער יעצטיגער עקשנות קינפטיגע שטאַנדהאפטיגקייט און פעסטקייט פון כאראקטער, אין דעם וואויוועץ — גוטען הומאָר און גרינגקייט, וועלכע וועלען זיי אמאָל ארויסשלעפען איבער די געפאהרען פון דער וועלט — ווען איך מערק מיר דאס אלעס אזוי ריין, אזוי גאַנץ, ווידערהאָל איך דאן איבער די גאָלדענע ווערטער פון דעם לעהרער פון די מענשען: „ווען איהר וועט ניט ווערען ווי איינער פון דיעזע!" און יעצט, מיין טהייערער, זיי, וועלכע זיינען אונזער גלייכען, וועלכע מיר דארפען בעטראכטען אלס מוסטער, בעהאנדלען מיר גאָר ווי אונ־טערטהאנען!

האבען מיר אליין גאָר קיין אייגענעם רצון ניט? און וואו איז דאס רעכט? — איז עס דערפאר ווייל מיר זיינען עלטער און קליגער? גוטער גאָט פון דיין הימעל! זעהסט בלויז אלטע און יונגע קינדער, און ניט מעהר; און פון וועלכען דו האסט מעהר נחת, האט דיין זוהן שוין לאַנג דערצעהלט. די מענשען גלויבען אין איהם, נאָר זיי פאָלגען

איהם ניט. — נאָר דאס איז שוין ניט קיין נייעס — זיי ערציהען זייערע קינדער ווי זיי זיינען, און — אדיע, ווילהעלם! איך וועל בעסער דאריבער מעהר ניט רעדען.

דען 1טען יולי.

וואס לאָטטע קען זיין פאר א קראנקען, פיהל איך אין מיין אייגענעם ארעמען הארצען, וואס ליידט פיעל מעהר וואס זי איז ניטאָ, ווי יענע וואס ליעגט אויפ'ן קראנקען בעט. לאָטטע וועט פערברענגען אייניגע טעג אין שטאדט ביי אן אנשטענדיגער קראנקער פרוי, וועלכע האלט ביי דער גסיסה, לויט ווי די ערצטע בעהויפטען, און אין לעצטען אויגענבליק וויל זי לאָטטע זאָל זיין נעבען איהר.

לעצטע וואָך בין איך מיט איהר געווען בעזוכען דעם גייסטליכען פון סט... דאס איז אן אָרט, וואס ליעגט מן הצד און עס איז אהין א שטונדע רייזע. ארום פיער א זייגער זיינען מיר אהין אָנגעקומען. לאָטטע האט מיטגענומען איהר צווייטע שוועסטער.

אזוי ווי מיר זיינען צוגעקומען צום גייסטליכען'ס הויף, וואס ליעגט אין שאטען פון צוויי גרויסע נוס־בוימער, איז דער גוטער אלטער מאן געזעסען אויף א באנק פאר דער הויז־טהיר, און ווי ער האט דערזעהען לאָטטע'ן, איז ער ווי אויף דאס ניי לעבעדיג געוואָרען, פערגעסען אָן זיין שטעקען און איהר געוואָלט ענטקעגען לויפען.

זי איז אבער צו איהם צוגעלאָפען, איהם געצוואונגען זיך אניעדער צו זעטצען. דאן האט זי זיך געזעטצט נעבען איהם, אָבגעגעבען א גרוס פון איהר פאטער און געקושט זיין מיאוסען אינגסטען זוהן, וואס איז דער טרייסט פון זיין עלטער.

האסט זי בעדאַרפט זעהען ווי אזוי זי האט זיך געדרעהט ארום אלטען, ווי אזוי זי האט געשריען אום זיינע האלב־טויבע אויערן זאָלען הערען, ווי זי האט דערצעהלט פון די יונגע, שטארקע מענער, וואס זיינען געשטאָרבען פאר דער צייט; פון דער פאָרטרעפליכקייט פון קארלסבאד, און ווי אזוי זי האט געלויבט זיין ענטשלוס אהין צו פאהרען נעכסטען זומער; ווי זי האט אויסגעפונען, אז ער זעהט בעסער אויס און ער איז פיעל מונטערער ווי אין דער צייט, ווען זי האט איהם געזעהען צום לעצטען מאָל.

דערווייל האב איך געמאכט קאמפלימענטען דעם אלטען גייסט־ליכען׳ס פרוי. דער אלטער איז געוואָרען פרעהליך, און אזוי ווי איך האב געמוזט לויבען די נוס־בוימער, וואס האבען אונז געגעבען אזא ליעבליכען שאטען, האט ער אונז אָנגעהויבען צו דערצעהלען זייער היסטאָריע.

„ווער עס האט געפלאנצט דעם אלטען נוס־בוים,״ האט ער אָנגע־פאנגען, „ווייסען מיר ניט. איינע זאגען דער גייסטליכער, אנדערע זאגען יענער גייסטליכער. דער אינגסטער אבער, דאָרט הינטען, איז פונקט אזוי אלט ווי מיין פרוי, פופציג יאהר אין אָקטאָבער. איהר פאָ־טער האט איהם געפלאנצט אין דער פריה, און זי איז געבאָרען געוואָרען אבענד. ער איז דאָ געווען פאר מיר אין אמט. מען קען גאָר ניט בע־שרייבען ווי ליעב דער בוים איז איהם געווען; מיר געוויס ניט ווייניגער. מיין פרוי איז געזעסען אויף א באלקען און געשטריקט, ווען איך בין אהער געקומען, מיט זיעבען און צוואנציג יאהר צוריק, אלס ארעמער סטודענט.״

לאָטטע האט איהם דערביי געפרעגט וואו זיין טאָכטער איז. עס האט געהייסען, אז זי איז אוועק מיט העררען שמידט אויף דער לאָנקע צו די ארבייטער.

דער אלטער האט דאן פאָרטגעזעטצט זיין געשיכטע, ווי אזוי זיין שווער האט איהם ליעב געקריעגען, און די טאָכטער אויך. דאן, ווי אזוי, ער איז פריהער געוואָרען זיין העלפער און דערנאָך טאקי זיין נאכפאָלגער.

די געשיכטע האט זיך נאָר וואס געענדיגט, ווען די טאָכטער איז אריינגעקומען צוזאמען מיט דעם העררען שמידט דורך׳ן גארטען. זיי האבען בעגריסט לאָטטע׳ן מיט גרויסער פריינדשאפט, און איך מוז מודה זיין, אז זיי זיינען מיר גאנץ גוט געפעלען געוואָרען. זי איז א שנעלע, גוט געוואקסענע ברונעטקע, וועלכע קען איינעם גוט אונטער־האלטען א קורצע צייט אויף׳ן לאנד. איהר ליעבהאבער (וויל אלס אזעלכער האט זיך הערר שמידט באלד פאָרגעשטעלט), א פיינער, דאָך שטילער מענש, האט זיך ניט געוואָלט מישען אין אונזערע געשפרעכען, כאָטש לאָטטע האט אלץ געזוכט איהם אריינצושלעפען.

וואס מיך האט פערדראָסען איז געווען, אז איך האב געלעזען אויף זיין פנים, דאס עס איז געווען איינגעשפארטקייט און א שלעכטע לוינע

ווי א קורצער פערשטאנד. ווייטער האט זיך דאס ליידער נאָך צו גוט ארויסגעוויעזען. ווייל, ווען פרעדעריקע איז נעגאנגען שפּאצירען מיט לאָטטע׳ן און דערביי בין איך אויך מיטגעגאנגען, איז שמידט׳ס געזיכט, וואס איז אזוי אויך געווען פון א ברוינער פארב, אזוי פערטונקעלט געװאָרען, דאס לאָטטע האט מיר געגעבען א ציה ביים ארבעל אום מיך אויפמערקזאם צו מאכען, אז איך בין געווען צו פריינדליך צו פרעדעריקע׳ן.

מיך פערדריסט קיין זאך ניט מעהר ווי אין דער צייט ווען יונגע לייט, אין זייער בעסטער יוגענד, זייענדיג צוזאמען, ווען זיי קענען געניעסען פון אלע פריידען, פערדארבען זיי זיך אליין אלעס מיט פוסטער קנאה, און ערשט ווען עס איז צו שפּעט, זעהען זיי ארויס זייער פעהלער. מיך האט דאס שטארק געערגערט, און אבענד, ווען מיר זיינען געזעסען אין גייסטליכען׳ס הויף און געגעסען מילכיגס, האב איך אָנגעריהרט דאס געשפרעך איבער פרייד און לייד און בין שטארק אויפגעטרעטען געגען דער שלעכטער לוינע.

„מיר מענשען,״ האב איך געזאגט, „בעקלאגען זיך זעהר אָפט, אז אונזערע גוטע טעג זיינען אזוי וועניג און די שלעכטע אזוי פיעל; איך רעכען, אז מיר טהוען דאס מיט אונרעכט. ווען מיר זאָלען האבען אָן אָפענעם הארץ צו געניעסען דאס גוטע, וואס גאָט האט אונז געגעבען, וואָלטען מיר דאן אויך כח געהאט צו דערטראגען דאס שלעכטע, וואס קומט איבער אונז.״

„אונזער געמיטה איז אבער ניט אין אונזערע הענד,״ האט זיך אריינגעמישט דעם גייסטליכען׳ס פרוי, „פיעלעס איז געווענדט אָן קערפּער. ווען איינער פיהלט ניט גוט, איז אלצדינג ניט רעכט.״

דארויף האב איך איהר מודה געווען.

„אויב אזוי,״ האב איך אבער געזאגט, „וועלען מיר דאס בעטראכטען פאר א קראנקהייט, און זעהען אפשר קען מען דערצו קריעגען א רפואה.״

„דאס לאָזט זיך הערען,״ האט לאָטטע געענטפערט. „איך וועניגסטענס גלויב, אז פיעלעס איז געווענדט אָן אונז אליין. איך ווייס עס פון מיר. ווען מיך רייצט עפּעס און עס מאכט מיך בייז, שפּרינג איך אויף, זינג א פּאאר קאָנטער־טענץ אין גארטען ארויף און אראָב, און באלד פליהט עס אוועק.״

„אָט דאס האב איך טאקי געמיינט צו זאגען," האב איך מיך אריינגעמישט. „ווען איינער איז שלעכט געלוינט, איז עס פונקט ווי ער איז פויל, ווייל די שלעכטע לוינע איז אַ מין פוילקייט. אונזער נאַטור ציהט אונז אַהין. און דאָך, ווען מיר האבען אמאָל די קראפט זיך צו דערמאָנען, געהט אונז די ארבייט פון דער האנד און מיר געפינען אין דער טהעטיגקייט דאס אמת'ע פערגניגען."

פרעדעריקע איז זעהר אויפמערקזאם געוואָרען, דער יונגער מאַן האט מיר געזאגט, אז מען איז ניט קיין בעל־הבית איבער זיך אליין, און נאָך ווייניגער קען איינער בעהערשען זיינע געפיהלען.

„דאָ איז די פראגע," האב איך געזאגט, „פון אַן אונאנגענעהמעם געפיהל, פון וועלכען יעדער מענש וויל גערן לויז ווערען; קיינער ווייס ניט ווי ווייט זיינע קרעפטען געהען, ביז ער האט זיי פּרובירט. געוויס, ווער עס איז קראנק, וועט ארום פרעגען ביי אלע דאָקטוירים און דער גרעסטער יאוש פון די ביטערסטע מעדיצינען וועט ער ניט צוריקווייזען, אבי צוריק צו געווינען זיין געזונדהייט."

איך האב בעמערקט ווי דער עהרליכער אלטער האט אָנגעשטרענגט זיינע אויערן, אום אַנטהייל צו נעהמען אין אונזער ויכוח. איך האב דער־פאר געדרעהט העכער, זיך ווענדענדיג צו איהם.

„מען פרעדיגט געגען די פיעלע זינד," האב איך ווייטער געזאגט, „איך האב אבער נאָך ניט געהערט, אז מען זאָל פרעדיגען געגען דיעזער עבירה."

„דאס דארפען טהון די שטאָדטישע גייסטליכע," האט ער גע־ענטפערט. „די בויערן ליידען ניט פון קיין שלעכטע לוינעס. פון דעסט־וועגען וואָלט עס ניט געקענט שאדען אויך דאָ, ווייל דאס וואָלט געווען אַ לעקציאָן וועניגסטענס פאר מיין פרוי און אויך פאר'ן הערר אמטמאַן."

דער עולם האט זיך צולאכט און דער גייסטליכער האט אויך מיט־געלאכט, ביז ער האט אָנגעהויבען צו הוסטען, וואס האט אויף אַ צייט אונטערבראָכען אונזער ויכוח. דאן האט הערר שמידט ווידער גענומען דאס וואָרט.

„זיי האבען אָנגערופען די שלעכטע לוינע אַן עבירה. איך רעכען, אז דאס איז אביסעל איבערטריבען," האט ער געזאגט.

„געוויס ניט," האב איך אנגעווענדעט, „דאס וואס שאַדעט אונז

און אנדערע, פערדיענט אזא נאמען. איז עס ניט גענוג, וואס מיר קענען איינער דעם צווייטען ניט גליקליך מאכען, דארפען מיר נאך איינער דעם צווייטען רויבען דאס פערגניגען? רופט מיר אן דעם מענשען, וואס האט א שלעכטע לוינע און ער זאל זי קענען בעהאלטען, אום די פרייד ארום זיך ניט צו צושטערען! אדער איז די שלעכטע לוינע ניט אן אינערליכער אונמוטה איבער אונזער אייגענער אונווירדיגקייט, א פראטעסט געגען זיך זעלבסט, וועלכער איז אימער פערבונדען מיט אייפערזוכט אויפגעהעצט דורך הבל הבלים? מיר זעהען גליקליכע מענשען, וואס מיר קענען ניט גליקליך מאכען, אט דאס קענען מיר ניט דערטראגען.״

לאטטע האט מיך אנגעקוקט און געשמייכעלט, ווייל זי האט געזעהען מיט וואס פאר א פייער איך האב גערעדט. א טרער אין פרעדעריקע׳ס אויגען האט מיך געצוואונגען ווייטער צו רעדען.

„ווערה יענעם,״ האב איך געזאגט, „וואס בעדיענט זיך מיט דעם כח, וואס ער האט איבער א הארץ, אום פון דארט צו רויבען די פרייד. אלע מתנות, אלע נחת׳ן פון דער וועלט קענען ניט צוגעבען איין סעקונדע פערגניגען, וואס איז פערגאלט געווארען פון דער קנאה און אויפרעגונג פון אונזערן א טיראן.״

מיין גאנצעס הארץ איז געווען פול אין יענעם אויגענבליק; זכרונות פון דער פערגאנגענהייט האבען זיך געדרונגען אין מיין נשמה, און די טרערען זיינען מיר געקומען אין די אויגען.

„מיר דארפען זיך יעדען טאג זאגען,״ האב איך ערקלערט, „דו קענסט פאר דיינע פריינד קיין בעסערע זאך ניט טהון, ווי פערמעהרען זייער גליק דערמיט, וואס דו געניעסט עס מיט זיי צוזאמען. ביסטו אימשטאנד זיי צו געבען לינדערונג, ווען זייער נשמה איז געפלאגט מיט ליידענשאפטען און יסורים מאטערט זיי? און ווען די לעצטע, ערגסטע קראנקהייט קומט איבער׳ן מענשען, וועמעס געזונד דו האסט רואינירט אין דער בליהענדער יוגענד, יעצט ליגט ער ביי דער גסיסה, די אויסגעלאשענע אויגען צום הימעל, דער טויטען־שוויים אויפ׳ן בלייכען שטערען, און דו שטעהסט ביים בעט ווי א פערזאורטהיילטער, מיט א קלאהרען בעוואוסטזיין, אז דו קענסט גאר ניט העלפען, דיך פלאגט די טויט־שרעק, וואלסט אלעס אוועקגעגעבען, אום איהם צו קענען געבען א טראפען שטארקונג, איין פונק מוטה!״

דער זכרון פון אזא סצענע, וואס איך האב אמאל ביינעוואוינט, האט מיך, מיט דער גאנצער געוואלט, בעפאלען ביי דיזע ווערטער. איך האב בעהאלטען מיין פנים אין טאשענטוך און בין אוועק. איך האב מיך ערשט דערמאהנט וואו איך בין דער וועלט, ווען איך האב געהערט לאטטע'ם שטימע אויסרופענדיג:

„שוין צייט צו געהען אהיים!"

דאן האב איך אויך געקריגען פון איהר א גאב אהיים געהענדיג, דערפאר וואס איך נעהם צו א ווארעמען אנטהייל אין אלעמען און אז איך וועל דערפאר האבען א מיאוס'ן סוף. זי האט מיר געהייסען איך זאל מיך שוינען. — אך, דו מלאך! צוליעב דיר דארף איך לעבען!

דען 6טען יולי.

זי איז נאך אלץ ביי איהר שטארבענדער פריינדין, אבער זי איז נאך אימער דיזעלבע ליעבליכע בעשעפעניש, אז וואוהין זי קומט, ווערען יסורים פערלייכטערט און וואוהין זי געהט מאכט זי גליקליכע.

נעכטען אבענד איז זי געגאנגען שפאצירען מיט מאריאנען און די קליינע מאלע; איך האב עס געוואוסט, דערפאר האבען מיר זיך בעגעגענט און געגאנגען צוזאמען. געהענדיג אנדערטהאלבען שטונדען, זיינען מיר צוריק געקומען אין שטאדט אריין, פונקט צום ברונען, וועלכער איז מיר אזוי טהייער און יעצט טויזענד מאל טהייערער.

לאטטע האט זיך געזעצט אויף דער מויער, און מיר זיינען געבליעבען שטעהען פאר איהר. איך האב מיך ארומגעקוקט, און, אך, יענע צייט, ווען מיר זיינען געווען אליין, האט אין מיר ווידער אויפגעלעבט.

„ליעבער ברונען!" האב איך געמורמעלט צו מיר אליין, „זייט איך האב מיך מיט דיין קיהלקייט ניט דערקוויקט, האב איך אין איילעניש דיך פיעל מאל ניט בעמערקט."

איך האב ארונטער געקוקט און געזעהען, אז מאלע איז געווען שטארק בעשעפטיגט ארויף ברענגענדיג א גלאז וואסער. איך האב געקוקט צו לאטטע'ן און געפיהלט אלעס, וואס זי איז צו מיר. דערווייל איז אנגעקומען מאלע מיט דעם גלאז וואסער. מאריאנע האט עס גע-

וואָלט ביי איהר אוועקגעהמען: „ניין!" האט דאס קינד אויסגעשריען מיט דעם זיעסטען אויסדרוק, „ניין, לאָטטע, דו זאָלסט פריהער טרינקען!"

איך בין געווען אזוי ענטציקט איבער דער וואהרהייט און גוטס־קייט, מיט וועלכער זי האט אויסגערופען, אז איך האב מיינע געפיהלע מיט קיין אַנדער זאַך ניט געקענט אויסדריקען, ווי אויפהייבען דאס קינד פון דער ערד און זי אזוי געקושט, אז זי האט באַלד אָנגעהויבען צו שרייען און וויינען.

„איהר האט ניט ריכטיג געהאַנדעלט," האט לאָטטע בעמערקט.

איך האב מיך געפיהלט געטראָפען.

„קום אהער, מאַלע," האט זי וייטער געזאגט, זי אָננעהמענדיג ביי דער האנד און ארונטערפיהרענדיג די טרעפּען. „אַט דאָ וואש דיך אָב ביים פרישען קוואַל, אבער גיך, געשווינד! שאדט ניט, טהו נאָר וואס איך הייס."

אזוי שטעהענדיג, האב איך צוגעזעהען מיט וואס פאר א חשק דאס קינד האט מיט איהרע נאַסע הענטלעך געריבען איהרע באַקען, גלויבענדיג, אז דער קוואַל וועט אַלעם אָבוואשען, און פאר איהר איז ניטאָ קיין מיאוס'ערע זאַך ווי צו האבען א שמוטציגע מאָר־דעטשקע.

דאַן האט לאָטטע געזאגט:

„גענוג, גענוג, מאַלע!"

נאָר דאס קינד האט ניט אויפגעהערט זיך צו וואשען, גלויבענדיג, וואס מעהר אַלץ בעסער. ווילהעלם! איך גיב דיר מיין וואָרט, אז איך האב נאָך קיינמאָל ניט בייגעוואָהנט קיין טויף־סצענע מיט מעהר רעספּעקט. און ווען לאָטטע איז ארויפגעקומען, בין איך געווען בערייט מיך צו ווארפען צו איהרע פיס ווי פאר א נביא, וואס האט אָבגעמעקט די זינד פון א גאַנצער נאַציאָן.

אבענד האב איך מיך ניט געקענט צוריקהאַלטען ניט צו דערצעה־לען איבער דיעזער פּאַסירונג א מאַן, וועלכער האט אויסגעזעהען צו זיין א מענש מיט שכל און געפיהל. אבער, ווי עס שיינט, האב איך מיך אָבגענאַרט. ער האט ערקלערט, אז לאָטטע האט ניט ריכטיג גע־האַנדעלט.

„מען דארף ניט זוכען צו קלוג צו מאכען די קינדער," האט ער געזאגט, „דאס קען ברענגען צו טעות'ן און אבערגלויבען, פאר וועלכע מען דארף היטען די קינדער פון דער פריהער יוגענד אָן."

איך האב מיך באלד דערמאָהנט, אז דערזעלבער מאן האט, מיט א וואָך צוריק, געלאָזען טויפען זיינס א קינד. איך האב אפילו וועגען דעם ניט גערעדט, אבער אין הארצען האב איך געפיהלט דעם גאנצען אמת: מיר דארפען האנדלען מיט די קינדער ווי גאָט האנדעלט מיט אונז; מיר פיהלען זיך אם גליקליכסטען, ווען ער לאָזט אונז ארומ־קייקלען זיך אין אונשולדיגען און פריינדליכען משוגעת.

דען 8טען יולי.

וואס פאר א קינד מען איז! ווי אזוי מען בייגקט נאָך א בליק! וואס פאר א קינד מען איז!

מיר זיינען געגאנגען קיין וואהלהיים. די פרויען זיינען געפאהרען אין א דראָשקע. שפאצירענדיג, האט זיך מיר געדאכט, אז איך זעה אין לאָטטע'ס אויגען — פערצייה עס מיר, איך בין א נאר! דו דארפסט אבער זעהען דיעזע אויגען!—בקיצור, יעצט (ווייל מיינע אויגען קלע־פען זיך מיר צום שלאָפען), אזוי ווי די פרויענצימער זיינען אריין אין דער דראָשקע, זיינען דערביי געשטאנען דער יונגער וו..., זעלשטאדט, אודריאן און נאָך. דארט האט מען אביסעל געפלוידערט מיט די יונגע לייטלעך, וועלכע זיינען געווען גאנץ לוסטיגע חברה. איך האב געזוכט לאָטטע'ס אויגען, אבער זיי זיינען געגאנגען פון איינעם צום צווייטען, אבער אויף מיר, מיר! מיר! וועלכער איז דארט געשטאנען בלויז פון איהרעט וועגען, זיינען זיי גאר ניט געפאלען. מיין הארץ האט זיך מיט איהר טויזענד מאָל געזעגענט, אבער זי האט מיך גאר ניט געזעהען. די דראָשקע איז פארביי געפאהרען און מיר איז געשטאנען א טרעהר אין די אויגען. איך האב נאָכגעקוקט, איך האב געזעהען לאָטטע'ס קאָפּ־פוץ ארויסשטעקען פון דעם טהירעל, זי האט זיך געווענדט ארום צו זעהען, אַך, נאָך מיר? מיין ליעבער, אין דיעזער, אין דיעזער אונ־געוויסהייט שוועב איך; דאס איז מיין איינציגע טרייסט, אפשר האט

זי נעזוכט מיך צו זעהען, אפשר! גוטע נאכט! וואס פאר א קינד איך בין!

דען 10טען יולי.

דו דארפסט נאר זעהען, וואס פאר א שטיק נאר איך שטעל פאר, ווען מען רעדט פון איהר אין געזעלשאפט. און ווען מען פרעגט מיך ווי זי געפעלט מיר — געפעלט? דאס ווארט האס איך צו טויט. וואס מוז דאס זיין פאר א מענש, ווען מען לאטטע געפעלט, ביי וועמען זי רויבט ניט אוועק די חושים און פיללט ניט אויס אלע געפיהלען? מיט א קורצער צייט צוריק האט מיך איינער געפרעגט, ווי מיר געפעלט אססייען.

דען 11טען יולי.

מיט פרוי מ... שטעהט עס זעהר שלעכט; איך בעט פאר איהר לעבען, ווייל איך פיהל וואס לאטטע פיהלט. איך זעה זי זעלטען ביי מיין פריינדין, און היינט האט זי מיר דערצעהלט א וואונדערבארע פאסירונג. דער אלטער מ... איז א מיאוס'ער קמצן, און זייט ער קען זיין פרוי איז זי שוין ביי איהם גוט פערשווארצט געווארען. מיט עטליכע טעג צוריק, ווען דער דאקטאר האט זי אויפגעגעבען, האט זי געלאזט רופען איהר מאן (לאטטע איז געוועזן אין צימער) און צו איהם אזוי געזאגט:

„איך מוז דיר אויף עפעס מודה זיין, וואס וואלט געקענט אנמאכען נאך מיין טויט כעס און רוגז. ביז יעצט האב איך געפיהרט די בעל־הבית'ישקייט אזוי ארענטליך און אזוי שפארזאם ווי נאר מעגליך. פון דעסטוועגען וועסטו מיר מוחל זיין, ווען איך וועל דיר זאגען, אז זייט די לעצטע דרייסיג יאהר האב איך דיך אבגענארט. באלד נאך דער חתונה האסטו בעשטימט צו ווייניג צו דעקען די הוצאות פון דער קיך און הויזגעזינד. ווי אונזער געזינד איז אבער גרעסער געווארען, האט מען דיך ניט געקענט בעוועגען צו פערגרעסערן מיין וואכענגעלד; בקיצור, דו ווייסט, אז דו האסט פערלאנגט אין די צייטען פון גרויסע הצטרכות, זאל איך אויסקומען מיט זיעבען גולדען א וואך. איך האב

געשוויעגען. אבער וואס איז מיר ניט דערגאנגען, האב איך גענומען פון דער קאסע, און קיינער האט מיך ניט חושד געווען, אז א פרוי וועט גנב'ענען פון דארט. איך האב גאר ניט פערשווענדעט, און איך וואלט געגאנגען גאנץ רוהיג אויף יענער וועלט, ווען איך וואלט געוואוסט, אז יענע, וואס וועט פערנעהמען מיין פלאטץ, וועט וויסען וואס זי האט צו טהון, און דו זאלסט פערשפארען צו טענה'ען, אז דיין ערשטע פרוי האט יא געקענט אויסקומען מיט ווייניג געלד."

מיט לאטטע'ן האב איך דורכגערעדט, ווי אזוי מענשען קענען זיין פערבלענדעט, אז איינעם זאל גאר ניט איינפאלען חושד צו זיין די פרוי, אז מיט זיעבען גולדען א וואך קען מען ניט האבען קיין העלפט אפילו פון דעם, וואס זי האט בענעטהיגט. אליין האב איך אויך געזעהען מענשען, וועלכע האבען געגלויבט אין דער מזל-ברכה, מיינענדיג, אז זיי האבען ביי זיך אין הויז דעם נביא'ס קריגעל עהל, וואס לאזט זיך קיינמאל ניט אויס.

דען 13טען יולי.

ניין, איך נאר מיך ניט אב! איך לעז אין איהרע שווארצע אויגען אמת'ע סימפאטהיע פאר מיר און פאר מיין מזל. יא, איך פיהל, און דערפאר מעג איך געטרויען מיין הארצען, אז זי — אך, דארף נאר, מעג איך דאס זאגען — אז זי ליעבט מיך?

מיך ליעבען? — איך ווער ביי מיר אליין טהייערער; מעג איך וואגען צו רעכענען, אז דו וועסט מיך פערשטעהען — ווי אזוי איך פער־געטער מיך אליין, זייט זי ליעבט מיך?

איז דאס פשוט זיך אליין אנגעמאסטען, אדער עס איז טאקי אזוי? איך קען נאך ניט דעם מענשען, וועלכער זאל קענען פערטרעטען מיין שטעלע אין לאטטע'ס הארץ; און דאך, ווען זי רעדט פון איהר חתן, מיט אזוי פיעל ווארעמקייט און ליעבע, זעהט עס ביי מיר אויס, ווי איינער, ביי וועלכען מען נעהמט אוועק אלע זיינע אויסצייכנונגען, כבוד און אויך זיין שווערט.

דען 16טען יולי.

אך, ווי מיר לויפט עס דורך אלע אדערן, ווען מיין פינגער בעריהרט אונגערן איהרען און ווען מיין פוס בעגעגענט זיך מיט איהרען אונטער׳ן טיש! איך ציה מיך צוריק ווי פון פייער, אבער א געהיימע קראפט ציהט מיך אלץ אהין. — עס הייבט מיר אן אזוי צו שווינדלען פאר די אויגען! — איהר אונשולד, איהרע ריינע און זויבערע נשמה, פיהלט גאר ניט ווי עס פייניגען מיך די קליינע פריינדליכקייטען! עס פאסירט, אז אין געשפרעך לעגט זי איהר האנד אויף מיינער און בשעת רעדען קומט זי צו נעהנטער צו מיר און איהר הימלישער אטהעם דערגרייכט מיינע ליפען — דאמאלס פיהל איך ווי פון בליטץ געטראפען. דו פערשטעהסט מיך, ווען איך זאל מיך אמאל וואגען דיעזען הימעל, דיעזעס פערטרויען פאר מיר צו נעהמען — ניין, מיין הארץ איז ניט אזוי פערדארבען, אזוי שוואך — אבער איז דער געדאנק אליין ניט א פערברעכען?

זי איז ביי מיר הייליג. יעדע תאוה שווייגט אין איהר גענענ־ווארט. איך ווייס קיינמאל ניט ווי מיר איז, ווען איך בין ביי איהר; עס שיינט מיר גלייך ווי די נשמה וואלט אריין אין אלע מיינע נערוועז. זי האט א מעלאדיע, וואס זי שפיעלט אויפ׳ן קלאוויער מיט דער קראפט פון א מלאך, אזוי איינפאך און דאך אזוי גייסטפאל. עס איז איהר ליעבלינגס־ליעד, און ווען זי שפיעלט נאר די ערשטע נאטע, הייבט עס מיך שוין פון אלע יסורים און פיין.

מיר איז מעהר ניט קיין וואונדער איבער דעם, וואס מען דער־צעהלט איבער דער אלטער צויבער־קראפט פון דער מוזיק. דאס איינפאכסטע געזאנג ריהרט מיך. און, מערקווירדיג, זי ווייס עס גראדע דאמאלס צו שפיעלען, ווען איך וואלט מיר וועלען ארייניאגען א קויל אין קאפ. די פערבלאנדזעטקייט און חושך פון מיין נשמה צוגעהען זיך און איך אטהעם ווידער פרייער.

דען 18טען יולי.

ווילהעלם, וואס איז פאר אונז א הארץ אהן ליעבע? פונקט ווי א צויבער־לאנטערן אהן ליכט! קוים ברענגסטו אריין דאס לעמפעל, דאן

גלאַנצען פאַר דיר די שעהנסטע בילדער אויף אַ ווייסער וואַנד. און ווען ליעבע וואָלט מעהר ניט געווען ווי אַ פערביישוועבענדע פאַנטאַזיע, מאַכט עס אונז אַלץ גליקליך פיהלען, ווען מיר ווערען ענטציקט ווי אינגלעך פון די וואונדערבאַרע ערשיינונגען.

היינט האָב איך ניט געקענט געהען צו לאָטטע'ן. אַן אונפערמיידליכע קאָמפּאַניע האָט מיך אויפגעהאַלטען. וואָס האָב איך געקענט טהון? איך האָב צו איהר געשיקט מיין דיענער, כדי איך זאָל דאָ האָבען אַ מענשען, וואָס איז היינט געווען נאָהענט צו איהר. מיט וועלכער אונגעדולד איך האָב אויף איהם געוואַרט, און מיט וועלכער פרייד איך האָב איהם געזעהען! ווען איך וואָלט מיך ניט געשעהמט, וואָלט איך איהם אַנגענומען ביים קאָפּ און איהם געקושט.

מען דערצעהלט פון אַ באָנאָנישען שטיין, אַז ווען מען האָט איהם געלעגט ענטקעגען דער זונן, האָט ער איינגעזויגען איהרע שטראַהלען און דאַן געלויכטען אביסעל ביי נאַכט. אַזוי איז עס מיר געווען מיט דעם דיענער. דאָס געפיהל, אַז איהרע אויגען האָבען געקוקט אויף זיין פּנים, אויף זיינע באַקען, אויף די קנעפּ און אויף דעם קאָלנער פון זיין ראָק, דאָס אַלעס צוזאַמען האָט איהם ביי מיר געמאַכט איינפאַך הייליג און טהייער. אין יענעם אויגענבליק וואָלט איך דעם יונג ניט אַוועקגעגעבען פאַר טויזענד טאַלער. ווי גוט איך האָב עס געפיהלט אין זיין נעגענוואַרט. גאָט זאָל דיך אָבהיטען זאָלסט לאַכען דערפון.

ווילהעלם, זיינען דאָס פאַנטאַזיען, וואָס מאַכט אונז אַזוי גליקליך?

דען 19טען יולי.

„איך וועל זי זעהען!" שריי איך אוים גאַנץ פריה, ווען איך מונטער מיך אויף און מיט פרעהליכקייט קוק איך צו דער שעהנער זונן. „איך וועל זי זעהען!" דאַן בלייבט מיר שוין דעם גאַנצען טאָג קיין אַנדערער וואונש. אַלעס, אַלעס ווערט פערשלונגען אין דיעזען חשק.

דען 19טען יולי.

אייער אידעע, אז איך זאָל פאהרען מיט'ן קאָנסול קיין.... קען איך נאָך ניט אָננעהמען. איך האב ניט שטארק ליעב זיך צו אונטער־ווארפען, און מיר ווייסען אלע, אז דער מאן אליין איז ניט קיין אָנ־גענעהמע בריאה. דו זאגסט, אז מיין מוטער וויל מיך זעהען עפּעס טהון; דאס האט מיך געמאכט לאכען. בין איך יעצט ניט טהעטיג? איז עס, אין גרונד גענומען, עפּעס א חילוק, אויב איך צעהל ארבעס אָדער לינזען? אלעס שטרעבט נאָך איין לומפּעריי, און דער מענש בלייבט שטענדיג א נאר, וואס שטרעבט נאָך געלד אָדער עהרע, ווייל אנדערע ווילען אזוי, ניט ווייל דאס איז זיין אייגענער ווילען און ליידענשאפט.

דען 24טען יולי.

אזוי ווי דו אינטערעסירסט זיך זעהר שטארק דערמיט, אז איך זאָל ניט פערנאכלעסיגען מיין צייכנען, על־כן וועל איך אלעס אנדערע אויסלאָזען און רעדען דאריבער. דער אמת איז אבער, אז איך האב אין דעם ווענינ וואס געטהון.

איך בין נאָך קיינמאָל ניט געוועזן גליקליכער ווי יעצט; קיינמאָל האב איך מיך נאָך ניט אזוי פיעל פעראינטערעסירט מיט דער נאטור ווי יעצט, פיהלענדיג יעדעס שטיינדעלע, יעדעס גרעזעלע. און דאָך — איך ווייס ניט ווי איך זאָל מיך אויסדריקען, מיין פאָרשטעלונגס קראפט איז אזוי שוואך, אלעס שווימט און טאנצט אזוי פאר מיין זעעלע, אז איך קען ניט אָנכאפּען קיין זאך פאר צייכנונג. איך שטעל מיר אבער פאָר, אז ווען איך וואָלט געהאט לעהם אָדער וואקס, וואָלט איך שוין יא געמאכט דערפון עפּעס א בילד. איך וועל אויך נעהמען לעהם, ווען עס וועט אזוי אָנהאלטען, קנעטען און עס וועלען דערפון ארויסקומען קוכענס.

דריי מאָל האב איך אָנגעהויבען צייכנען לאָטטע'ס פּאָרטרעט, און דריי מאָל האב איך מיך בענארישט. און דאס פערדריסט מיך נאָך מעהר, ווייל מיט א צייט צוריק האב איך אלעס אויסגעצייכענט

צונעטראָפען. פון דעסטוועגען האב איך נאכהער געצייכענט איהר שאטען־צורה, און דאס איז דערווייל פאר מיר גענוג.

דען 25טען יולי.

יא, ליעבע לאָטטע, איך וועל אלעס בעזאָרגען און בעשטעלען; גיט מיר נאָר מעהר אויפטרעגע, ווי אָפט איהר ווילט אליין. בלויז איין זאַך בעט איך אייך: שיט ניט קיין זאמד אויף די צעטעלעך, וואס איהר שרייבט מיר. היינט האב איך געכאַפט א צעטעלע צו די ליפען, האט עס מיר געקריצט צווישען די צייהן.

דען 26טען יולי.

איך האב מיר שוין עטליכע מאָל פאָרגענומען זי ניט צו זעהען אזוי אָפט. אבער ווער קען עס האלטען? יעדען טאג בין איך א קרבן פון נסיון. דאכט זיך יעדען טאג זאג איך: „מאָרגען זאָלסטו מעהר ניט געהען!" און ווען דער מאָרגען קומט, געפין איך וויעדער א שטארקע אורזאכע, און נאָך איידער איך קוק זיך ארום, בין איך שוין דאָרט. ענטוועדער זי האט געזאגט אבענד: „איהר קומט דאָך מאָרגען?" אָדער זי גיט מיר עפּעס אַן אויפטראג, און איך געפין עס פאר פאסענד איהר אליין צו ברענגען דעם ענטפער; אָדער דער טאג איז גלאט אזוי צו שעהן און איך געה קיין וואהלהיים, און ווען איך בין דאָרט, געדויערט עס מיר בלויז א האלבע שטונדע ביז צו איהר.

איך בין צו נאָהענט צו דער אטמאָספערע — צוק! און איך בין שוין דאָרט!

מיין מאַמע פלעגט דערצעהלען א מעשה׳לע פון מאגנעטענבערג: די שיפען, וועלכע זיינען געקומען צו נאָהענט, זיינען אויף איינמאָל בע־רויבט געוואָרען פון דעם אייזען, וואס זיי האבען געהאט; די צוועקעס זיינען געפלויגען צום בארג, און די אונגליקליכע מענשען זיינען ארייג־געפאלען אין ים אריין צווישען די צונומענע ברעטער.

דען 30טען יולי.

אלבערט איז אנגעקומען און איך וועל מוזען געהען. ווען ער זאל זיין דער בעסטער, דער עדעלסטער אויף דער ערד און איך זאל מיך פיעל קלענער האלטען ווי ער איז, וואלט איך דאך ניט געקענט צוזעהען מיט מיינע אויגען ווי אזוי ער בעזיטצט אזא פאלקאמענהייט. — בעזיטצען? — גענוג, ווילהעלם, דער חתן איז דא. ער איז א בראַווער און ליעבער מענש, צו וועמען מען דארף זיין גוט. גליקליכערווייזע בין איך ניט געווען ביי זיין אנקומען. עס וואלט מיר צוריסען מיין הארץ. ער איז אזוי בראוו, אז ער האט נאך איינמאל ניט געקושט לאטטע'ן אין מיין געגענוואַרט. גאט זאל איהם בעצאהלען דערפאר. פאר דעם רעספעקט אליין, וואס ער האט פאר איהר, מוז איך איהם ליעב האבען. ער איז זעהר גוט צו מיר, און איך רעכען, אז דאס איז לאטטע'ס איינפלוס; אין דעם פערשטעהען זיך שוין איין די פרויען און זיי האבען רעכט: ווען זיי האבען צוויי פערעהרער, וואס לעבען גוט מיט אנאנדער, דאן איז עס אימער פון זייער טובה וועגען.

דערווייל קען איך אלבערט'ן ניט ענטזאגען מיין אכטונג. זיין רוהיגע נאטור איז אזא ווידערשפרוך צו מיין אונרוהיגען כאראקטער, אז דאס קען מען גאר ניט פערבארגען. ער איז א געפיהלפאלער מענש און בעגרייפט וואס לאטטע איז פאר איהם. עס שיינט, אז ער האט זעהר ווייניג שלעכטע לוינען, און דו ווייסט, אז דאס איז די זינד, וואס איך האס אין מענשען מעהר ווי אלעס אנדערע.

ער האלט מיך פאר א מענשען מיט שכל; מיין התקרבות צו לאטטע'ן, מיין אמת'ע פרייד, וואס איך האב אין אלע איהרע האנדלונגען, פערמעהרט אלץ זיין טריאומף און ער ליעבט זי נאך מעהר. אויב ער פייניגט זי אמאל מיט קליינע אייפערזיכטיגקייטען, וועל איך יעצט ניט רעדען דאריבער; איך, אויף זיין פלאטץ, וואלט ניט זיכער געווען געגען דיעזען טייוועל.

אבער זאל עס זיין ווי עס וויל זיך, מיין פרייד צו זיין ביי לאטטע'ן, איז פאראיבער. זאל איך דאס רופען נאררישקייט אדער פערבלענדונג? — אבער צו וואס דארף איך א נאמען? די זאך דערצעהלט זיך אליין. איך האב געוואוסט אלעס, וואס איך ווייס יעצט, נאך איידער אלבערט איז געקומען; איך האב געוואוסט, אז

איך האב צו איהר קיינע פּרעטענזיעס, און איך האב אויך קיינע גע־האט; דאס הייסט, אזוי ווייט ווי עס איז מעגליך געווען בשעת איך האב ארויסגעוויעזען אזוי פיעלע ליעבענסווירדיגקייטען. איצט שטעה איך מיר דאָ ווי אַ נאַר, מיט גרויסע געעפענטע אויגען, ווען דער חתן איז ווירקליך געקומען און פון מיר אוועקגענומען דאס מיידעל.

איך פערבייס מיט די צייהן און שפּאַט איבער מיין עלענד; איך שפּאַט אויך דאָפּעלט און דרייפאַך פון יענע, וואס קענען מיר זאגען, אַז איך זאָל זיך אָבזאָגען, ווייל עס איז קיין אנדער מיטעל ניטאָ. נעהמט אוועק פון מיר דיעזע שטרויענע מענער! — איך לויף ארום אין וועלדעל, און ווען איך קום צוריק און געפין אלבערט'ן ביי איהר, זיטצענדיג אין גארטען אָדער אונטער די בלומען, קען איך עס גאַר ניט איבערטראגען. איך ווער עפּעס אויסגעלאסען נארריש און הייב אָן וויזען משוגענע שטיק.

„אום גאָטטעס ווילען," האט מיר היינט לאָטטע געזאגט, „איך בעט אייך, מאַכט מעהר ניט אַזאַ סצענע ווי נעכטען אבענד. איהר זייט שרעקליך, ווען איהר זייט אזוי לוסטיג."

צווישען אונז זאָל עס בלייבען, פּאַס איך אויף אַקוראַט, ווען אל־בערט איז בעשעפטיגט; וואוטש! בין איך דאָ, און מיר איז תמיד גוט, ווען איך טרעף זי אליין.

דען 8טען אויגוסט.

איך בעט דיך, ליעבער ווילהעלם, איך האב געוויס דיך ניט גע־מיינט, ווען איך האב פערדאַמט די מענשען אלס אונערטרעגליך. איך האב נאָר געמיינט יענע מענשען, וועלכע הייסען אונז זיך אונטערגע־בען צום שיקזאַל, ווען עס לאָזט זיך גאָר ניט. איך האב געוויס ניט גע־רעכענט, אַז דו וועסט אויך אזוי מיינען. אין תוך גענומען, האסטו רעכט. בלויז איין זאַך מוזטו מיר מודה זיין, אַז אין דער וועלט איז ניטאָ קיין ענטוועדער אָדער; די געפיהלען און האנדלונגען זיינען אזוי פערשיעדען, גראדע ווי די לאַנגע נאָז און פלאַטשיגע נאָז.

דו וועסט מיר אלזאָ קיין פאראיבעל ניט האבען, ווען איך וועל אָבלאָזען דיין ארגומענט און מיך דאָך דורכשטופּען צווישען ענט־וועדער און אָדער.

דו זאגסט: „ענטוועדער דו האסט האפנונג אויף לאטטע'ן, אדער ניט. גוט! אין ערשטען פאל זאלסטו זוכען דורכצופיהרען און פער־ווירקליכען די ערפיללונג פון דיין וואונש; אין צווייטען פאל, פאס מוטה און זעה לויז ווערען פון א טרויעריגעס געפיהל, וואס מוז סוף־כל־סוף חרוב מאכען אלע דיינע כוחות." — מיין פריינד, דאס איז גוט געזאגט, אבער — צו שנעל געזאגט.

זאג מיר אבער נאר, קענסטו פערלאנגען פון דעם אונגליקליכען, וועלכער האלט ביים שטארבען פון א פערצעהרישע קראנקהייט, ער זאל זיך ארייננשטעכען א קינזשאל אין הארצען און מיט איין מאל מאכען א סוף פון אלע יסורים? רויבט פון איהם די קראנקהייט אליין ניט אוועק דאס געזונד און דעם מוטה צו טהון אזא זאך?

קענסט מיר אפילו ענטפערן למשל: „ווער וועט זיך ניט לאזען אבשניידען א האנד, איידער ער זאל זיך אויסזעטצען דער געפאהר פון טויט דורך עלענד און יסורים?" — איך וויים ניט! — לאמיר זיך בעסער ניט ארומרייסען מיט משלים. גענוג! יא, ווילהעלם, ניט זעלטען קריעג איך אזוי פיעל מוטה, אז ווען איך וואלט נאר גע־וואוסט וואוהין, וואלט איך געווים פון דאנען ענטלאפען.

אבענד.

מיין טאגעבוך, וואס איך האב זייט א צייט פערנאכלעסיגט, איז מיר היינט ווידער אריינגעפאלען אין דער האנד, און איך בין געוועזען ערשטוינט צו זעהען, ווי אזוי איך בין במזיד, שריט נאך שריט אזוי ארייגעקראכען. ווי אזוי איך האב אימער געזעהען מיין צו־שטאנד אזוי קלאר, און דאך האב איך געהאנדעלט ווי א קינד; עד־היום זעה איך נאך קלאר און עס ווייזט גאר ניט אוים עס זאל בע־סער ווערען.

דען 10טען אויגוסט.

איך וואלט געקענט פיהרען דאס בעסטע און גליקליכסטע לעבען ווען איך זאל ניט זיין א שוטה. ניט תמיד פאסען זיך אזוי די אומ־שטענדען צוזאמען, וואס קענען גליקליך מאכען א מענשען און וואס

איך זעה יעצט פאר מיינע אויגען. אך, עס איז קיין ספק, אז אונזער הארץ אליין מאכט דעם מענשען'ס גליק. — צו זיין א מיטגליעד פון דער ליעבענסווירדיגער פאמיליע; געליעבט צו ווערען פון דעם אלטען ווי א זוהן; פון די קינדער ווי א פאטער; און פון לאָטטע'ן! דאן קומט דער עהרליכער אלבערט, וועלכער שטערט מיר ניט מיין גליק דורך זיינע שלעכטע לוינעס, וועלכער בעהאנדעלט מיך מיט דער בעסטער פריינדשאפט, ביי וועמען איך בין דער ליעבסטער אין דער וועלט נאָך לאָטטע'ן! — ווילהעלם! עס איז א וואהרעס פערגניגען צו הערען אונזביידען רעדען פון לאָטטע'ן, ווען מיר שפאצירען. יא, נאָך א גרעסערער מעשה־חוזק ווי מיר פערהאלטען זיך, איז גאָר אין דער וועלט ניט געווען, און דאָך קומען מיר אָפט דאריבער די טרערען אין די אויגען.

ווען ער דערצעהלט מיר פון איהר מוטער די אשה צנועה; ווי אזוי זי האט איבערגעגעבען לאָטטע'ן איהר הויז און איהרע קינדער, און דאן איהם אנפערטרויעט לאָטטע'ן; ווי אזוי, זייט יענער צייט, איז לאָטטע גאָר געוואָרען אַן אנדער מין מענש; ווי אזוי זי איז געוואָרען אַן אמת'ע מוטער, זאָרגענדיג פאר די קינדער און פאר דער בעל־הבית'ישקייט; ווי אזוי זי האט ניט פערלאָרען קיין אויגענבליק פון איהר צייט אָהן טהעטיגע ליעבע, אָהן ניטצליכע ארבייט, און ווי אזוי זי האט פון דעסטוועגען ניט פערלאָרען איהר מונטערקייט און פרעה־ליכקייט. — איך געה מיר אזוי נעבען איהם, פליק בלומען אויפ'ן וועג, פלעכט זיי אויס אין א בוקעט און — וואָרף זיי אריין אין דעם פארביילויפענדען שטראָם, און קוק זיי נאָך ווי אזוי זיי קייקלען זיך לאנגזאם ארונטער. — איך ווייס ניט אויב איך האב דיר שוין גע־שריעבען, אז אלבערט פערבלייבט דאָ; ער נעהמט אָן אַן אמט מיט א גוטען געהאלט פון דער רעגיערונג און מען האט איהם שטארק ליעב. וואס איז נוגע אָרדנונג, פלייסיגקייט אין געשעפט האב איך וועניג מענשען געזעהען ווי ער.

דען 12טען אויגוסט.

געוויס, אלבערט איז דער בעסטער מענש אונטער'ן הימעל. געכטען האב איך מיט איהם געהאט א וואונדערבארע סצענע. איך

בין געקומען צו איהם אום צו נעהמען אבשיעד; ווייל מיך האט אָנ־געכאפּט דער חשק ארויסצורייטען אויף די בערג, פון וואנען איך שרייב דיר אויך יעצט. אזוי ווי איך האב שפּאציערט אין צימער הין און צוריק, האב איך בעמערקט זיינע פּיסטוילען.

„באָרג מיר די פּיסטוילען," האב איך געזאגט, „אויף דער רייזע."

„פון מיינעט וועגען," האט ער געזאגט, „קענסטו זיי נעהמען, אויב דו ווילסט דיר נאָר געבען די מיה זיי צו לאָדען, ווייל ביי מיר הייגנען זיי גלאט פון פאָרמע וועגען."

איך האב ארונטערגענומען איינע און ער האט ווייטער געזאגט:

„זייט מיין פאָרזיכטיגקייט האט מיר אָבגעשפּיעלט א שטיקעל, וואָלט איך מיט דיעזער סחורה מעהר ניט וועלען האבען צו טהון."

איך בין געווען נייגיעריג צו הערען וואס עס האט פּאסירט.

„איך האב מיך אויפגעהאלטען ביי מיינעם א פריינד אויפ'ן לאנד א פיערטעל יאהר. איך האב געהאט א פּאאר ניט געלאָדענע פּיסטוילען און בין מיר רוהיג געשלאָפען. איינמאָל, אין א רעגנערי־שען נאָכמיטאג, זיטצענדיג לעדיג, איז מיר עפּעס איינגעפאלען, אז מען קען אונז נאָך בעפאלען און מיר וועלען בענעטהיגען די פּיסטוילען. איך האב זיי דערפאר געגעבען דעם דיענער, ער זאָל זיי אויספּוטצען און אָנלאָדען. דער דיענער, שטיפענדיג מיט דער דיענסט, האט ער זי געוואָלט איבערשרעקען, און, גאָט ווייס ווי דאס איז געווען, די פּיסטויל האט אויסגעשאָסען בשעת דער לאָדע־שטעקען איז נאָך אין דעם געווען, געטראָפען דעם מיידעל אין גראָבען פינגער פון דער האנד און איהם צושמעטערט. איך האב געמוזט בעצאהלען פאר דעם גע־וויין, פאר דעם דאָקטאָר, און פון דעמאָלט אָן לאָז איך דאס געוועהר ניט געלאָדען." וואס איז פאָרזיכטיגקייט? די געפאהר לאָזט זיך ניט אויסלערנען. „פון דעסטוועגען," — איך האב ליעב די מענשען ביז צו זייער פון דעסטוועגען, ווייל יעדע זאך האט אן אויס־נאהמע, אבער ער, אלבערט, איז אזוי פּינקטליך, דאס ווען ער גלויבט, אז ער האט געזאגט עפּעס איבעראיילטעס, אלגעמיינעס, האלב־אמת, הערט ער ניט אויף צו ערקלערען און בעמערקען, ביז עס בלייבט ענד־ליך גאָר ניט פון דער זאך אליין. ביי דעם איז ער אויך זעהר טיעף פערקראָכען. צום סוף האב איך מעהר ניט געהערט, וואס ער האט

געזאגט, בין אריין אין חלומות און מיט אַן אויפפּאַלענדער בעוועגונג האב איך צוגעלעגט דאס מויל פון פּיסטויל צום שטערן נעבען רעכ־טען אויג.

„פוי!" האט אַלבערט אויסגעשריען, וועהרענד ער האט ביי מיר אוועק גענומען די פּיסטויל. „וואס איז דאס?"

„זי איז דאָך ניט געלאָדען," האב איך געענטפערט.

„און ווען אפילו אזוי, וואס טויג עס? האט ער געפרעגט, ווע־רענדיג אונגעדולדיג, „איך קען מיר גאָר ניט פאָרשטעלען, ווי א מענש קען זיין אזוי נארריש זיך צו דערשיעסען; דער געדאנק אליין רופט ביי מיר ארויס אן עקעל."

„וואס איז דאס," האב איך געפרעגט, „ווען איהר מענשען רעדט איבער עפּעס, גיט איהר באַלד ארויס אייער אורטהייל: דאס איז נאר־ריש, דאס איז קלוג, דאס איז גוט, דאס איז שלעכט. וואס הייסט דאס? האט איהר אויסגעפאָרשט די אינוועניגסטע פערהעלטניסע פון אַלעמען? ווייסט איהר געוויס צו בעשטימען די סבות, פאר וואס עס איז אזוי געווען, פאר וואס דאס איז אזוי געשעהען? אַך, ווען איהר וואָלט דאס געטהאָן, וואָלט איהר ניט, אזוי מיר־ניט־דיר־ניט, אלעס אָבגעפּטר'ט מיט אייער אורטהייל."

„דו וועסט דאָך מיר מודה זיין," האט אַלבערט געזאגט, „אז געוויסע האנדלונגען זיינען אן עבירה, ווען זיי זאָלען נאָר געשעהען צוליעב וועלכער סבה."

איך האב אויפגעצויגען מיט די אַקסלען און עס איהם צוגע־געבען.

„דאָך, מיין ליעבער," האב איך ווייטער געזאגט, „געפינען זיך מאַנכע אויסנאהמען. עס איז אמת, גנב'ענען איז אן עבירה, אבער דער מענש, וועלכער ראַבעוועט אום צו ערנעהרען זיין הונגעריגע פאמי־ליע, פערדיענט ער מיטלייד אָדער שטראָף? ווער הייבט אויף דעם ערשטען שטיין צו וואַרפען אויף דעם מאַן, וועלכער, אין זיין גערעכטען צאָרן, האט ער מקריב געווען זיין אונגעטרייעס ווייב מיט איהר לומ־פּיגען פערפיהרער? געגען דאס מיידעל, וועלכע, אין א שטונדע פון פערגניעגען, האט זי זיך איבערגעגעבען צו די אונאויפהאַלטענדע פריידען פון דער ליעבע? אונזערע געזעטצע אפילו, אָט די דאָזיגע

געלל־בלוטיגע פּערזאָנען, לאָזען זיך אויך ריהרען און בעשטראָפען ניט פאר אזעלכע זאכען.״

„דאס איז אַ גאַנץ אַנדערע זאַך,״ האט אַלבערט געענטפערט, „ווייל אַ מענש, וועלכער ווערט אַוועקגעריסען פון זיינע ליידענשאַפ־טען, פערלירט ער יעדע בעזינונגס־קראַפט, און ער ווערט בעטראַכט פאר אַ שיכור, פאר אַ משוגענעם.״

„אַך, איהר קלוגע מענשען!״ האב איך אויסגעשריען לאַכענדיג. „ליידענשאַפט! שיכרות! משוגעת! איהר גוטע און פרומע לייט, איהר שטעהט זיך אַזוי רוהיג, עס ריהרט אייך גאָר ניט. פערדאַמט דעם שיכור, פעראַבשייעט דעם משוגענעם, ווי דער כהן געהט איהר פאַרביי און ווי דער פּרושי דאַנקט איהר גאָט, וואס ער האט אייך ניט געמאַכט ווי איינעם פון זיי. איך בין שוין מעהר ווי איינמאָל געווען שיכור, מיינע ליידענשאַפטען זיינען ניט געווען ווייט פון משוגעת, און איך האב אויך ביידע קיין חרטה ניט; ווייל איך האב בעגריפען דורך מיין אייגע־נער ערפאַהרונג, אַז אויף מענשען, וועלכע האבען געשאַפען גרויסע און גלענצענדע זאכען, האט מען אויך געזאָגט, דאס זיי זיינען געווען שיכורים און משוגעים. אבער אויך אין אַלטעגליכען לעבען פון דעם פּריוואַט מענשען, איז עס אויך אונערטרעגליך צו הערען, ווי אַזוי מען רופט יעדען שיכור אָדער נאַר, ווייל ער בעווייזט אַ האַלב־פרייע, עדעלע און אונערוואַרטעטע טהאַט. שעהמט זיך איהר ניכטערע, שעהמט זיך איהר חכמים!״

„דאס זיינען שוין ווידער דיינע חלומות!״ האט אַלבערט געזאָגט. „דו איבערטרייבסט אַלעס, און דאַ, לכל־הפּחות, האסטו געווים ניט קיין רעכט, ווייל דו פערגלייכסט דעם זעלבסטמאָרד מיט גרויסע האַנדלונ־גען, ווייל, נאָך אַלעמען, קען מען עס בלויז האַלטען פאר אַ שוואַכקייט. ווייל עס איז געווים גרינגער צו שטאַרבען ווי צו דערטראַגען שטאַנד־האַפט אַ צרה'דיגעס לעבען.״

איך האב געוואָלט מאַכען אַ סוף פון גאַנצען ויכוח, ווייל קיין אַרגומענט ברענגט אַזוי אַרוים פון די כלים ווי איינער, וואס קומט מיט אַלטבעקאַנטע ווערטלעך, ווען איך רעד פון דעם גאַנצען האַרצען. פון דעסטוועגען האב איך געפאַסט מוטה, ווייל איך האב שוין אָפט בענוג געהערט אַזעלכע זאכען און זיך געערגערט איבער זיי. דערפאַר האב איך אויסגערופען:

„דו רופסט דאס שוואכקייט! איך בעט דיך, לאָז דיך ניט פערפיהרען פון דעם וואס דיר שיינט. ווען אַ פאַלק זיפצט אונטער דעם יאָך פון אַ טיראַן, קענסטו דאס אָנרופען שוואכקייט, ווען ביי איהם פלאצט די געדולד און ער צורייסט זיינע קייטען? ווען אַ מענש זעהט ווי אַ פייער האט ארומגעכאפּט זיין גאנצעס הויז און סטראַשעט אלעם חרוב צו מאכען, ווען ער פיהלט פּלוצלינג אלע זיינע כוחות אָנגעצויגען און מיט דער גרעסטער גרינגקייט טראָגט ער ארויס משאות, וואס ער וואָלט אין אַ רוהיגער צייט קוים געקענט בעוועגען; אַ מענש, אין כעס פון טיעפער בעליידיגונג, קען זיך שלאָגען מיט זעקס און זיי בעזיעגען — דאַרף מען אַזעלכע אָנרופען שוועכלינגע? און, מיין פריינד, ווען אנשטרענגונג איז עבירה, פאר וואס זאָל איבערראשונג זיין דאס געגענטהייל?"

אלבערט האט מיך אָנגעקוקט און געזאגט:

„האב מיר קיין פאראיבעל ניט. די ביישפּיעלע, וואס דו האסט דאָ געבראכט, הייבען גאָר ניט אָן צו פּאַסען."

„עס קען זיין," האב איך געענטפערט, „מען האט מיר שוין לאַנג געזאגט, אַז מיינע ויכוחים און פערבינדונגען זיינען כמעט אַ פּלוידעריי. אבער לאָמיר נאָר זעהען אויב עס וועט ניט מעגליך זיין מיר זאָלען זיך פאָרשטעלען ווי יענער מענש דאַרף פיהלען, ווען ער בעשליסט פון זיך ארונטער צו ווארפען די זאָנסט אנגענעהמע לעבענס-לאַסט. ווייל מיר האבען די עהרע צו רעדען בלויז פון יענער זאך, מיט וועלכער מיר קענען מיטפיהלען."

„די מענשליכע נאַטור," האב איך ווייטער געזאגט, „האט איהרע גרענעצען. זי קען דערטראַגען, ביז צו אַ געוויסען גראַד, פרייד, לייד, און שמערצען, און זי געהט צו גרונד אזוי גיך ווי עס ווערט צו פיעל. דאָ איז אלזאָ ניט די פראַגע, אויב איינער איז שוואַך אָדער שטאַרק, נאָר אויב איינער קען דערטראגען די מאָס פון זיין לעבען, זאָל עס זיין מאָראַליש אָדער קערפּערליך, בלייבט זיך גלייך. איך געפין עס פּונקט אזוי וואונדערבאר, ווען איך הער זאגען: „דער מענש איז אַ טרוס, וואס בעגעהט זעלבסטמאָרד," פּונקט ווי מען זאָל אָנרופען אַן אנדערן טרוס, ווייל ער איז געשטאָרבען פון אַ בייזען פיעבער."

„פּאַראַדאָקס! זעהר פּאַראַדאָקס!" האט אלבערט אויסגערופען.

„ניט אזוי פיעל ווי דו דענקסט," האב איך געענטפערט. „ווּעסט

מיר מודה זיין, אז מיר רופען אַן אַ קראַנקהייט צום טויט, ווען מיר זעהען ווי די נאַטור איז אַנגעגריפען געוואָרען, ווען אַ טהייל פון איהרע כוחות לאָזען זיך אויס, און אַ טהייל הערט אויף צו ארבייטען און זי קען זיך ניט ווידער אַוועקשטעלען אויפ'ן וועג פון לעבען. יעצט לאָמיר דאסזעלבע אָנווענדען אויפ'ן גייסט. זעהט דעם מענשען ווי אזוי עס ווירקען דרויסענדיגע איינדריקע, ווי אזוי די אידעען קומען צו איהם, ענדליך ביז אַ וואַקסענדע ליידענשאַפט בעפאַלט איהם און בערויבט פון איהם זיין גאַנצע גייסטעס־קראַפט און פערניכטעט איהם. אומזיסט בעטראַכט דאס אַלעס דער גלאַסענער און פערנינפטיגער מענש און וויל איהם אויסרעדען; עס איז פונקט דאסזעלבע ווי דער געזונדער מענש, וואס שטעהט ביים בעט פון אַ קראַנקען, ער קען איהם פון זיינע כוחות ניט אַוועקגעבען און אזוי קען ער איהם גאָר ניט העלפען."

אַלבערט'ן איז דאס פאָרגעקומען צו אַלגעמיין. איך האב איהם דערמאָהנט אָן אַ מיידעל, וואס מען האט, מיט אַ צייט צוריק, געפונען אין וואַסער. איך האב איהם ווידערהאָלט די געשיכטע:

„געווען איז זי אַ גוטעס און רוהיגעס מיידעל, אויפגעוואַקסען צווישען בעשטענדיגער הויז־בעשעפטיגונג. זי האט ניט געגאַרט נאָך קיין אַנדערעס פערגניגען אויסער געהען מיט איהרע חבר'טעס זונטאג אונטער דער שטאָדט שפּאַצירען, אויסגעפּוצט אין איהרע שוואָר־פּערדיענטע מלבושים. אמאָל, אין אַ גרויסען יום־טוב, זיך אויך ערלויבט צו געהען אַביסעל טאַנצען. אמאָל אַביסעל פּלוידערן מיט אַ שכנה איבער די פּאַסירונגען פון שטעטעל — פּלוצלינג האט איהר פייערדיגע נאַטור אָנגעהויבען צו פיהלען טיעפערע בעדאַרפעגישען, וועלכע זיינען אַלץ ווייטער פערגרעסערט געוואָרען דורך די שמייכלערייען פון די מענער; אַלע איהרע פריהעריגע פריידען זיינען אַלץ אָבגעשמאַקטער געוואָרען, ביז זי האט ענדליך געטראָפען אַ מאַן, צו וועמען עס האט זי צוגעצויגען אַן אונבעקאַנטעס געפיהל, און אויף וועמען זי האט געבויעט אַלע איהרע האָפנונגען. זי האט פערגעסען די וועלט ארום זיך, ניט געהערט, ניט געזעהען קיין זאַך, און געפיהלט בלויז איהם, דעם איינציגען, געביינקט נאָר נאָך איהם, דעם איינציגען. און אזוי ווי זי איז געווען ריין און ניט פערדאָרבען דורך נאַרישע פערגניגענס, איז איהר פערלאַנגען געגאַנגען גראָד צום ציעל; זי האט געוואָלט ווערען זיינע, זי האט געוואָלט געפינען אין אייביגער פערבינדונג דאס גאַנצע גליק,

וואס איהר האט געפעהלט, און דאן געניעסען אלע פריידען, צו וועלכע זי האט געשטרעבט. פערשפרעכען נאָך פערשפרעכען האבען פערזיע־נעלט די געוויסהייט פון איהרע האָפנונגען; געוואגטע אומארמונגען האבען פערמעהרט איהר חשק און ארומגענומען איהר גאנצע נשמה; זי האט געשוועבט אין א דומפּפען בעוואוסטזיין, אין דעם פאָרגעפיהל פון אלע פריידען; זי איז געוועזן געשפאַנט ביז צום העכסטען גראד; ענדליך האט זי אויסגעשטרעקט איהרע הענד ארום צו נעהמען אלע איהרע וואונשען — אבער איהר געליעבטער האט זי גראָד דעמאָלט פערלאָזט— פערשטארצט, אָהן א שום געפיהל, איז זי געשטאנען נעבען תהום; אלעס ארום איהר איז געוועזן חושך, קיין אויסזיכט, קיין טרייסט, קיין האָפנונג! ווייל יענער, וואס האט פאר איהר פאָרגעשטעלט די גאנצע וועלט, איז פון איהר אוועק. די ווייטע וועלט, וואס איז פאר איהר גע־לעגען, האט זי ניט געזעהען; זי האט אויך ניט געזעהען יענע, וואס האבען געקענט ערזעטצען איהר פערלוסט — און בלינד, צוזאמענגע־דריקט פון דער נויט פון איהר הארצען, האט זי זיך ארונטער געשליי־דערט, אום צו דערשטיקען אלע שמערצען אין דעם טויט. זעה, אלבערט, אָט דאס איז די געשיכטע פון פיעלע אנדערע מענשען. און זאג, איז עס ניט פּונקט דאסזעלבע ווי מיט א קראנקהייט? די נאטור געפינט ניט קיין אויסוועג פון די פערדרעהטע און ווידערשפּראָכענע קרעפטען, און דער מענש מוז שטארבען.”

„ווער דעם וואס קען דאס צוזעהען און זאגען: וואס פאר א נאר זי איז געוועזן! ווען זי וואָלט געווארט און איבערגעלאָזט צו דער צייט, וואָלט שוין די פערצווייפלונג קלענער געוואָרען, עס וואָלט זיך שוין געפונען אן אנדערער זי צו טרייסטען. דאס איז גראדע ווי איינער וואָלט געזאגט: „הערט א נאר, ער שטארבט גאָר פון פיעבער! ווען ער וואָלט געווארט ביז ער זאָל שטארקען זיינע קרעפטען, ביז זיין בלוט זאָל זיך בערוהיגען, וואָלט אלעס גוט געוועזן און ער וואָלט נאָך יעצט געלעבט!”

אלבערט, וועלכער איז נאָך ניט צופריעדען געוועזן מיט'ן ביישפּיעל, האט נאָך עפּעס אנגעווענדעט דאגעגען. אונטער אנדערעס האט ער אויך דערמאָהנט די געשיכטע פון דעם אונוויסענדען מיידעל; אבער א מענש מיט שכל, וועלכער קען אלעס זעהען בעסער ארום זיך, אזעל־כען קען מען ניט ענטשולדיגען פאר זיין טהאט.

„מיין פריינד," האב איך אויסגערופען, „דער מענש איז מענש, און דאס ביסעלע שכל, וואס ער האט, ארבייט ווייניג אדער גאר ניט, ווען די ליידענשאפטען וויטהען און די ווענען ארום ווערען ענג. נאך מעהר — אבער מיר וועלען רעדען דאריבער אן אנדער מאל," האב איך געזאגט און גענומען מיין הוט. אך, מיר איז געווען דאס הארץ אזוי פול, און מיר זיינען זיך אויסאנאנדער געגאנגען אהנע איינער זאל פערשטעהען דעם צווייטען. ווי דער שטייגער איז אויף דיזער וועלט, אז איינער זאל דעם צווייטען ניט פערשטעהען.

דען 15טען אויגוסט.

עס איז דאך קיין ספק ניט, אז קיין זאך אין דער וועלט איז ניט אזוי נויטהווענדיג פאר׳ן מענשען ווי די ליעבע. איך פיהל עס אן לאטטע׳ן, אז זי איז ניט גערן מיך צו פערלירען און די קינדער מיינען ניט עפעס אנדערש, אויסער, אז מארגען וועל איך צוריק קומען. היינט בין איך דארט געווען, אום צו שטימען לאטטע׳ס קלאוויר; איך האב אבער גאר ניט געקענט טהון, ווייל די קינדער האבען געוואלט איך זאל זיי דערצעהלען א מעשה, און לאטטע האט אויך געוואלט איך זאל עס טהון. איך האב פאר זיי אנגעשניטען דאס ברויט אויף וועטשערע, וואס זיי נעהמען עס פון מיר אן באלד אזוי גוט ווי פון לאטטע׳ן. דאן האב איך זיי דערצעהלט די מעשה פון דער פרינצעסין, וואס איז בעדיענט געווארען פון קארליקעס. איך פערזיכער דיך, אז איך האב דערביי פיעל געלערענט, און איך בין ערשטוינט, וואס פאר אן איינדרוק דאס מאכט. ווייל איך מוז מאנכע מאל אויסטראכטען עפעס א פונקט, וואס איך האב ביים צווייטען מאל פערגעסען, זאגען זיי מיר באלד, אז דאס פאריגע מאל איז עס געווען אנדערש. יעצט וועגד איך אן אלע מעגליכקייטען מעהר ניט צו צולעגען אדער ארונטערנעהמען.

איך האב דערפון געלערענט, ווי א פערפאסער מאכט קאליע זיין בוך, ווען ער מאכט ענדערונגען ביי א צווייטער אויפלאגע, ניט קוקענדיג דארויף, וואס דאס בוך קען דערפון געווינען פון א פאעטישען שטאנד־פונקט. דער ערשטער איינדרוק איז דער בעסטער. אט אזוי איז שוין דער מענש, מען קען איהם איינרעדען אויפ׳ן בוידעם א יאריד; דאס

פלעפט זיך אָן צו איהם אזוי שטארק, אז וועה צו יענעם, וואס וויל עם אויסקראטצען אָדער פערטיליגען.

דען 18טען אויגוסט.

דארף עס דען אזוי זיין, אז דאס, וואס פערשאפט דעם מענשען גליק, זאָל אויך זיין דער קוואל פון זיין אונגליק?

דאס פולע און ווארעמע געפיהל פון מיין הארצען צו דער לעבע־דיגער נאטור, וועלכע האט מיר געגעבען אזוי פיעל פערגניגען, וועלכע האט פאר מיר ארום געמאכט אלעס פאר א גן־עדן, ווערט יעצט פאר מיר אן אונערטרעגליכער פייניגער, א מאטערענדער גייסט, וואס פער־פאָלגט מיך אויף אלע וועגען.

ווען איך פלעג אמאָל איבערקוקען פון דעם פעלזען ביז צום בארג איבער'ן טייך, איבער דעם גאנצען שרעקליכען טהאָל, און געזעהען ארום זיך אלעס קוועלען און וואקסען; ווען איך האב געזעהען יענע בערג פון פוס ביז צום שפיטץ מיט הויכע, געדיכטע בוימער בעקליידעט, יענע טהאָלען און זייערע פערשיעדענע קרימונגען ליעגען אין שאטען פון די ליעבליכסטע וועלדער, און דעם זאנפטען פלוס מורמלען צווישען דעם ראָהר, די ליעבע וואָלקען זיך אָבשפיעגלען, וואס דער זאנפטער אבענד ווינט האט געוויעגט איבער'ן הימעל; ווען איך האב דאמאלס געהערט די פייגעל ארום מיר אין וואלד, די מיליאָנען פליעגעלעך טאנ־צען מוטהיג אין די רויטע שטראהלען פון דער זונן, און זייער לעצטער ציטערנדער בליק האט בעפרייעט דאס זומער־פייגעלע פון דעם גראָז; און דאס רוישען ארום מיר, פלעגט מיך אויפמערקזאם מאכען אויפ'ן באָדען; איך האב געזעהען דעם מאָך, וואס ציהט זיין נאהרונג פון הארטען שטיין, און די קוסטעס, וואס וואקסען ארום דעם זאמד־בארג — פלעגט זיך דאמאלס פאר מיר אויפדעקען דאס אינערע, גליהענדע, הייליגע לעבען פון דער נאטור: ווי אזוי האב איך דאס אלעס ארייננעהמען אין מיין ווארעמעס הארץ, מיך געפיהלט ווי פערגעטערט אין די הערליכע געשטאלטען פון דער אונענדליכער וועלט האבען זיך בע־וועגען און בעלעבט מיין נשמה!

אונגעהייערע בערג האבען מיך ארומגערינגעלט, תהומות זיינען

פאר מיר געלעגען, און וואסערפאלען האבען ארונטער געשטירצט, די טייכען האבען געשטראָמט פאר מיר, און דער וואלד און די בערג האבען געקלונגען; און איך האב זיי געזעהען ווירקען און שאפען צוזאמען אין די טיעפקייטען פון דער ערד, ארויסברענגענדיג דאָרט אלע אונערגרייפ־ליכע כוחות. איבער דער ערד און אונטער דעם הימעל שוועבלען און גריבלען פערשיעדענע בּרואים. אלעס, אלעס איז בעפעלקערט מיט טויזענדפאכיגע געשטאלטען; די גענערען זוכען זיך אויף הייזער, אום צו זיין דאָרט זיכער און אין זייער געדאנק הערשען זיי איבער דער גאנצער וועלט.

ארעמער נאר, וואס שאטצט אלעס אָב אזוי קליין, ווייל דו ביסט אליין קליין!

פון דעם בארג, וואס מען קען ניט דערגרייכען איבער דער מדבר, וואו קיין פוס האט נאָך ניט געטרעטען, ביז צום ענדע פון דעם אונבעקאנטען אָקעאן, וועהעט דער גייסט פון דעם אייביג־שאפענדען, און פרעהט זיך מיט יעדען שטויבעלע, וואס פיהלט איהם און לעבט. אָך, דאמאלס, ווי אָפט איך האב מיר געוואונשען צו האבען די פליגלען פון א קראַניך, וועלכער פלעגט איבער מיר פליהען, אום איך זאל קענען שוועבען צום ברעג פון ניט געמאָסטענעם ברעג־ים, און טרינקען פון דעם שוימענדען בעכער די קוועלענדע לעבענס־פרייד; וועניגסטענס איין אויגענבליק צו פיהלען אין דער בעגרענעצטער קראפט פון מיין הארצען, א טראָפּען פון דעם וועזען, וואס ברענגט אריין אלעס אין זיך און ברענגט אלעס ארוים פון זיך.

ברודער, בלויז די זכרונות פון יענע שטונדען מאכען מיך גליקליך. אפילו די אנשטרענגונג, צוריק צו רופען יענעם ניט־דערמאָהנטע געפיהל, נאָך אמאָל עס ארויסזאגען, הייבט שוין אויף מיין נשמה איבער זיך זעלבסט און לאָזט מיך דאָפּעלט פיהלען מיין איצטיגע לאגע.

איבער מיין נשמה האט זיך פערצויגען עפּעס ווי א פאָרהאנג, און די ביהנע פון דעם אונענדליכען לעבען פערוואנדעלט זיך פאר מיר אין דעם תהום פון אָפענעם קבר. קענסטו זאגען: דאס איז, וואס עס געהט פאראיבער? און אלעס שוועבט פארביי אזוי שנעל ווי דער בליטץ, אקוראט אזוי קורץ דויערט די גאנצע קראפט פון דעם דאזיין. אָך, אלעס ווערט אוועקגעריסען מיט׳ן שטראָם, אונטערגעטונקט און צו־שמעטערט אויף די פעלזען! עס איז ניטאָ קיין אויגענבליק, אין וועלכען

א מענש ווערט ניט חרוב ונחרב, קיין אויגענבליק, אין וועלכען דו ביזט ניט אליין קיין צושטערער און אין וועלכען דו מוזט צושטערען; דער אונשולדיגסטער שפּאַציר־גאַנג קאָסט טויזענדער אָרעמע ווערעמלעך דאס לעבען: איין פוס־טריט צושמעטערט די מיט מיה־געבויעטע הייז־לעך פון די מוראַשקעס, און שיקט דערוויילע אָב אין עולם־קטן אין קבר אריין! אך, ניט דאס זעלטענע גרויסע אונגליק פון דער וועלט, די פער־פלייצונגען, וואס ווישען אָב דערפער, ניט די ערדציטערנישען, וואס פערשלינגען שטעדט, ניין, ניט דאס אלעם ריהרט מיך אזוי שטארק; מיר גראָבט אונטער דאס הארץ די פערצעהרענדע קראַפט, וואס ליעגט פערבאָרגען אין דער גאַנצער נאַטור, וואס האט נאָך גאָר ניט געמאַכט, ביז זי האט ניט צושטערט עפּעס פון דעם שכן און אויך פון זיך אליין.

און אזוי קייקעל איך ארום אין מיר הימעל און ערד מיט זייערע וועבענדע קרעפטען; איך זעה ארום מיר בלויז אַן אייביג־פערשטיקענדע און אייביג מעלה־גרה'דיגע חיה.

דען 21טען אויגוסט.

גאַנץ פריה, ווען איך כאַפּ מיך אויף פון שווערע חלומות, שטרעק איך אויס אומזיסט מיינע הענד נאָך איהר; אומזיסט זוך איך זי ביי נאַכט אין מיין בעט. ווען א גליקליכער און אונשולדיגער חלום האט מיך אָבגענאַרט, אז איך זיטץ נעבען איהר אויף דער לאָנקע, האַלט איהרע הענד און בעדעק זיי מיט טויזענד קושען. אַך, ווען איך כאַפּ מיך דאמאלס נאָך איהר, פערשלאָפענערהייט, און מונטער מיך דער־וויילע אויף — ברעכט אויס א שטראָם טרערען פון מיין געפּרעסטען הארצען, און איך וויין אָהן א שום טרייסט, זעהענדיג פאר מיר א פינ־סטערע צוקונפט אָהן טרייסט.

דען 22טען אויגוסט.

עס איז אַן אונגליק, ווילהעלם! מיינע טהעטיגע קרעפטען זיינען צובראָכען און איך בין אריינגעפאלען אין אַן אונרוהיגער פוילקייט. איך קען ניט ארום געהען לעדיג, און איך קען אויך גאָר ניט טהון.

איך האב קיין פארשטעלונגס־קראפט, קיין געפיהל פאר דער נאטור, און די ביכער עקלען מיך פשוט. ווען מיר פעהלען זיך אליין, פעהלט אונז אלעס. איך שווער דיר, אז מאנכע מאל ווינש איך מיר צו זיין א שכיר־יום, כדי, ביים ערוואכען אין דער פריה, זאל איך האבען עפעס אן אויסזיכט, א פערלאנג און א האפנונג אויף דעם קומענדען טאג. אפטמאל בין איך מקנא אלבערט'ן, ווען איך טרעף פערגראבען אין אקטען איבער די מויערן, און איך בילד מיר איין, אז מיר וואלט געווען וואויל, איך זאל קענען זיין אויף זיין שטעלע.

שוין עטליכע מאל איז מיר איינגעפאלען דיר צו שרייבען און דעם מיניסטער און אנגעהמען די שטעלע אין דער געזאנדשאפט, וועלכע, לויט ווי דו זאגסט, וועט מיר ניט ענטזאגט ווערען. איך גלויב עס אליין. דער מיניסטער האט מיך שוין לאנג ליעב בעקומען, און ער האט מיך שוין לאנג געראטהען מיך צו נעהמען צו עפעס; פאר א שטונדע דאכט זיך מיר, וואלט איך עס טאקי געטהאן. דערנאך, ווען איך דענק נאך אמאל דאריבער, דערמאהן איך זיך אן דער פאבעל פון פערד, ווען עס איז נמאס געווארען די פרייהייט, האט ער זיך געלאזען איינשפאנען אין אין זאטעל און צוים און אזוי לאנג געריטען ביז ער האט קרעפירט; — איך ווייס אליין ניט וואס איך וויל — און, מיין ליעבער פריינד, איז אפשר ניט דאס בייַנקען אין מיר נאך אן ענדערונג אין מיין צושטאנד, או אינערע אונצופריעדענע אונגעדולד, וואס וועט מיך אומעדום רודף'ן?

דען 28טען אויגוסט.

עס איז וואהר, ווען מען וואלט געקענט היילען מיין קראנקהייט, דאן וואלטען עס די מענשען געטהאן. היינט איז מיין געבורטס־טאג. גאנץ פריה האב איך ערהאלטען א פעקעלע פון אלבערט'ן. ביים עפענען איז מיר גלייך אויפגעפאלען א בלאס־רויטעס שלייפעל, וואס לאטטע האט געהאט, ווען איך האב זי געקענט, און וועלכעס איך האב ביי איהר עטליכע מאל געבעטען. דערביי זיינען אויך געלעגען צוויי קליינע ביכלעך, די קליינע וועסטאגישע אויסגאבע פון האמער, וואס איך האב פיעלע מאל בעגעהרט, כדי איך זאל מיך ניט דארפען ארומשלעפען

אויף מיינע שפּאַצירען מיט דער ערנעסטישע אויסגאַבע. אַט אַזוי, זעהסטו, קומען זיי נאָך מיין וואונש; אַט אַזוי זוכען זיי אויף אַלע קליינע געפעליגקייטען פון פריינדשאַפט, וועלכע האַבען טויזענד מאָל מעהר ווערטה ווי יענע גלענצענדע מתנות, וועלכע ערניעדריגען אונז דורך זייער קליינקייט און נאַררישקייט.

טויזענד מאָל קוש איך דיעזעס קליינע שלייפעל און מיט יעדען אַטהעמצוג פערשלינג איך די זכרונות פון יענע גליקליכע מינוטען, וועלכע פלעגען אויספילען מיין נשמה מיט יענע ניט־צוריק־קעהרענדע טעג.

פריינד, אַזוי איז עס, און איך בעקלאָג מיך ניט; די בליהונגען פון לעבען זיינען בלויז עדשיינונגען! וויפיעלע שוועבען פאַרביי, ניט צוריקלאָזענדיג אפילו קיין שפּור! ווי ווענינ עס ענטוויקלען זיך און ברענגען פריכטען, און ווי ווענינ עס דערגרייכען גאָר די צייט צייטיג צו ווערען. פון דעסטוועגען, זיינען נאָך דאָ פון זיי גענוג. און דאָך,— אָך, פריינד! קענען מיר פערנאַכלעסיגען צייטיגע פרוכטען, זיי פער־אַכטען, ניט געניעסען דערפון און זיי לאָזען פערפוילט ווערען?

לעב וואָהל, עס איז אַ פּרעכטיגער זומער. איך זיטץ אָפט נעבען די אויבסט־בוימער אין לאָטטע'ס גאָרטען. מיט אַ לאַנגען שטעקען קלאַפּ איך אָב די באַרנעס. לאָטטע שטעהט אונטען און כאַפּט זיי ווען זיי פאַלען אַרונטער.

דען 30טען אויגוסט.

אונגליקליכער! ביסטו ניט אַ נאַר? נאַרסטו דיך ניט אַליין אָב? וואס נוטצט דיר דיעזע ווילדע, אָהן אַ סוף'עדיגע ליידענשאַפט? אַלע מיינע תפילות זיינען צו איהר; פאַר מיין איינבילדונגס־קראַפט ער־שיינט קיין אַנדערע געשטאַלט ווי איהרע, און אַלעס אין דער וועלט אַרום מיר זעה איך נאָר בנוגע צו איהר. און דאס פערשאַפט מיר מאַנכע גליקליכע שטונדען — ביז איך מוז מיך פון איהר ווידער אָוועקרייסען.

אָך, ווילהעלם, צו וואס מיין האַרץ טרייבט מיך אַזוי אָפט? ווען איך בין געזעסען ביי איהר, צוויי אָדער דריי שטונדען און מיך אָנגע־זעטיגט אין איהר געשטאַלט, אין איהר בענעהמונג און אין דעם הימלי־

שען אויסדרוק פון איהרע ווערטער, ווערען דערנאָך אַלע מיינע חושים אויפגעשפּאַנט, עס ווערט מיר פינסטער אין די אויגען, קוים וואס איך קען נאָך הערען, עס כאַפּט מיך אָן ביים גאָרגעל ווי עפּעס א הינטער־ווײַלעכס מערדער, דאַן וויל מיין הארץ מיט ווילדע קלעפּ פּלאַטץ מאַ־כען פאַר די איינגעקאָוועטע חושים, און דער מיש־מאַש ווערט נאָך גרע־סער. — ווילהעלם, איך ווייס אָפּט גאָר ניט אויף וואס פאַר א וועלט איך בין!

און, ווען די וועהמוטה זאָל ניט מאַנכע מאָל האבען דאס איבער־מאַכט, און ווען לאָטטע זאָל מיר ניט ערלויבען אויסצו־וויינען מיינע צרות אויף איהר האנד — דאַן מוז איך אוועק, ארויס! איך לויף דאַן ארום איבער די פעלדער; דעם העכסטען באַרג אריבערצוקריכען, איז דאַן מיין גרעסטע פרייד; דורכצוקריכען דורך'ן ווילדען וואַלד, דורך די קוסטעס, וואס פערוואונדען מיך, דורך די דערנער, וואס צורייסען מיין פלייש, דאַרט ווערט מיר עס אביסעל בעסער.

אביסעל! און ווען איך בלייב מאַנכע מאָל ליעגען אויפ'ן וועג דורך דורסט און מיעדקייט, מאַנכע מאָל אין דער טיעפער נאַכט, וואו די הויכע פולע לבנה זעהט מיך, זעטץ איך מיך אין איינזאַמען וואַלד אויף א קרום־געוואַקסענעם בוים, צו פערשאַפען מיינע פערוואונדעטע פאַדעשוועס א לינדערונג, און דאַן, אין א וויעדער־רוהע דרעמעל איך ביז בעלות־השחר.

אַך, ווילהעלם, די איינזאַמע וואוינונג פון א מתבודד, די האָריגע מלבושים און זיין דערנער־גאַרטעל וואָלט געווען אַן ערקוויקונג נאָך דעם, וואס מיין נשמה בײַנקט.

אדיע, איך זעה צו דיעזען עלענד קיין אנדערע ענדע ווי דעם קבר.

דען 3טען סעפּטעמבער.

איך מוז אוועק. איך דאַנק דיר, ווילהעלם, וואס דו האסט איינ־געשטימט צו מיין צעגערענישען ענטשלוס. שוין פערצעהן טעג ווי איך געה ארום מיט דעם געדאַנק זי צו פערלאָזען. איך מוז אוועק. זי איז וויעדער אין שטאָדט ביי א פריינדין. און אלבערט — און — איך מוז אוועק.

אַך, איז דאס געווען אַ נאַכט, ווילהעלם! יעצט וועל איך שוין קענען אַלעס איבערשטעהען. איך וועל זי שוין מעהר ניט זעהען. אַך, ווען איך זאָל קענען ארומנעהמען דיין האַלז, מיט טויזענד טרערען און ענטציקונגען דיר אָבשילדערן די געפיהלען, וואס שטורמען אויף מיין הארץ. אָט דאָ זיטץ איך, אטהעם נאָך די לופט, זוך מיך צו בערוהי־גען, ערוואַרט דעם פריה־מאָרגען, און אויף זונען־אויפגאַנג זיינען די פערד שוין בעשטעלט.

אַך, זי שלאָפט רוהיג און דענקט ניט, אַז זי וועט מיך שוין קיינ־מאָל מעהר ניט זעהען. איך האב מיך אויסגעריסען, בין געווען שטאַרק גענוג, און אין אַ געשפּרעך פון צוויי שטונדען האב איך ניט פער־ראַטהען מיין אַבזיכט. און גאָט, וואס פאר אַ געשפּרעך דאס איז געווען!

אַלבערט האט מיר פערשפּראָכען, אַז באַלד נאָך דער וועטשערע, זאָל ער זיין מיט לאָטטע׳ן אין גארטען. איך בין געשטאַנען אויף דער טערראַסע אונטער די הויכע קאַסטאַנען־בוימער, און איך האב געזעהען די זונן צום לעצטען מאָל ווי זי געהט אונטער איבער דעם ליעבליכען טהאָל און איבער דעם זאַנפטען טייך. ווי אָפט איך בין דאָ געשטאַנען מיט איהר און צוגעזעהען דאסזעלבע הערליכע בילד, און יעצט — איך בין געגאַנגען אין אַלע אויף און אָב, וואס איז מיר געווען אַמאָל אזוי ליעב. אַ געהיימער, סימפּאַטישער צוג האט מיך דאָ אזוי אָפט געהאַלטען, נאָך איידער איך האב לאָטטע׳ן דערקענט, און ווי מיר האבען זיך געפרייט, ווען מיר האבען אויסגעפונען צום אָנפאַנג פון אונזער בע־קאַנטשאַפט, אַז מיר האבעןביידע דיעזעלבע נייגונג, וואס איז ווירקליך איינע פון די ראָמאַנטישעסטע, וועלכעס אַ קינסטלער האט ווען עס איז פאָרגעשטעלט.

פאר אַלעמען שטעהט מען צווישען קאַסטאַנען־בוימער און מען קוקט העט ווייט אַוועק — אַך, איך עראינער מיך, איך האב דיר שוין געשריעבען דאַריבער, ווי הויכע בוימער־ווענט שליעסען איינעם איין דורך אַ וועלדעל דערביי ווערט די אַלעע אַלץ טונקלער, ביז זי ענדיגט זיך אין איינגעשלאָסענעם ווינקעל, וועלכער איז ארומגערינגעלט פון דעם גאַנצען שרעק פון דער איינזאַמקייט.

איצט פיהל איך נאָך ווי אַנגענעהם אַמאָל מיר איז געווען, ווען איך בין צום ערשטען מאָל אַהין אריין. מיר האט דאַן דאס הארץ

פאראויסגעזאגט וואס פאר א פלאטץ דאס וועט נאך ווערען פון גליק און שמערץ.

ביינאהע א האלבע שעה האב איך מיך נעקוויקט מיט די זיסע געדאנקען פון שיידען און ווידערזעהען. ווען איך האב געהערט זייערע טריט אויף דער טערראסע, איך בין ענטקעגען געלאפען, און מיט א פיינעם ציטער האב איך גענומען לאטטע׳ס האנד און זי געקושט. מיר זיינען נאר וואס ארויסגעקומען, ווען די לבנה איז אויפגעגאנגען הינטער דעם בושיגען בערגעל; מיר האבען גערעדט איבער פערשיעדענעס, און ניט בעמערקענדיג, זיינען מיר צוגעקומען צום פינסטערן קאבינעט.

לאטטע איז אריינגעגאנגען און זיך געזעטצט; אלבערט נעבען איהר, איך אויך; אבער מיין אונרוהיגקייט האט מיך ניט געלאזט לאנג זיטצען. איך בין אויפגעשטאנען, צוגעגאנגען צו איהר, געגאנגען הין און צוריק, מיך ווידער געזעטצט. עס איז געווען א שמערצליכער צושטאנד.

זי האט אונז אויפמערקזאם געמאכט אויף דער שעהנער ווירקונג פון דעם לבנה־ליכט, דאס צום ענדע פון די בוימער־ווענט איז די גאנצע טערראסע בעלייכטעט. עס איז געווען א הערליכער אנבליק, וועלכער איז נאך געווארען פיעל שטארקער צוליעב דער טיעפער בעגערונג וואס האט אונז ארומגערינגעלט.

מיר האבען אלע געשוויעגען, דאן האט זי געזאגט:

„איך געה קיינמאל ניט שפאצירען אין לבנה־ליכט, כדי מיך זאל ניט בעגעגענען דער געדאנק אן מיינע טויטע קרובים, און אז דאס געפיהל פון טויט זאל אין דער צוקונפט ניט קומען איבער מיר. מיר דארפען נאך ווייטער לעבען!" האט זי אויסגערופען מיט א שטימע פון דעם הערליכסטען געפיהל; „אבער, ווערטהער, וועלען מיר זיך ניט נאך ווידער זעהען? ווידער דערקענען? וואס קומט אייך פאר? וואס זאגט איהר?

„לאטטע," האב איך געענטפערט, ווערענד איך האב איהר געגעבען די האנד און די אויגען זיינען מיר אנגעפיללט געווארען מיט טרערען. „מיר זיך נאך ווידער זעהען? דא און דארט ווידער זעהען."

ווייטער האב איך ניט געקענט רעדען. ווילהעלם, פאר וואס האט

זי מיך דאס געפרעגט בשעת אין מיין הארצען איז געלעגען דער שמערצ־ליכסטער אבשיעד?

„ווייסען דען אונזערע אבגעשיידטע," האט זי וויטער געזאגט, פיהלען זיי דען ווען אונז איז גוט און ווען מיר דערמאָהנען זיך אָן זיי מיט ווארעמער ליעבע? אך, די געשטאַלט פון מיין מוטער שוועבט אימער פאר מיר, ווען איך זיטץ אין שטילען אבענד צווישען איהרע קינדער, צווישען מיינע קינדער, און זיי זיינען פערזאמעלט ארום מיר, ווי זיי פלעגען זיין פערזאמעלט. ווען איך בליק דאן צום הימעל מיט א ביינקענדער טרעהר, און ווינש, אז זי זאָל כאָטש אויף איין אויגענ־בליק קענען אריינקוקען און זעהען ווי איך האלט דאס וואָרט, וואס איך האב איהר געגעבען פאר'ן טויט, צו זיין א מוטער פון איהרע קינדער— מיט וואס פאר א געפיהל איך וואָלט עס אויסגערופען: פערצייהע מיר, טהייערסטע, וואס איך בין ניט צו זיי דאס, וואס דו ביסט געווען. און דאָך טהו איך אלעס וואס איך קען; זיי זיינען געקליידעט, גענעהרט, אַך, און וואס איז נאָך מעהר ווי דאס אלעס, זיי זיינען געפּפלעגט און געליעבט. אַך, דו ליעבע, הייליגע, ווען דו זאָלסט נאָר קענען זעהען אונזער איינינגונג! דו וואָלסט דאן מיט דעם הייסעסטען גדאנק פער־הערליכט דעם גאָט, צו וועמען דו האסט געבעטען פאר דעם גליק פון דיינע קינדער מיט דיינע לעצטע ביטערע טרערען." —

אָט דאס האט זי געזאגט, ווילהעלם! ווער קען דען ווידערהאָלען וואס זי האט געזאגט! ווי אזוי קען דער קאַלטער, טויטער בוכשטאב פאַרשטעלען דיזע הימלישע בליהונג? אלבערט איז איהר זאנפט אריינגעפאלען אין די רייד.

„ליעבע לאָטטע! עס גרייפט דיך שטארק אָן; איך ווייס דיין נשמה ציהט שטארק נאָך דיזע אידעען, אבער איך בעט דיך!..."

„אַך, אלבערט!" האט זי אויסגעשריען, „איך ווייס, דו פערגעסט ניט די אבענדען, ווען מיר זיינען געזעסען צוזאמען ביים רונדען טישעל ווען דער פאטער איז דאָ ניט געווען, און מיר האבען שנעל געשיקט די קינדער שלאָפען. אָפט האסטו געהאלטען א גוטעס בוך, זעהר זעלטען האָסטו עס אבער געלעזען. — איז דען דער אומגאנג מיט יענער פרעכטיגער נשמה ניט געווען מעהר ווי אלעס אין דער וועלט? אַך, דו שעהנע, זאנפטע, מונטערע און אימער טהעטיגע פרוי! גאָט ווייס פון מיינע טרערען, מיט וועלכע איך האב מיך אָפט אריינגעוואָרפען

אין בעט און געוואונשען, אז ער זאָל מיך מאַכען איך זאָל זיין ווי זי.״

„לאָטטע!״ האב איך אויסגעשריען, זיך אַניעדערוואַרפענדיג פאר איהר און בענעטצענדיג איהר האַנד מיט טרערען. „לאָטטע! גאָט׳ס ברכה רוהט אויף דיר צוזאַמען מיט דעם גייסט פון דיין מוטער.״

„אַך,״ האט זי געזאגט, דריקענדיג מיין האַנד, „ווען איהר וואָלט זי נאָר געקענט, זי איז ווערטה געווען מען זאָל זי קענען.״

איך האב געמיינט, אז די נשמה לאָזט זיך מיר אויס. קיינמאָל האט מען מיר נאָך ניט געזאגט קיין גרעסערעס און שטאָלצערעס.

„און דיזע פרוי,״ האט זי ווייטער געזאגט, „האט געמוזט אוועק אין דער רעכטער בליהונג פון איהרע יאהרען, ווען איהר אינגסטער זוהן איז נאָך ניט אַלט געווען קיין זעקס מאָנאַט. איהר קראַנקהייט האט ניט לאַנג געדויערט; זי האט זיך רוהיג מיאש געווען, עס האט איהר בלויז באַנג געטהון נאָך איהרע קינדער, איבערהויפּט נאָך דעם קלענסטען. אזוי ווי דער סוף האט זיך דערנעהנטערט, האט זי צו מיר געזאגט: „ברענג מיר אריין די קינדער,״ און ווען איך האב זיי אריינגעבראַכט, האבען די קליינע גאַר ניט פערשטאַנען און די עלטערע, צוטומעלט, זיינען געשטאַנען ארום בעט. זי האט אויפגעהויבען איהרע הענד, איבער זיי געבעטען, זיי געקושט איינעם נאָך דעם אַן אַנדערן און אוועקגעשיקט. צו מיר האט זי געזאגט: „זיי זייער מוטער!״ דארויף האב איך איהר געגעבען די האַנד. „דו פערשפּרעכסט מיר פיעל, מיין טאָכטער,״ האט זי געזאגט, „עס איז דאס הארץ פון אַ מוטער, און דאס אויג פון אַ מוטער. איך האב אָפטמאָל געזעהען אין דיינע דאנקבארע טרערען, אז דו פיהלסט וואס דאס איז. טהו אַלעס וואס דו קענסט פאר דיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך, און פאר דיין פאטער זאָלסטו זיין טריי און געהאָרזאם, ווי אַ פרוי דאַרף צו זיין. דו וועסט איהם טרייסטען.״ — זי האט דאמאלס געפרעגט נאָך איהם, אבער ער איז ארויסגעגאַנגען, אום צו בעהאַלטען פאר אונז די גרויסע יסורים, וואס ער האט געפיהלט; ער איז געווען אין גאַנצען אַ צובראָכענער. אַל־בערט, דו ביסט דאמאלס געווען אין צימער. זי האט געהערט אימיצען ארומגעהען און געפרעגט ווער דאס איז: דאַן האט זי דיך צוגערופען, און אזוי ווי זי האט דיך דערזעהען און מיך, האט זיך איהר בליק פער־וואַנדעלט אין עפּעס רוהיגעס און טרייסטענדעס, פּונקט ווי זי וואָלט געוואוסט, אז מיר וועלען זיין גליקליך, צוזאַמען זיין גליקליך. אַלבערט

איז איהר געפאַלען אויפ'ן האלז, זי געקושט און אויסגערופען: „מיר זיינען גליקליך, און מיר וועלען עס אויך זיין!" דער רוהיגער אַלבערט איז געווען גאַר אויסער זיך, און איך האב ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך מיט מיר."

„ווערטהער!" האט זי אָנגעהויבען, „און אזא פרוי האט עס בעדאַרפט שטאַרבען! גאָט, ווען איך דענק אמאָל, ווי מען לאָזט אוועקטראָגען דאס ליעבסטע פון דעם לעבען. קיינער פיהלט ניט אזוי דעם קלאַפּ ווי די קינדער, וועלכע בעקלאָגען זיך נאָך א לאַנגע צייט נאָך דעם, אַז די שוואַרצע מענער האבען אוועקגעטראָגען זייער מאמע."

זי איז אויפגעשטאַנען. איך בין געווען אויפגעוועקט און אויפגערעגט, בין געבליעבען זיטצען און געהאַלטען איהר האַנד.

„לאָמיר געהען," האט זי געזאגט, „עס איז שוין צייט." זי האט געוואָלט צוריקציהען איהר האַנד, אבער איך האב זי געהאַלטען פעסטער.

„מיר וועלען זיך ווידער זעהען," האב איך אויסגערופען, „מיר וועלען זיך ווידער געפינען. צווישען אַלע צרות וועלען מיר זיך ווידער דערקענען. „איך געה," האב איך ווייטער געזאגט. „איך געה גערן, און דאָך, ווען איך זאָל זאגען אויף אייביג, וואָלט איך עס ניט אויסגעהאַלטען. לעב וואָהל, לאָטטע! לעב וואָהל, אַלבערט! מיר וועלען זיך נאָך ווידער זעהען."

„מאָרגען, דענק איך," האט זי געזאגט, שפּאַסענדיג.

איך האב געפיהלט דאס וואָרט „מאָרגען," זי האט עס גאַר אזוי פיעל ניט געוואוסט, ווען זי האט ארויסגעצויגען איהר האַנד פון מיינער.

זיי זיינען ארויסגעגאַנגען אין דער אַלעע. איך בין געשטאַנען, זיי נאָכגעקוקט אין שיין פון דער לבנה. דאַן האב איך מיך אַניעדערגעוואָרפען צו דער ערד, מיך אויסגעווײנט, אויפגעשפּרונגען און ארויפגעלאָפען די טעררַאסע. דאָרט, אין שאַטען פון די הויכע לינדען בוימער, האב איך געזעהען איהר ווייסעס קלייד שימערן ביי דער גאַרטען-טהיר. איך האב אויסגעשטרעקט מיינע הענד, און עס איז פערשוואונדען.

צווייטעס בוך.

דען 20טען אָקטאָבער, 1771.

נעכטען זיינען מיר אהער אָנגעקומען. דער געזאנדטער איז עפּעס ניט מיט אַלעמען און ער וועט זיך דארפען אויסרוהען עטליכע טעג. ווען ער זאָל נאָר ניט זיין אַזאַ פּעררינקטער, וואָלט שוין אַלעס געווען גוט. איך בעמערק און בעמערק, אז דאס שיקזאַל האט פאר מיר פאַר־בערייטעט שווערע נסיונות. פון דעסטוועגען דאַרף מען קיין קוראַזש ניט פערלירען. אַ לייכטעס געמיטה טראָגט אַלעס אריבער. אַ לייכטעס געמיטה? דאס מאַכט מיך לאַכען, ווי דאס וואָרט קומט אונטער מיין פעדער. אָך, בלויז אַביסעלע לייכטערעס בלוט וואָלט מיך געמאַכט פאַר׳ן גליקליכסטען אונטער דער זונן. וואס הייסט דאס? ווען אַנ־דערע מיט זייער ביסעלע קראַפט און טאַלענט האבען, פאר מיר, גע־קענט ארומוואַנדערן גליקליך און צופריעדען, פאר וואס זאָל איך עפּעס פערצווייפלען אין מיין קראַפט, אין מיינע פעהיגקייטען? גוטער גאָט, וואס האסט מיר דאס אַלעס געשענקט, פאר וואס האָסטו ניט צוריק־געהאַלטען אַ העלפט און אנשטאט דעם מיר געבען בעסער זעלבסטפער־טרויען און צופריעדענהייט?

געדולד! געדולד! עס וועט בעסער ווערען. איך זאג דיר, מיין ליעבער, דו האסט רעכט. זייט איך ווער ארומגעטריעבען יעדען טאָג צווישען פאָלק און איך זעה וואס זיי טהוען און פיהרען, שטעהט עס אַ סך בעסער מיט מיר אַליין. געוויס, ווייל מיר זיינען שוין אַזוי גע־שאַפען, אז מיר מוזען זיך אימער פערגלייכען מיט אַנדערע און אַנדערע מיט אונז, און אַזוי ווי אונזער גליק אָדער אונגליק הייננט אָב פון די זאַכען און פערזאָנען ארום אונז, דערפאר איז קיין זאַך פאר אונז אַזוי געפעהרליך ווי די איינזאַמקייט. אונזער איינבילדונגס קראַפט, וואס איז דורך איהר אייגענע נאַטור געדרונגען זיך אויפצוהייבען דורך

פאנטאסטישע בילדער פון דער דיכטקונסט, שטעלט זיך אוועק אויף א גאנצער רייהע פון געגענשטענדען, פון וועלכע מיר בעטראכטען זיך אלס די לעצטע, אונווידריגסטע, און אלעס וואס איז פאר אונז, ערשיינט אונז הערליכער און פאלקאמענער. און דאס איז גאנץ נאטירליך. מיר פיהלען אזוי אפט, אז עפעס מאנגעלט אונז, און פונקט וואס אונז פעהלט, זעהט עס אויס, אז אן אנדערער האט עס, מיר גיבען דעם אנדערן צו אויך דאס וואס מיר האבען, און אזוי שאפען מיר א געוויסע אידעאלע צופריעדענהייט. דער גליקליכער איז אלזא פאלקאמען פאר־טיג, נאר מיר פערגעסען, אז מיר האבען איהם אליין געשאפען אין אונזער פאנטאזיע.

דאגעגען, געפינען מיר אויס, אז מיט אונזער גאנצער שוואכקייט און בעמיהונג, ברענגען מיר עס ווייטער מיט דעם שלעפען און קריבען ווי אנדערע מיט זייערע זעגלען און רודערן — און — עס איז דאך א וואהרעס געפיהל איבער זיך זעלבסט, ווען מען וויים, אז מען לויפט גלייך מיט אנדערע אדער גאר פאראויס.

דען 26טען נאוועמבער.

איך הייב אן מיך דא צו פיהלען בעקוועם. דאס בעסטע איז, וואס עס איז דא וואס צו טהון; און דאן, פיעל־ערליי מענשען, די אלערליי נייע געשטאלטען, דאס אלעס מאכט פאר מיר א פיעל־האליר־טעם שוישפיעל פאר מיין נשמה. איך האב מיך בעקענט ניט גראף ק. ער איז א מאן, וועלכען איך מוז עהרען יעדען טאג אלץ מעהר. ער האט א ברייטען און געזונטען פערשטאנד, און דערפאר איז ער ניט קיין קאלטער לונג־און־לעבער, ווייל ער מוז אזוי פיעל זעהען. פון זיין אומ־גאנג מיט מענשען לאזט זיך זעהען געפיהל און פריינדשאפט. ער האט זיך פעראינטערעסירט אין מיר ווען איך בין צו איהם געקומען וועגען א געשעפט. ביי די ערשטע ווערטער פון אונזער געשפרעך האב איך בעמערקט, אז מיר פערשטעהען זיך, און אז ער קען רעדען מיט מיר ניט ווי מיט אנדערע. איך קען אויך ניט גענוג אבלויבען זיינע אפענע בענעהמונג צו מיר. עס איז ניטא אין דער וועלט אזא אמת'ע, וואהרע פרייד, ווי צו זעהען פאר זיך א גרויסע נשמה.

דען 24טען דעצעמבער.

דער געזאנדטער האט מיר פעראורזאכט פיעל יסורים, איך האב עס פֿאראויס געוואוסט. ער איז דער פּינקטליכסטער נאר, וואס קען נאָר געבען; שריט פאר שריט געהט ער זיך, און ער צעהלט צו די גרויפּען אין טאָפּ אריין ווי א קאַרגע מוהמע; ער איז אַ מענש וואס איז מיט זיך אַליין אויך קיינמאָל ניט צופריעדען, און דערפאר קען איהם אויך קיינער ניט צופריעדען שטעלען. איך אַרבייט גערן ווי עס לאָזט זיך; ער קען מיר אבער צוריק געבען אַן אויפזאַטץ און זאגען: „ער איז גוט, פון דעסטוועגען, זעהט איהם דורך; מען געפינט תמיד אַ בעסערעס וואָרט, אַ ריינערען צוזאַמענהאַנג." דאס ברענגט מיך ארויס פון די כלים. קיין „און" און קיין איינציגעס בינדע־ווערטעל דאַרף אויסענבלייבען, ער איז אַ דם־שונא פון אומגעקעהרטע זעטצע, וואס גליטשען זיך מאַנכע מאָל ארויס. ווען מען שטעלט ניט אַוועק די „פּונקטען" נאָך דער מעלאָדיע, וואס איז איבערגעגעבען געוואָרען בקבלה, פערשטעהט ער גאָר ניט וואס מען שרייבט. דאס איז אַ שעהן ביסעל יסורים, ווען מען דאַרף האבען צו טהון מיט אַזאַ מענשען!

דאס צוטרויען פון דעם גראַף ק. איז נאָך דאס איינציגע, וואס טרייסט מיך. מיט אַ קורצער צייט צוריק האט ער מיר געזאגט, אַז ער איז זעהר אונצופריעדען מיט דער לאַנגזאַמקייט און מיט דער בעדענקליכקייט פון דעם געזאַנדטען. „אַזעלכע ברואים מאַכען זיך און אויך אַנדערע שווער, דאָך," האט ער געזאגט, „מוז מען זיך מיאש זיין, ווי אַ רייזענדער, וואס מוז אריבער קריכען אַ בארג; נאַטירליך, ווען דער באַרג וואָלט ניט געווען, וואָלט דער וועג געווען פיעל בעקוועמער און קירצער; ער איז אבער יא דאָ, און מען מוז אריבער."

מיין אַלטער פיהלט גאַנץ גוט דעם פאָרצוג, וואס דער גראַף גיט מיר איבער איהם, און ער כאַפּט דערפאר אַן יעדע געלעגענהייט צו רעדען שלעכטס אויפ'ן גראַף אין מיין געגענוואַרט. איך, נאַטירליך, נעהם מיך אָן דעם גראַף'ס קריוודע, און אַזוי ווערט די געשיכטע אַלץ ערגער. נעכטען האט ער מיך גאָר אויפגעבראַכט, ווייל רעדענדיג איבער'ן גראַף, האט ער אויך מיך געמיינט.

„אַזוי, צו וועלט־געשעפטען," האט ער געזאגט, „איז דער גראַף גאַנץ גוט. ער האט פיעל לייכטקייט ביי דער אַרבייט און ער האט אַ

גוטע פעדער; דאָך, וואס עס איז נוגע גרינדליכע בעלעהרזאמקייט, מאַנגעלט עס איהם, ווי דער פאַל איז מיט אַלע בעלעטריסטען."

דערביי האט ער געמאַכט אַ מינע, ווי איינער זאגט: „פיהלסטו דעם שטאָך?"

עס האט אבער אויף מיר ניט געהאַט קיין ווירקונג; איך פעראַכטע דעם מענשען, וואס קען אזוי דענקען און קען זיך אזוי אויפפיהרען. איך האב געהאַלטען מיין פּאָזיציע און געקעמפּפט גאַנץ גוט דאַגעגען. איך האב בעהויפּטעט, אַז דער גראַף איז אַ מאַן, וועמען מען דאַרף רעספּעקטירען, אי צוליעב זיין כאַראַקטער, אי וועגען זיינע קענטניסע.

„איך האב נאָך קיינעם ניט געקענט," האב איך געזאגט, „וואס האט געהאַט דאס גליק אזוי אויסצושפּרייטען זיין גייסט און בעקאַנט ווערען מיט אזוי פיעלע געגענשטענדע און דערביי אויך קענען די טהעטיגקייט פון דעם אַלגעמיינעם לעבען."

ער האט דאס ניט פערשטאַנען, און איך בין מיר אַוועקגעגאַנגען, אום ניט נאָך ווייטער זיך אָבעסען די גאַל איבער אַזעלכע זאַכען.

אין דעם אַלעמען זייט איהר שולדיג — איהר וואס האט מיך אריינגענאַרט אין יאָך און מיר געזונגען שירים ותשבחות פאר דער טהעטיגקייט. טהעטיגקייט! איך רעכען, אַז יענער וואס פערזעעט קאַרטאָפּעל און פאָהרט אין שטאָדט אריין פערקויפען זיין קאָרן, איז פונקט אזוי טהעטיג ווי איך. אזוי, הייסט עס, וועל איך מיך דאַרפען אָבמוטשען צעהן יאָהר צייט ביי דער צוואַנגס־אַרבייט, צו וועלכער איך בין יעצט צוגעשמידט.

דערצו קומט נאָך דאס גלענצענדע עלענד און די לאַנגווייליגקייט אונטער דעם אבשייליכען פאָלק, מיט וועלכען מען בעגעגענט זיך. דאס יאָגען זיך נאָך כבוד, און ווי זיי פּאַסען אויף איינער ביים צווייטען אָבצוגעווינען כאָטש אַ שריט; די עלענדסטע און ניעדריגסטע ליידענשאַפטען האבען ניט אויף זיך קיין שטיקעל מלבוש. דאָ האט איהר, צום ביישפּיעל, אַ פרוי, וועלכע דערצעהלט יעדען איינעם איבער איהר אַדעל און איהרע גיטער. יעדער פרעמדער מוז זיך דענקען: „דאָ האט איהר אַ נאַר, וואס בילדעט זיך איין, אַז איהר אַדעל און אימעניע זיינען מיט גאָלדענע פליטערלעך."

אבער עס איז נאָך פיעל ערגער: גראָדע דיעזע פרוי איז פון דיעזער שכונה און איז די טאָכטער פון אַן איינפאַכען אַמט־שרייבער. —

איך קען בשום אופן ניט פערשטעהען די מענשען, וועלכע האבען אזוי וועניג שכל, אום זיך איינפאך צו פראסטיטואירען.

איך מערק מיר אפילו אלץ מעהר און מעהר ווי נאריש דאס איז צו בערעכענען אנדערע נאך זיך. און ווייל איך האב מיט מיר אזוי פיעל צו טהון און דיעזעס הארץ אזוי שטירמיש — אך, איך וואלט געקענט לאזען יעדען איינעם געהען זיין וועג, ווען מען וואלט מיך אויך געלאזט געהען.

וואס מיך רייצט איבערהויפט, זיינען די אונגליקליכע בירגערליכע פערהעלטניסע. איך וויים אפילו אזוי גוט ווי יעדער איינער, ווי נעטהיג עס איז דער חילוק אין די קלאסען, ווי פיעל פארטהייל איך אליין האב דערפון; עס זאל מיר אבער ניט שטעהען אין וועג כל־זמן איך ווייס, אז איך קען געניעסען אויף דער וועלט אביסעל נחת, אביסעל גליק. מיט א קורצער צייט צוריק, זייענדיג אויפ'ן שפאציער־גאנג, האב איך קענען געלערענט א פריילין פאן ב. זי איז א ליעבענסווירדיגעם מיידעל, וואס איז געבליעבען נאך א היבשע ביסעל נאטירליך טראטץ דעם אנגעצוואונגענעם לעבען דא. אין אונזער געשפרעך זיינען מיר זיך געפעלען געווארען, און ווען מיר האבען זיך געשיידט, האב איך זי געבעטען זי זאל מיר ערלויבען זי צו בעזוכען. זי האט עס מיר ערלויבט מיט פיעל פריימיטהיגקייט, און איך האב קוים דערלעבט דעם אויגענבליק אהין צו געהען.

זי איז ניט קיין היגע, נאר זי וואוינט אין הויז פון איהרער א מוהמע. דער פרצוף פנים פון דער אלטער איז מיר ניט געפעלען געווארען. איך האב איהר געוויעזען פיעל אויפמערקזאמקייט, מיין געשפרעך איז דאס רוב געווען געווענדעט צו איהר. עס האט געדויערט קוים א האלבע שעה ביז איך האב ערפאהרען אלעס, וואס דאס מיידעל האט מיר נאכהער מודה געווען, דאס הייסט: אז די אלטע מוהמע ליידט מאנגעל אין אלצדינג, זי האט קיין פערמעגען, קיין גייסט, קיין שטיטצע. אלעס, וואס זי בעזיטצט, איז דער יחוס משפחה; זי האט קיין שוטץ אויסער די יחוס'דיגע קלאסע, מיט וועלכער זי האט זיך ארומגערינגעלט, און איהר פערמעגען בעשטעהט אין דעם, וואס זי קען ארונטערקוקען פון די הויכע פענסטער אויף די פראסטע בירגערליכע קעפ אונטען. אין איהר יוגענד איז זי געווען א שעהנע, איהר לעבען האט זיך אזוי אוועקגעקייקעלט. ניט איין יונגען מאן האט זי

אמאָל געמאַטערט. אין די עלטערע יאהרען וויעדער האט זי זיך אונ־טערגעגעבען צו אַן אַלטען אָפיציער, וועלכער האט מיט איהר געלעבט א היבשע צייט און איז געשטאָרבען. יעצט איז זי אַליין, און קיינער וואָלט זיך אויף איהר ניט ארומגעקוקט, ווען זי וואָלט ניט געהאט א ליעבענסווירדיגע פּלימעניצע.

דען 8טען יאַנואַר, 1772.

וואס זיינען דאס פאר א מין מענשען, וועמעס גאַנצע נשמה הייגנט אָב פון דער צערעמאָניע, וועמעס דיכטען און טראַכטען יאהרענ־לאַנג ציעלט זיך נאָר אהין, ווי אזוי צו קענען דערגרייכען דעם סאמע אויבען־אָן! און דאס איז ניט דערפאַר ווייל זיי האבען שוין ניט וואס צו זאָרגען. פערקעהרט, די אָנגעקליעבענע ארבייט ווערט אַלץ גרע־סער, טאַקי דערפאַר ווייל מען האט פריהער אַלעס פערנאַכלעסיגט, כדי צו קענען זיך נאָכיאָגען נאָך פּוסטע זאכען. פאַריגע וואָך איז עס געקומען צו אזא שטרייט ביים שליטען־פאהרען, און דער גאַנצער נחת איז קאַליע געוואָרען.

די שוטים זעהען ניט, אז ער האט גאָר ניט צו טהון מיט דעם פּלאַטץ, און דער וואס פערנעהמט דעם ערשטען פּלאַטץ, שפּיעלט זעהר זעלטען די ערשטע ראָלע. מאַנכער קעניג ווערט רעגיערט דורך זיין מיניסטער און מאַנכער מיניסטער דורך זיין סעקרעטער. און ווער איז דאַן דער ערשטער? איך רעכען ,אז יענער איז דער ערשטער, וואס קען קוקען דורך די נשמות פון אנדערע, און ער האט אזוי פיעל כוח אָדער כיטראָסט, איינצואָרדנען זיינע קרעפטען און ליידענשאַפטען, אום צו קענען אויספיהרען זיינע פּלענער.

דען 20טען יאַנואַר.

איך מוז אייך שרייבען, ליעבע לאָטטע, אָט דאָ אין שטיבעל פון אַן אָרעמער בויערן־קרעטשמע, וואוהין איך בין ענטלאָפען פון א שלעכ־טעם וועטער. כל־זמן איך געפין זיך אין דעם טרויעריגען נעסט ד. צווישען פרעמדע, כל־זמן מיין הארץ איז צווישען פרעמדע, האב איך

נאָך ניט געהאט קײן צײט איך זאָל זיך פיהלען ווי איך צו שרײבען; נאָר דאָ, אין דיעזען שטיבעלע, אין דיעזער אײנזאַמקײט, ווען שנעע און האָגעל קלאַפּען אין מײן פענסטערל, זײט איהר געווען די ערשטע צו קומען אין מײנע געדאַנקען. אַזוי ווי איך בין אַרײנגעקומען, האט זיך מיר אויסגעדראַכט, אַז איך זעה אײער געשטאַלט פאַר מײנע אויגען און די עראײנערונג אָן אײך האט מיך בעזיעגט. אָה, לאָטטע! אַזוי הײליג, אַזוי וואַרעם, — גוטער גאָט, ווידער דער ערשטער גליקליכער אויגענבליק.

ווען איהר זאָלט מיך נאָר זעהען בשעת איך בין צו דרומטשקעט! מײנע חושים ווערען פּשוט אויסגעטריקענט; איך האב קײן אויגענבליק ווען מײן הארץ איז פול, קײן געבענשטע שעה; גאָר ניט! גאָר ניט! איך שטעה ווי פאַר אַ קאַסטען מיט ליאַלקעס און זעה ווי די מענשעלעך און פערדעלעך רוקען זיך אַרום, און איך פרעג מיך אָפּט, אויב דאָס איז ניט עפּעס אַ פערבלענדעניש. איך שפּיעל מיט, בעסער געזאָגט, איך ווער מיטגעשפּיעלט, ווי אַ הילצערנע ליאַלקע, און כאַפּ אָן מײן שכן בײ דער הילצערנער האַנד און איך שוידער אויף. בײ נאַכט נעהם איך מיר פאָר צו געניעסען דעם זונענאויפגאַנג, אָבער איך קען ניט אַרויסקריכען פון בעט. בײ טאָג האָף איך מיך צו פרײען בײם לבנה־ליכט, אָבער איך בלײב אין שטוב. איך ווײס ניט פאַר וואָס איך שטעה אויף און צו וואָס איך געה שלאָפען.

די הײוועז, וואָס פלעגט ברענגען מײן לעבען אין בעוועגונג, פעהלט איצט; דער רײץ, וואָס פלעגט פרעהליך מאַכען אין די פינסטערע נעכט און מיך אויפוועקען אין דער פריה פון שלאָף, איז שוין מעהר ניטאָ.

בלויז אײן פרויענצימער האָב איך דאָ געפונען, אַ פרײלײן ב. ליעבע לאָטטע, זי איז גלײך צו אײך, אויב מען קען נאָר זײן גלײך צו אײך. „אײ,“ וועט איהר זאָגען, „דער מענש לערענט זיך אויס זאָגען שעהנע קאָמפּלימענטען!“ עס איז ניט אין גאַנצען ניט אמת. זײט אַ לענגערער צײט בין איך זעהר העפליך, אײנפאַך ווײל איך קען אַנדערש ניט זײן; איך האב פיעל וויטץ און די פרויענצימער זאָגען: „קײנער קען ניט אַזוי שעהן לויבען, ווי איך (און זאָגען ליעגען, וועט איהר צולעגען; ווײל אָהן דעם געהט עס ניט, פערשטעהט איהר?) אָבער איך האב געוואָלט רעדען פון פרײלײן ב. זי האט אַ גרויסע

נשמה, וועלכע קוקט אין גאנצען ארויס פון איהרע בלויע אויגען. איהר שטאנד איז איהר צו לאסט, ווייל ער ערפילט ניט קיין איינציגען וואונש פון איהר הארצען. זי זוכט צו ענטלויפען פון רעש, און מאנכע שטונ־דען פערברענגען מיר צוזאמען, פאנטאזירענדיג איבער דער הערליכ־קייט פון די לאנד־סצענען, אך! און פון אייך! ווי אָפט מוז זי אייך בעוואונדערן! זי איז חלילה ניט געצוואונגען דערצו, נאר זי טהוט עס פון פרייען ווילען. גערן הערט זי, ווען איך רעד פון אייך, זי ליעבט אייך!

ווען איך וואלט מיך נאר געזעהען ביי אייך צופוסען אין דעם ליעבען קליינעם צימערל, און די ליעבע קליינע קינדערלעך וואלטען זיך געקייקעלט איינער איבער אנאנדער ארום מיר ארום, און ווען זיי וואל־טען געמאכט צו פיעל רעש, וואלט איך זיי באלד איינגעשטילט מיט עפּעס א שוידערליכע געשיכטע.

די זונן געהט אונטער הערליך איבער דער שנעע־גלענצענדער גע־גענד, דער שטורם איז פאראיבער, און איך — מוז מיך ווידער איינ־שפּארען אין מיין שטייג. אדיע! איז אלבערט ביי אייך? און ווי? — גאט, פערצייה מיר דיעזע פראגע!

דען 8טען פעברואר.

זייט אכט טעג האבען מיר דאָ דאס אבשייליכסטע וועטער. נאר פאר מיר איז עס א טובה. ווייל זייט איך בין דאָ, איז מיר נאך ניט ערשיענען קיין שעהנער טאג, עמיצער זאל מיר איהם ניט קאליע מאכען אדער בעטריעבען.

ווען עס רעגענט און גיסט און עס פרעסטעלט, אדער עס לאזט נאך, הא! דענק איך, אין הויז קען עס דאך ניט ערגער זיין ווי אין דרויסען, אדער פערקעהרט, און דערפאר איז עס אזוי גוט, ווי עס איז.

אויב די זונן געהט אויף אין דער פריה און פערשפּרעכט א שעה־נעם טאג, מוז איך אויסרופען: „דאָ האבען זיי דאך ווידער א הימ־לישע ברכה, דורך וועלכער זיי קענען זיך אומברענגען.” עס איז ניטאָ קיין זאך, וואס זיי זאלען ניט קענען קאליע מאכען: געזונדהייט, גוטער

נאמען, פרייד, ערהאָלונג! אין מייסטענטהייל טהוען זיי עס אויס נאַר־רישקייט, דומהייט און ענגהערציגקייט, דאס איז אפילו דאמאלס, ווען מען הערט זיך צו צו זיי מיט דער בעסטער מיינונג. מאַנכע מאָל וואָלט איך פאר זיי געפאַלען אויף די קניעס און זיי געבעטען, זיי זאָלען זיך ניט אזוי משונה'דיג ארומרייסען.

דען 17טען פעברואר.

איך האב מורא, אז מיין געזאַנדטער און איך וועלען עס לאַנג ניט אויסהאַלטען צוזאַמען. ער איז פשוט ניט צו פערטראָגען. זיין מעטהאָדע צו ארבייטען און בעטרייבען געשעפטען איז אזוי לעכער־ליך, אז איך קען מיך ניט איינהאַלטען איהם צו וויעדערשפּרעכען, און אָפטמאָל מאַך איך א זאַך ווי מיר אַליין פאַלט איין און וואס געפעלט איהם ניט. דערפאר האט ער מיך פערקלאָגט אין הויף, און כאָטש דער מיניסטער האט מיר געגעבען א זאַנפטען אָנצוהערענעש, פון דעסט־וועגען איז עס דאָך געווען אַן אָנצוהערענעש, און איך האב שוין געהאַל־טען דערביי צו רעזיגנירען, ווען איך האב פון איהם ערהאַלטען א פּריוואַט בריעף — א בריעף, פאר וועלכען איך האב ניעדערגעקניעט און תפילה געטהאָן צום הויכען, עדעלען און קלוגען זינן. אין דיעזען בריעף האט ער ערקלערט, אז ער שאַטצט אָב מיין צו גרויסע עמפּפינדליכקייט, ווי אויך מיינע איבערשפּאַנטע אידעען פון ווירקען, ער רעדט איבער דעם איינפלוס אויף אַנדערע, ער בעטראַכט מיין דורכדרינגען אין גע־שעפטען אלס יוגענדליכען גוטען מוטה, און ער וויל דאס חלילה ניט פערניכטען אין מיר, בלויז מאַכען מילדער און עס אזוי ווייט פיהרען, ווי איך זאָל קענען פריי האנדלען און ווירקען. אויף אַכט טעג בין איך געשטאַרקט געוואָרען און געוואָרען אייניג אין מיר אַליין. נשמה־רו־היגקייט איז א גרויסע זאַך און די פרייד מיט זיך אַליין איז ניט צום בעצאהלען. ליעבער פריינד, ווען דאס שטיקעל ציערונג זאָל זיך נאָר ניט קענען אזוי גיך צוברעכען, ווי שעהן און קאָסטבאַר עס איז.

דען 20טען פעברואר.

גאָט זאָל איך בענשען, מיינע ליעבסטע, און אייך געבען די גוטע טעג, וואס ער נעהמט פון מיר אוועק.

איך דאנק דיר, אַלבערט, פאר וואס דו האסט מיך אָבגענארט. איך האב געווארט אויף אַ נאַכריכט, ווען אייער חתונה וועט זיין. איך האב מיר פאָרגענומען אין דעמזעלבען טאָג ארונטערנעהמען לאָטטע'ס בילד פון דער וואנד און עס בעגראָבען צווישען אַנדערע פאפירען. יעצט זייט איהר שוין אַ פּאאר און איהר בילד איז נאָך דאָ! אזוי זאָל עס בלייבען. און פאר וואס ניט? איך וויים, אז איך בין אויך ביי אייך, איך בין אין לאָטטע'ס הארצען, דיר גאָר ניט שאדענדיג דערמיט. איך האב דאָרט פערנומען דעם צווייטען פּלאַטץ און איך וויל און מוז איהם אָנהאַלטען. אָך, ווי ווילד איך וואָלט עס געוואָרען, ווען זי וואָלט געקענט פערגעסען אָן מיר! אַלבערט, אין דעם געדאנק אליין ליעגט אַ גיהנום! אַלבערט, לעב וואָהל! לעב. וואָהל, דו הימלישער מלאך, לעב וואָהל, לאָטטע!

דען 15טען מערץ.

איך האב געהאט אַ פערדרוס, וועלכער וועט מיך פערטרייבען פון דאנען. איך האב געקריצט מיט די צייהן. טייוועל! מען קען עס מעהר ניט פעררעכטען און איהר אליין זייט אין דעם שולדיג. איהר האט מיך געטריעבען און געקוועלט איך זאָל אָננעהמען די שטעלע, וואס איז ניט געווען נאָך מיין הארצען. איצט האב איך עס און איהר האט עס אויך! און כדי דו זאָלסט ניט זאגען, אז מיינע איבערשפּאנטע אידעען פערדארבען אלעס, אָט האסטו אַן ערצעהלונג, פּראָסט און אייג־פאך, ווי אַ קראָניק־שרייבער וואָלט דאס בעריכטעט.

דער גראף פון ק. ליעבט מיך, צייכענט מיך אויס, דאס איז שוין בעקאנט, דאס האב איך דיר שוין געזאגט הונדערט מאָל. נעכטען בין איך געווען ביי איהם צו טיש, פּונקט אין יענעם טאָג, ווען אבענד מיר איז גאָר ניט איינגעפאַלען, אז מיר, אונטערגעאָרדנעטע, קענען קומט זיך צוזאמען ביי איהם אַ געזעלשאפט פון הערען און פרויען. צהין ניט ארייננקומען. גוט, איך האב געגעסען ביים גראף און נאָך'ן

טיש זיינען מיר געגאנגען אויף און אָב איבער׳ן גרויסען זאאַל. איך האב גערעדט מיט איהם און מיט׳ן קאָלאָנעל ב., וועלכער איז אויך צוגעקומען, און אזוי איז די צייט פאראיבער. גאָט ווייסט דעם אמת, אז איך האב אָן גאָר ניט געדענקט. פלוצלינג קומט אריין די איבער־גנעדיגע דאמע ס. מיט איהר מאן און גוט־אויפגעצויגענע גענזעלע־טאָכ־טער מיט דער ברוסט און שעהנער טאַליע. אזוי זיינען זיי פארבייגע־גאנגען מיט זייערע הויכאדעליגע אויגען און נאָז־לעכער. אזוי ווי דיעזעס געזינדעל איז מיר נמאס פון גאנצען הארצען, האב איך געוואָלט נעהמען אבשיעד, און געוואַרט בלויז ביז דער גראף וועט זיך בעפרייען פון דער פלוידעריי, ווען פריילײן ב. איז צוגעקומען; אזוי ווי מיר ווערט תמיד אביסעל גרינגער אויף׳ן הארצען ווען איך דערזעה זי, בין איך פערבליעבען און זיך געשטעלט הינטער איהר ביינקעל. שפּעטער האב איך בעמערקט, אז זי האט גערעדט צו מיר מיט וועניגער אָפענ־הערציגקייט ווי אימער און זי איז געווען אין א פערלעגענהייט. דאס איז מיר געווען אויפפאלענד. איז זי אויך ווי אַלע אַנדערע? איך האב שוין געוואָלט געהען, נאָר איך בין געבליעבען און זי געוואָלט ענטשול־דיגען. איך האב עס ניט געגלויבט אויף איהר און געהאָפט נאָך צו הערען א גוט וואָרט פון איהר.

דערווייל האט זיך פערזאמעלט די געזעלשאפט. דער באראָן ס. מיט דער גאנצער גארדעראָבע פון דער קרעהנונגס־צייט פון פראַנץ דעם ערשטען; דער האָפראטה ר., דאָ בעקאַנט בלויז אַלס הערר פאָן ר., מיט זיין טויבער פרוי; מען דארף ניט פערגעסען אויך דעם שלעכט־געקליידעטען י., וועלכער טראָגט זיינע אַלט־פריינקישע בגדים מיט ניי־מאָדישע לאַטעס. אָט דאס קומט אין הויף אריין. איך האב גע־רעדט מיט איינינע בעקאַנטע, וועלכע האבען אלע געענטפערט זעהר קורץ. איך האב גערעכט — דערווייל האב איך נאָר בעמערקט פריי־ליין ב. און ניט געזעהען ווי די ווייבער, אין ענדע זאאַל, שושקען זיך אין די אויערן, ווי דאס געהט איבער צו די מענער, אז פרוי פאָן ס. רעדט צום גראף (דאס אַלעס האט מיר פריילײן פאָן ב. נאָך דעם דער־צעהלט), ביז דער גראף איז ענדליך צו מיר צוגעגאנגען און מיך אוועק־גענומען צו א פענסטער.

„איהר ווייסט,” האט ער געזאגט, „אודאי איבער אונזערע נאַר־

רישע פערהעלטניסע; איך מערק מיר, אז די געזעלשאפט איז דאָ אונ־צופריעדען אייך צו זעהען. איך וואָלט עס פאר קיין" —

„אייער עקסעלענץ," האב איך איהם אונטערבראָכען, „איך בעט אייך טויזענד מאָל אום פערצייהונג. איך האב דאס בעדארפט וויסען, און איך וויים, אז איהר וועט מיר מוחל זיין דיעזעס פערזעהען. איך האב מיך שוין געוואָלט נאָך פריהער עמפפעהלען, נאָר עפּעס א בייזער רוח האט מיך צוריקגעהאלטען." דערמיט האב איך געענדיגט לאַכענ־דיג און זיך פערנייגט.

דער גראַף האט געדריקט מיינע הענד מיט א געפיהל, וואס האט אַלעם אויסגעדריקט. איך האב מיך פאוואָליע ארויסגערוקט פון דער פאָרנעהמער געזעלשאַפט, בין אוועק, זיך ארייגעזעטצט אין א דראָש־קעלע און געפאהרען קיין מ., אום דאָרט פון בארג, צו זעהען, ווי די זונן געהט אונטער, און דערביי לעזען אין מיין האָמער דעם הערלי־כען שיר, ווי אוליסעס ווערט בעדיענט פון די גוטע חזירים־טרייבערס. דאס אַלעס איז געוועזן גוט.

אבענד בין איך צוריק געקומען צום טיש, עס זיינען נאָך געוועזן עטליכע אין דער גאַסט־שטוב; זיי האבען געשפּיעלט ווירפעל אויף אַן עק טיש און זיי האבען דאָרט פערקאַטשעט דאס טישטוך. פלוצ־לינג קומט אריין דער עהרליכער א., לעגט אוועק זיין הוט, קוקט מיך אָן, געהט צו צו מיר און זאגט:

„דו האסט דיך געערגערט?"

„איך?" האב איך געפרעגט.

„דער גראַף האט דיך אויסגעוויעזען פון דער געזעלשאפט."

„כאַפּט זיי דער רוח!" האב איך געזאגט. „מיר האט הנאה גע־טהאָן ארויסצוקומען אין דער פרייער לופט."

„עס איז גוט, וואס דו נעהמסט עס אזוי אָן," האט ער געזאגט, „עס פערדריעסט מיך בלויז, וואס מען וויים עס שוין איבעראַל."

אויב אזוי, האט מיך שוין גאָר אָנגעהויבען צו ערגערן די געשיכ־טע. איך האב געמיינט, אז יעדער וואס קומט צו צום טיש, דאַרף מיך נאָר אָנקוקען און שוין וויסען. דאס האט אויפגעקאָכט מיין בלוט.

וואוהין איך קום, הער איך נאָר ווי מען בעדויערט מיך; איך זעה אויך ווי מיינע ניט־פערגינער טריאומפירען איבער מיר און זאגען: „אָט דאס איז דער סוף מיט די שטאָלצע, וועלכע נעהמען זיך איבער

מיט זײער חכמה און סמײען ארױסטרעטען געגען אלע זײערע פער־העלטניסע,״ און די הינט בילען נאך אנדערע זאכען — איך װאלט מיר דורכגעבױערט דאס הארץ מיט א מעסער.

זאל מען רעדען װאס מען װיל איבער זעלבסטשטענדיגקײט, איך װאלט אבער װעלען זעהען יענעם, װעלכער קען דולדען, אז לומפען זאלען איהם בערעדען, װען זײ האבען נאר א געלעגענהײט; מען קען נאר דערלײדען, װען אין זײערע פלױדערײען און שפאט איז קײן גרונד ניטא.

דען 16טען מערץ.

איך װער גערודפ׳ט פון איבעראל. הײנט האב איך געטראפען פרײלײן ב. אין דער אלעע, איך האב מיך ניט געקענט אײנהאלטען ניט צו רעדען צו איהר, און איהר איבערגעגעבען װאס איך האב גע־פיהלט בײ איהר בענעהמונג געגען מיר.

„אך, װערטהער!״ האט זי געזאגט מיט אן אױפריכטיגען טאן, „קענט איהר אזױ ערקלערען מײן פערװירונג כל־זמן איהר קענט מײן הארץ? נאר אײן גאט װײס, װאס איך האב געליטען צוליעב אײך פון דעם אױגענבליק, װאס איך בין ארײן אין זאאל. איך האב אלעס געזעקען פאראױס, הונדערט מאל איז דאס מיר געלעגען אױף דער צונג אײך עס צו זאגען. איך האב געװאוסט, אז די מאדאם פאן ס. און ט. װאלטען גיכער ענטלאפען אין גאנצען מיט זײערע מענער װי צו פערבלײבען מיט אײך אין אײן געזעלשאפט; איך האב אױך געװאוסט, אז דער גראף קען זיך מיט אײך ניט צוקריעגען, — און יעצט, דער ליארם!״

„װאס הײסט, פרײלײן?״ האב איך געפרעגט, בעהאלטענדיג מײן שרעק; אלעס װאס אפעלין האט מיר עהער־נעכטען געזאגט, איז מיר דורכגעלאפען װי קאכענדיגעס װאסער דורך מײנע אדערן.״

„אך, גאט! װאס דאס האט מיך שױן געקאסט!״ האט דאס זיסע מײדעל אױסגערופען בשעת די טרערען זײנען געשטאנען אין איהרע אױגען.

איך האב מיך שוין מעהר ניט געקענט בעהערשען. איך בין געוועזען בערייט מיך צו ווארפען צו איהרע פיס.

„ערקלערט, וואס איהר מיינט!” האב איך אויסגערופען.

די טרערען האבען זיך געקייקעלט איבער איהרע באקען. איך בין געוועזען אויסער זיך. זי האט זיך אָבגעווישט די טרערען, ניט וועלענדיג זיי בעהאלטען.

„איהר קענט דאָך מיין מוהמע?” האט זי אָנגעהויבען. „זי איז געוועזען דערביי, און מיט וואס פאר אויגען זי האט דאס צוגעזעהען! ווערטהער, נעכטען אויף דער נאכט און היינט בין איך אויסגעשטאנען א דרשה איבער מיין בעקאנטשאפט מיט אייך, און איך האב געמוזט צוהערען, ווי מען זידעלט אייך, און איך האב ניט געקענט און ניט געטאָרט אייך פערטהיידיגען.”

יעדעס וואָרט, וואס זי האט גערעדט, איז מיר, ווי א שווערט, דורכגעגאנגען דורך'ן הארץ. זי האט גאָר ניט געפיהלט, וואס פאר א בארמהערציגקייט דאס וואָלט געוועזען, ווען זי וואָלט דאס אַלעס פערשוויעגען פאר מיר.

„און יעצט,” האט זי ווייטער געזאגט, „וואס עס וועט נאָך ווייטער געפלאָפּלעט ווערען, וואס פאר א מין מענשען עס וועלען דאַריבער טריומפירען!”

ווייטער, ווי מען וועט מאַכען איבער מיר כל־הגעלעכטער. דאס אַלעס, ווילהעלם, צו הערען זיי רעדען מיט דער שטימע פון אמת'ן בעדויערן — איך בין געוועזען אויסער זיך, און קען מיך נאָך ניט בערוהיגען. איך וואָלט וועלען, אז עמיצער זאָל עס מיר פאָרוואָרפען, כדי איך זאָל איהם קענען דורכלעכערן מיט מיין שווערט; ווען איך זאָל זעהען בלוט, וואָלט עס מיר בעסער געוואָרען.

אַך, איך האב שוין הונדערט מאָל געדאַרפט א מעסער צו מאַכען לופט פאר דיעזען הארצען. מען דערצעהלט פון אַן עדעלען מין פערד, דאס ווען זיי ווערען שרעקליך דערהיצט און צויאָגט, דאַן, אוים איינגענעם אינסטינקט, בייסען זיי זיך אויף אַן אָדער, אום צו קענען לייכטער אטהעמען. אזוי איז עס אָפט מיט מיר; איך וואָלט מיר געעפענט אַן אָדער, וואס זאָל מיר פערשאַפען די אייביגע פרייהייט.

דען 24טען מערץ.

איך האב פערלאנגט פון הויף מיין ענטלאסונג, און איך האף זי צו קריעגען, און איהר וועט מיר פערצייהען, וואס איך האב ניט פריהער גענומען ביי אייך ערלויבניס. איך מוז אוועק, און וואס איהר האט מיר צו זאגען וועגען בלייבען, דאס אלעס וויים איך, און אלזא — זאג עס אן מיין מאמען אויף א מילדען אופן. איך קען מיר אליין ניט העלפען, און זי וועט מוזען צופריעדען זיין ווי עס איז, און איך קען איהר ניט העלפען. נאטירליך, טהוט עס איהר וועה. דעם שעהנעם וועג צו ווערען א געהיימראטה און א געזאנדטער, וואס איהר זוהן האט אנגעפאנגען, איז פלוצלינג אונטערבראכען געווארען און ער איז צוריק מיט די בהמות אין שטאל אריין. מאכט דערפון וואס איהר ווילט, טראכט אויס אלעס, אונטער וועלכע אומשטענדען איך האב געקענט בלייבען, פאר מיר בלייבט עס גלייך, איך מוז אוועק, און אום איהר זאלט וויסען וואוהין איך וועל אהינקומען, אזוי איז דא דער פירסט, וואס געפינט פיעל געשמאק אין מיין געזעלשאפט; אזוי ווי ער האט געהערט וואס מיט מיר האט פאסירט, האט ער מיך געבעטען איך זאל מיט איהם געהען אויף זיינע אימעניעס און דארט פערברענגען דעם פריהלינג. ער האט מיר פערשפראכען, אז מען וועט מיך צורוה לאזען. און אזוי ווי מיר פערשטעהען זיך ביז צו א געוויסען פונקט, וועל איך עס איינשטעלען און געהען מיט איהם.

צו דער נאכריכט.

דען 19טען אפריל.

איך דאנק דיר פאר דיינע צוויי בריעף. איך האב דיר ניט גע־ענטפערט, ווייל איך האב געוואַרט ביז מען וועט מיר מודיע זיין פון הויף; איך האב מורא געהאט, אז מיין מאַמע וועט זיך נאָך ווענדען צום מיניסטער און מיר שווער מאַכען מיין פּלאַן. יעצט איז עס שוין אבער געשעהען, מיין אַבשיעד איז דאָ. איך וויל אייך גאָר ניט זאגען ווי ניט גערן מען האט דאס מיר געגעבען, און וואס דער מיני־סטער שרייבט: איהר וואָלט אויסגעבראָכען אין נייע קלאַגען. דער קרוינפּרינץ האט מיר געשיקט צום אַבשיעד פינף־און־צוואַנציג רענד־לעך, בקיצור, דאס האט מיך געפיהרט צו טרערען; אויף אַזאַ אופן דארף איך ניט דאס געלד פון דער מאַמע, וואס איך האב ביי איהר ניט לאַנג געפאָדערט.

דען 5טען מאי.

מאָרגען פאָהר איך אוועק פון דאַנען, און ווייל מיין געבורטס־אָרט ליעגט בלויז פינף מיילען פון וועג, וויל איך איהם זעהען און מיך ערינערן אָן אַלטע גליקליכע טעג. איך וויל אריינגעהען פונקט אין דעם טויער, דורך וועלכען מיין מוטער איז מיט מיר ארויסגע־פאָהרען, ווען זי האט, נאָך'ן טויט פון מיין פאָטער, פערלאָזען דעם ליעבען פּלאַטץ, אום זיך איינצושפּאַרען אין דער אונערטרעגליכער שטאָדט. אדיע, ווילהעלם, דו זאָלסט ווייטער פון מיר הערען.

דען 9טען מאי.

איך האב געמאַכט די רייזע צו מיין היים מיט דעם הייליגען

געפיהל פון אַן עולה־רגל'ניק. מאַנכע גאָר אונערוואַרטעטע געפיהלען
האבען מיך ארומגענומען. ביי דעם גרויסען לינדענבוים, וואס שטעהט
אַ פערטעל־שטונדע רייזע פון דער שטאדט קיין ס. בין איך געבליע־
בען שטעהען, ארויסגעגאַנגען און געהייסען דעם פּאָסטאַליאָן ווייטער
פאהרען, אום צו פוס דורכלעבען יעדען זכרון אויף'ס נייע. איך בין
געבליעבען שטעהען אונטער דעם לינדענבוים, וואס איז אַמאָל ביי
מיר, אַלס אינגעל, געווען דער ציעל און די גרענעץ פון אַלע שפּאַציער־
גאַנגען. ווי פערשיעדען! דאַמאַלס האב איך, אין גליקליכער אונווי־
סענהייט, געבענקט אַוועק ווייט אין דער אונבעקאַנטער וועלט, וואו
איך האב געהאָפט צו געפינען אַזוי פיעל נאַהרונג און אַזוי פיעל
גענוס פאַר מיין הארצען; איך האב געהאָפט אויף אַזוי פיעל גענוס,
אום מיין שטרעבענדע און בייגקענדע ברוסט אָנצופילען און בעפריע־
דיגען. יעצט בין איך צוריקגעקומען פון דער ווייטער וועלט — אָך,
מיין פריינד, מיט וויפיעלע פערפעהלטע האָפנונגען, מיט וויפיעלע
צושטערטע פּלענער! איך האב געזעהען פאַר מיר ליעגען די בערג,
וועלכע זיינען געווען טויזענד מאָל דער געגענשטאַנד פון מיין וואונש.
שטונדען לאַנג האב איך דאָ געקענט זיטצען און בייגקען, פון דער טיע־
פער נשמה, נאָך די וועלדער, טהאָלען, וועלכע האבען זיך אַזוי פריינד־
ליך פאָרגעשטעלט פאַר מיינע אויגען; און ווען עס פלעגט קומען די
צייט זיי צו פערלאָזען, מיט וואס פאַר אַ ווידערווילען איך האב פער־
לאָזען דעם ליעבען פּלאַטץ!

איך בין געקומען נעהנטער צו דער שטאדט; אַלע אַלטע בעקאַנ־
טע גאָרטען־הייזלעך זיינען פון מיר בעגריסט געוואָרען, די נייע האבען
מיך אָבגעעקעלט, ווי אויך אַלע ענדערונגען, וואס מען האט פאָרגע־
נומען. איך בין אריין אין טויער און איך האב מיך ווידער גוט
געפיהלט. פריינד, איך וואָלט ניט וועלען בעשרייבען אַלע איינצעל־
הייטען; ווי רייצענד דאס איז פאַר מיר געווען, וואָלט עס אין ער־
צעהלונג פּונקט אַזוי געגודעט. איך האב בעשלאָסען צו וואוינען
אויפ'ן מאַרק, פּונקט נעבען אונזער אַלטען הויז. אריינגעהענדיג,
האב איך בעמערקט, אַז דאס אַלטע שוהל־שטיבעל, וואו אַן אַלטע,
גוטע פרוי האט אונז געלערענט אין אונזער קינדהייט, איז פערוואַנ־
דעלט געוואָרען אין אַ קראָם. איך האב מיך ערינערט אָן דער אונ־
רוה, די טרערען, און אַנדערע צרות, וואס איך האב געהאַט אויסצו־

שטעהען אין דיעזען שטיבעל. איך האב ניט געמאכט קיין שריט, וואס האט ביי מיר ניט ארויסגערופען קיין מערקווירדיגקייט. אן עולה־רגל׳ניק אין ארץ הקדושה טרעפט ניט אזוי פיעלע פלעטצער פון רעליגיעזע עראינערונגען און זיין נשמה פיהלט קוים אזוי פיעל הייליגע ריהרונג. ניין, אפילו קיין טויזענדעטען טהייל. איך בין ארונ־טערגעגאנגען מיט׳ן טייכעל ביז צו א געוויסען הויף; דאס פלעגט אמאל זיין אויף מיין וועג וואוהין מיר אינגלעך פלעגען געהען ווארפען מיט פלאכע שטיינדלעך אויפ׳ן וואסער און זיי מאכען אבשפרינגען.

איך האב מיך אזוי לעבהאפט דערמאהנט, ווען איך פלעג שטעהען און נאכקוקען דעם וואסער, ווי איך פלעג טראכטען איבער די מערק־ווירדיגע פלעטצער, וואוהין דאס פליעסט, און ווי איך פלעג געפינען די גרענעצען פון מיין פארשטעלונגס־קראפט. אט אזוי איז עס גע־גאנגען אלץ ווייטער און ווייטער ביז איך האב מיך פערלארען אין טראכטען פון אן אונזעהבארער ווייטקייט.

זעה, פריינד, אט אזוי איינגעהאלטען און אזוי גליקליך זיינען געווען די הערליכע אבות פאר אונז! ווי קינדיש עס איז געווען זייער געפיהל און זייער דיכטונג! ווען אוליסעס רעדט פון דעם ניט־געמאָ־סטענעם ים און פון דער אונענדליכער ערד, איז עס אזוי אמת, מענש־ליך, פון אינוועניג, ענג און געהיימניספאל. וואס נוטצט מיר עס, ווען איך קען נאכזאגען מיט די שול־קינדער, אז די ערד איז רונד? דער מאן בענעטהיגט בלויז עטליכע שפאן ערד, אום צו געניעסען פון גליק און נאך וועניגער דארט צו געפינען אייביגע רוה.

יעצט בין איך דא אין פירסטליכען יאגד־שלאס. ער איז א גאנץ אנגענעהמער מענש, ער איז אמת׳דיג און איינפאך. ארום איהם געפינען זיך וואונדערליכע מענשען, וועלכע איך פערשטעה גאר ניט. זיי זעהען ניט אוים צו זיין לומפען, און דאך זעהען זיי ניט אויס צו זיין ארענטליכע מענשען. מאנכע מאל קומען זיי מיר פאר עהר־ליך, און דאך קען איך זיי ניט געטרויען. וואס מיר טהוט לייד איז, וואס ער רעדט אפט פון זאכען, וואס ער האט בלויז געהערט און גע־לעזען דאריבער, און דערצו נאך רעדט ער פון זיי לויט ווי דער מחבר האט זיי פארגעשטעלט.

ער שאטצט אויך מעהר אב מיין שכל און מיין טאלענט, ווי מיין הארץ, וואס איז מיין איינציגער שטאלץ, וואס איז די איינציגע קווע־

לע פון אלעמען, פון יעדער קראפט, גליק און אלע צרות. אך, וואס איך וויים, קען יעדער וויסען, — אבער מיין הארץ, דאס האב איך אליין.

דען 25טען מאי.

איך האב עפּעס געהאט אין קאפּ, פון וועלכען איך האב אייך ניט געוואָלט זאגען ביז עס וועט אויסגעפיהרט ווערען; יעצט, ווי עס איז גאָר ניט געוואָרען דערפון, קען איך אייך שוין שרייבען דא־ריבער. איך האב געוואָלט אוועק אין מלחמה; דאס איז מיר שוין לאנג געלעגען ביים הארצען. דאס איז איבערהויפּט געווען די אור־זאכע, פאר וואס איך בין אהער נאָכגעגאנגען דעם פירסט, וועלכער איז א גענעראל אין דיענסט פון ..... אויף א שפּאציער־גאנג האב איך איהם דערצעהלט מיין פּלאן; ער האט מיך אָבגעראטהען דערפון, בעהויפּטענדיג, און עס וואָלט פון מיר געווען מעהר לײדענשאפט, ווי נאררישע איינבילדונג, ווען איך וואָלט איהם ניט געפאָלגט.

דען 11טען יוני.

זאג וואס דו ווילסט, לענגער קען איך ניט בלייבען. וואס זאָל איך דאָ טהון? די צייט ווערט מיר לאנגוויילינ. דער פירסט האלט מיך אזוי גוט ווי נאָר מעגליך, און דאָך איז מיר דאָ ניט בעקוועם. אין אמת׳ן גערעדט, האבען מיר גאָר ניט איינס מיט אנאנדער. ער איז אפילו א מענש מיט שכל, אבער פון גאנץ פּראָסטען שכל; זיין גע־זעלשאפט אונטערהאלט מיך ניט מעהר ווי א גוט־געשריעבענעם בוך. נאָך אכט טעג פערבלייב איך דאָ און דאַן געה איך ווידער אויף דעם עולם התוהו. דאס בעסטע, וואס איך האב דאָ אויפגעטהון, איז מיין מאלעריי. דער פירסט פערשטעהט די קונסט, אבער ער וואָלט נאָך מעהר פערשטאַנען, ווען ער וואָלט זיך ניט ארייגגעלאָזען אין צו פיעל וויסענשאפט און זיך ניט אָבגעגעבען אזוי פיעל מיט וויסענ־שאפטליכע ווערטער. מאנכע מאָל קריץ איך מיט די צייהן, ווען איך רעד צו איהם מיט וואָרעמער פאָרשטעלונגס־קראַפט איבער נאַ־

טור און קונסט, ער ווידער רעכענט אַלעס צו פערבעסערן, ווען ער שטעמפּעלט עס מיט אַ הויכעס קונסט־וואָרט.

דען 16טען יוני.

יא, איך בין שוין ווידער אַ וואַנדערער, אַן ארומטרייבער אויף דער ערד! זייט איהר עס דען ניט דאסזעלבע?

דען 18טען יוני.

וואוהין איך וויל פאהרען? דאס וועל איך דיר דערצעהלען בסוד. פערצעהן טעג מוז איך נאָך דאָ בלייבען, דאַן האב איך ביי מיר אָבגעמאַכט, אַז איך זאָל בעזוכען די בערג־ווערק פון..... דער אמת איז אבער, אַז איך וויל בלויז זיין אביסעל נעהנטער צו לאָטטע'ן. איך לאַך איבער מיין אייגענעס הארץ, און דאָך טהו איך זיין ווילען.

דען 29טען יולי.

ניין, עס איז גוט! אַלעס איז גוט! — איך — איהר מאַן! אַך, גאָט, וואס האט מיך בעשאפען, ווען דו וואָלסט פאר מיר פאָרבע־רייטעט אזא גליק, וואָלט מיין גאנצעס לעבען געווען איין תפילה צו דיר. איך האב ניט קיין תרעומות, זיי מיר מוחל מיינע טרערען, זיי מיר מוחל מיינע אומזיסטיגע בעגעהרען! — זי מיין פרוי! ווען איך וואָלט געהאַלטען אין מיינע ארעמס דאס ליעבסטע בעשעפעניש אונ־טער דער זונן! — ווילהעלם, מיר געהט אַ שוידער איבער'ן גאַנצען קערפּער, ווען אַלבערט נעהמט ארום איהר שלאַנקע טאַליע.

און, דארף איך דאס זאגען? פאר וואס ניט, ווילהעלם? זי וואָלט מיט מיר גליקליכער געווען ווי מיט איהם! אַך, ער איז ניט דער מענש צו ערפיעלען די ווינשונגען פון אזא הארץ. אַ געוויסער מאַנגעל אָן געפיהלען, אַ מאַנגעל — נעהם עס ווי דו ווילסט; אַז זיין הארץ שלאָגט ניט סימפּאַטיש ביי — אַך! — ביי דער שטעלע פון אַ ליעבעס בוך, ווערענד מיינעס און לאָטטע'ס פעראייניגען זיך; אַזוי איז עס אויך ביי הונדערט אנדערע פעלע, ווען עס פּאַסירט, אַז

אונזערע געפיהלען ווייזען זיך ארויס איבער דער האנדלונג פון א דריטער פערזאָן. ליעבער ווילהעלם! עס איז אפילו אמת, אז ער ליעבט זי פון דער גאנצער נשמה, און וואס פערדיענט ניט אזא ליעבע?

אן אונערטרעגליכער מענש האט מיך אונטערבראָכען. מיינע טרערען האבען זיך אויסגעטרוקענט, איך בין ווידער צערשטרייעט. אדיע, ליעבער ווילהעלם!

דען 4טען אויגוסט.

ניט בלויז מיר אליין געהט עס אזוי. אלע מענשען ווערען גע־נאַרט אין זייערע האָפנונגען און בעטראָגען אין זייערע ערוואַרטונ־גען. איך האב בעזוכט די גוטע פרוי אונטער דעם לינדענבוים. דער עלטסטער איינגעל איז מיר ענטקעגען געלאָפען מיט א פריידענגע־שריי, וואס האט אויך זיין מוטער ארויסגעבראכט, וועלכע האט אויס־געזעהען זעהר ניעדערגעשלאָגען. איהרע ערשטע ווערטער זיינען געווען:

„גוטער הערר, אַך, מיין האנס איז מיר געשטאָרבען!"

ער איז געווען דער איינגסטער פון איהרע איינגלעך. איך בין גע־בליעבען שטיל.

„און מיין מאַן," האט זי ווייטער געזאגט, „איז צוריקגעקומען פון דער שווייץ און גאָר ניט מיטגעבראכט, און ווען ניט גוטע מענ־שען, וואָלט ער געמוזט אהיים קומען בעטלענדיג; אונטערוועגס האט ער געקריעגען דאס פיעבער."

איך האב איהר גאָר ניט געקענט זאגען, און עפּעס געשאָנקען דעם קליינעם איינגעל. זי האט מיך געבעטען צו נעהמען ביי איהר עטליכע עפּעל; דאס האב איך געטהון, און אזוי האב איך פערלאָזען דעם פּלאַץ פון טרויעריגעם אנדענקען.

דען 21טען אויגוסט.

אזוי גיך ווי מען ווענדעט אום די האנד, ווענדעט זיך ביי מיר

די לאגע. מאנכע מאל וויל ווידער אויפשיינען א פרעהליכער בליק פון לעבען. אך, נאר אויף איין אויגענבליק! — ווען איך פערליר מיך אזוי אין חלומות, קען איך מיך ניט בעפרייען פון דעם געדאנק: ווי וואלט עס געווען, ווען אלבערט זאל שטארבען? יא, זי וואלט — און דאן לויף איך נאך דיעזער פאנטאזיע, ביז עס פיהרט מיך צו אזעלכע תהומות, פאר וועלכע איך שרעק צוריק.

ווען איך געה ארויס צום טויער, אויפ'ן וועג וואס איך בין גע־פאהרען צום ערשטען מאל, צו נעהמען לאטטע'ן צום טאנץ, אך, ווי אנדערש דאס איז דאמאלס געווען! אלעס, אלעס איז פאראיבער! קיין וואונק פון דער דאמאליגער וועלט, קיין דופק פון די דאמאלס־דיגע געפיהלען. מיר איז עס ווי א גייסט, וואס האט צוריקגעקעהרט אין זיין אבגעברענטען און צושטערטען שלאס, וואס ער האט אויס־געבויעט אלס בליהענדער פירסט, אויסגעשטאטעט מיט אלע טהייערע מתנות, און שטארבענדיג האט ער דאס אלעס איבערגעלאזען זיין געליעבטען זוהן.

דען 3טען סעפטעמבער.

איך פערשטעה מאנכע מאל ניט ווי אזוי אן אנדערער קען זי ליעבען דארף זי ליעב האבען, נאך דעם ווי איך אליין ליעב זי אזוי אינניג, אזוי טיעף, אזוי אין גאנצען, נאך דעם ווי איך קען קיין אנדע־רע זאך, וויים קיין אנדערע זאך, אויסער זי אליין.

דען 4טען סעפטעמבער.

יא, אזוי איז עס; ווי די נאטור נייגט זיך נאר צום הערבסט, ווערט עס שוין ביי מיר און ארום מיר הערבסט. מיינע בלעטער ווע־רען געל און אזוי איז עס אויך מיט די בלעטער פון די בענאכבארטע בוימער. האב איך דיר ניט איינמאל געשריעבען פון א בויערן אינ־געל באלד ווי איך בין אהער געקומען? יעצט האב איך מיך ווידער ערקונדיגט וועגען איהם אין וואהלהיים. עס הייסט, אז מען האט איהם ארויסגעטריעבען פון דיענסט און קיינער האט פון איהם ניט געוואלט וויסען. נעכטען האב איך איהם געטראפען אויפ'ן וועג אין

אַנדערן דאָרף. איך האב צו איהם אָנגעהויבען צו רעדען, און ער האט מיר דערצעהלט זיין געשיכטע, וועלכע האט מיך גערירט דאָפּעלט און דרייפאַך, ווי דו ווערסט בעגרייפען, ווען איך וועל זי דיר ווידער דערצעהלען.

דאָך, צו וואס טויג דאס אַלעם? צו וואס בעטריעב איך נאָך דיך אויך? פאר וואס גיב איך דיר געלעגענהייט מיך צו בעדויערן און מיך צו בלאַמירען? זאָל עס זיין ווי עס איז, דאס געהערט שוין אויך הפנים צו מיין מזל.

מיט אַ שטילער טרויעריגקייט, אין וועלכער איך האב בעמערקט מורא, האט ער מיר ערשטענס געענטפערט אויף מיינע פראַגען, אבער באַלד איז ער געוואָרען פרייער, ווען ער האט געזעהען, אַז מיר פערשטהען זיך און ער איז מיר מודה געוועזן אויף זיינע פעהלער און זיך בעקלאָגט אויף זיין אונגליק. קען איך דיר דען איבערגעבען יעדעס פון זיינע ווערטער! ער האט אָבגעשילדערט העם גענום און דאס גליק פון זיין ווידער־עראינערונג, ווי אזוי די ליידענשאַפט צו זיין בעל־הבית׳טע האט מיט יעדען טאָג געוואַקסען, אַז ער האט צום סוף גאָר ניט געוואוסט וואס ער טהוט; ער האט ניט געקענט עסען, ניט טרינ־קען און ניט שלאָפען; דער האַלז האט זיך איהם צוזאַמענגעדריקט; ער האט געטהאָן, וואס ער האט ניט בעדאַרפט טהון: וואס מען האט איהם געהייסען, האט ער פערגעסען; ער איז ווי פערפאָלגט געוואָ־רען פון אַ בייזען גייסט; ביז, אין אַ טאָג, וויסענדיג, אַז זי איז אין קאַמער, איז ער איהר נאָכגעגאַנגען. אזוי ווי זי האט ניט געוואָלט הערען זיינע געבעטע, האט ער זי געוואָלט נעהמען מיט געוואַלט; ער ווייסט ניט ווי דאס איז געשעהען, און ער נעהמט גאָט אַלס עדות, אַז זיינע אַבזיכטען צו איהר זיינען תמיד געווען ריין, און ער האט קיין זאַך זיך מעהר געוואונשען ווי מיט איהר צו הייראַטהען, און זי זאָל מיט איהם פערברענגען דאס לעבען. צוויי אָדער דריי מאָל האט ער זיך אונטערבראָכען, ווידערהאָלט זיינע ענטשולדיגונגען, אַז ער זאגט עס ניט, כדי זי חלילה בעליידיגען, אַז ער איז ניט קיין פערדאָרבענער מענש, און דאָ, מיין פריינד, פאַנג איך ווידער אָן דאס אַלטע ליעד, וועלכעס איך וועל תמיד זינגען: ווען איך זאָל דיר נאָך קענען פאָר־שטעלען דעם מענשען, ווי ער איז פאר מיר געשטאַנען, ווי ער שטעהט נאָך! ווען איך וואָלט דיר געקענט אַלעם זאגען, אַז דו זאָלסט אַזוי

פיהלען און אנטהייל נעהמען אין זיין שיקזאל ווי איך! אבער גענוג, אזוי ווי דו קענסט אויך מיין שיקזאל, וועסטו בעגרייפען וואס מיך מיך ציהט צו אלע אונגליקליכע און איבערהויפט צו אזעלכע אונ־גליקליכע.

אזוי ווי איך לעז ווידער דורך דעם בריעף, זעה איך, אז איך האב פערגעסען צו דערצעהלען דעם סוף פון דער געשיכטע, נאר עס איז נאך איצטער אויך ניט צו שפעט.

זי האט זיך געוועהרט געגען איהם; איהר ברודער, וועלכער האט איהם שוין לאנג געהאסט, איז אויך אנגעקומען. ער, דער ברודער, האט איהם געוואלט ארויס׳פטר׳ן פון דער שטוב, מורא האבענדיג, אז ווען זיין שוועסטער וועט מיט איהם הייראטהען, וועלען זיינע קינדער פערלירען די ירושה, ווייל זי האט קיין קינדער ניט. דיעזער האט דעם בויערן־יונג גלייך ארויסגעווארפען פון הויז און געמאכט אזא ליארם פון דער געשיכטע, אז די פרוי, אפילו ווען זי זאל וועלען, וואלט איהם אויך ניט געקענט צוריקנעהמען. יעצט האט זי זיך ווידער גענומען אן אנדערן קנעכט. אויך איבער דעם, זאגט מען, האט זי זיך צוקריעגט מיט׳ן ברודער, און מען בעהויפטעט פאר געוויס, אז זי וועט מיט איהם הייראטהען, אבער ער איז פון דעסטוועגען פעסט ענטשלאסען דאס ניט צו דערלעבען.

וואס איך דערצעהל דיר דא, איז ניט איבערטריעבען, ניט פער־צערטעלט; יא, איך מעג עס זאגען, אז איך האב דאס דערצעהלט שוואך, זעהר שוואך, און איך האב עס פערגרעבערט, ווייל איך האב דאס איבערגעגעבען מיט אונזערע געמאכטע זיטליכע ווערטער.

דיעזע ליעבע, דיעזע טרייהייט, דיעזע ליידענשאפט, איז אלזא קיינע דיכטערישע ערפינדונג. זי לעבט, זי איז אין איהר גרעסטער ריינקייט אונטער יענער קלאסע מענשען, וואס מיר רופען אן אונגע־בילדעט, וואס מיר בעטראכטען פאר גראב. אט דאס טהוען מיר גע־בילדעטע, וואס האבען זיך צו גאר ניט אויסגעבילדעט! איך בעט דיך, לעז די געשיכטע מיט א הייליגעם געפיהל. היינט, בשעת איך שרייב דאס, בין איך שטיל; דו דערקענסט אין מיין האנדשריפט, אז איך קלעק ניט און מעק ניט ווי אימער. לעז עס, פריינד, און שטעל דיר פאר, אז דאס איז אויך די געשיכטע פון דיין פריינד.

יא, אזוי איז עס מיר געגאנגען, אזוי וועט עס מיר געהען, און

איך בין אפילו ניט האלב אזוי בראוו, אזוי ענטשלאָסען ווי דער ארעמער אונגליקליכער, מיט וועלכען איך געטרויע מיר ניט מיך צו פערגלייכען.

דען 5טען סעפּטעמבער.

זי האט געשריעבען א בריוועל צו איהר מאַן אויף'ן לאנד, וואוהין ער איז געפאָהרען וועגען מסחר. עס הייבט זיך אזוי אָן: „בעסטער, ליעבסטער, קום אהיים אזוי גיך ווי דו קענסט, איך ער־ווארט דיך מיט טויזענד פריידען.“—

א פריינד, וואס איז אריינגעקומען, האט געבראכט די נאכריכט, אז וועגען געוויסע אומשטענדען, וועט ער אזוי גיך ניט קענען צוריק קומען. דאס בריוועל איז געבליעבען ליעגען און אבענד איז דאס מיר אריינגעפאלען אין די הענד. איך האב עס געלעזען און גע־שמייכעלט; זי האט מיך געפרעגט פאר וואס איך שמייכעל.

„וואס פאר א געטליכע מתנה די איינבילדונג איז!“ האב איך אויסגערופען. „איך וואלט עס מיר געקענט אויף אַן אויגענבליק פאָרשטעלען, אז דאס איז צו מיר געשריעבען געוואָרען.“

זי האט מעהר ניט גערעדט; עס האט אויסגעזעהען איהר ניט צו געפעלען, וואס איך האב געזאגט, און איך האב אויך געשוויגען.

דען 6טען סעפּטעמבער.

עס איז מיר שווער אָנגעקומען אוועקצולעגען דעם בלויען פראק, אין וועלכען איך האב צום ערשטען מאָל געטאנצט מיט לאָטטע'ן. איך האב איהם אבער שוין טאקי גאָר ניט געקענט טראָגען. איך האב מיר געלאָזען מאכען איינעם, פּונקט ווי דער פריהעריגער, מיט דעמזעלבען קראגען, לאַטצען, ווי אויך א געלע וועסט און הויזען! עס האט אבער דאָך ניט אזא רושם ווי יענע. איך ווייס ניט — איך דענק, אז מיט דער צייט, וועט מיר דיעזער אויך זיין ליעב.

דען 12טען סעפּטעמבער.

זי איז אוועקגעפֿאָהרען אויף עטליכע טעג אהיים צו ברענגען אַלבערט'ן. היינט בין איך אריין אין איהר שטוב, זי איז מיר ענטקעגען געקומען, און איך האב געקושט איהר האנד מיט טויזענד פֿריידען.

א קאַנאַריען־פייגעלע, פֿון דעם שפּיעגעל, איז געפֿלויגען אויף איהר שולטער. „א נייער פֿריינד!" האט זי געזאגט, און זי האט איהם ארויפגענאַרט אויף איהר האנד. „איך האב פֿאר די קליינע געבראַכט. זעהט איהר, ווי ליעבליך ער איז! ווען איך גיב איהם ברויט, פֿלאַטערט ער מיט די פֿליעגעלעך און פּיקט אזוי שעהן. ער קושט מיך אויך. זעהט נאָר!"

אזוי ווי זי האט אויסגעשטרעקט צום פייגעלע איהר מויל, האט עס זיך, ליעבליך, צוגעדריקט צו איהרע זיסע ליפּען, פּונקט ווי עס וואָלט געפֿיהלט דאס גליק, וואס עס האט גענאָסען.

„ער זאָל אייך אויך קושען," האט זי געזאגט און אריבערגעלאַנגט דאס פייגעלע. דאס שנאָבעלע האט געוואַנדערט פֿון איהר מויל צו מיינעם, און די פּיקענדע בעריהרונג, איז געווען ווי א הויך, ווי אן אהנונג פֿון א ליעבעפֿולען גענוס.

„זיין קוש," האב איך בעמערקט, „איז ניט אָהן א בעגעהר; ער זוכט עפּעס עסען, און דערפֿאר, ווען ער געפֿינט גאָר ניט, קעהרט ער אָב זיין מויל אונבעפֿריעדיגט."

„ער עסט מיר טאַקי פֿון מויל," האט זי געזאגט, דאַביי האט זי איהם דערלאַנגט עטליכע קערענדלעך מיט איהרע ליפּען — יענע ליפּען, פֿון וועלכע עס האט ארויסגעלאַכט מיט פֿרייד די אונשולדיגע ליעבע.

איך האב אָבגעווענדעט מיין פּנים. ניין, זי האט עס ניט בעדאַרפֿט טהון! זי האט ניט בעדאַרפֿט רייצען מיין איינבילדונגס־קראַפֿט מיט דיעזע בילדער פֿון הימלישער אונשולד און גליק; זי האט אויך ניט בעדאַרפֿט אויפוועקען מיין האַרץ פֿון שלאָף, וואו עס איז מאַנכע מאָל פֿערוויעגט געוואָרען אין דער גלייכגילטיגקייט פֿון לעבען. — און וויעדער, פֿאר וואס ניט? — זי טרויעט מיר אזוי! זי וויים ווי פֿיעל איך ליעב זי!

דען 15טען סעפטעמבער.

עס איז צום פערריקט ווערען, ווילהעלם, ווען מען בערעכענט, אז עס זיינען דאָ מענשען, וואס האבען קיין שכל, קיין בעגריעף פון דעם ביסעל, וואס האט נאָר עפעס א ווערטה. דו קענסט דאָך די נוסבוימער, אונטער וועלכע איך פלעג זיטצען מיט לאָטטע׳ן ביים גייסטליכען פון סט. — יענע פרעכטיגע נוסבוימער, וועלכע האבען מיך אימער אָנגעפילט מיט דעם גרעסטען זעעלען־תענוג! ווי היימיש זיי פלעגען עס מאכען דעם הויף, ווי קיהל און אנגענעהם, און ווי פרעכ־טיג זייערע צווייגען האבען זיך אויסגעשפרייט! היינט די זכרונות אָן די עהרליכע גייסטליכע, וועלכע האבען זיי געפלאנצט מיט יאהרען צוריק! דער שול־לעהרער האט מיר אָפט אָנגערופען דעם נאמען פון איינעם, וואס ער האט געהערט פון זיין זיידען. אזא עהרליכער מאן איז נאָך גאָר אויף דער וועלט ניט געווען, און זיטצענדיג אונטער די בוימער, איז מיר זיין אנדענקען תמיד געווען טהייער. איך זאג דיר, אז דעם שול־לעהרער זיינען געשטאנען די טרערען אין די אויגען בשעת מיר האבען נעכטען גערעדט דאריבער ווי מען האט זיי אויסגעהאקט— אויסגעהאקט! עס איז צום משוגע ווערען, איך וואָלט ערמאָרדעט דעם הונד, וואס האט געגעבען דעם ערשטען האק.

איך, יא איך, וועלכער האט געקענט טרויערן זעהענדיג ווי אזא בוים שטארבט פון אלטקייט, דארף דאס אלעס צוזעהען! ליעבער פריינד! איינס איז געוויס, אָט וואס מענשען־געפיהל איז! דאס גאנצע דאָרף איז אונצופריעדען, און איך האָף, אז די פרוי גייסטליכע וועט עס דערפיהלען, ווען מען וועט איהר ברענגען וועניגער פוטער, אייער און אנדערע קלייניגקייטען, מיט וועלכע די בויערן וועלען אויס־דריקען זייער פעראכטונג צו איהר פאר דער וואונד, וואס זי האט פער־אורזאכט. זי איז עס, אָט דיעזע פרוי פון דעם נייעם גייסטליכען (ווייל דער אלטער איז אויך געשטאָרבען), זי, א מאָגערע, קרענק־ליכע בריאה, וואס האט אן אורזאכע ניט צו וועלען אנטהייל נעהמען אין דער וועלט, ווייל קיינער נעהמט קיין אנטהייל אין איהר. א נאר, וואס גיט זיך אָב מיט געלעהרזאמקייט, אינטערעסירט זיך מיט דער אונטערזוכונג, ווען די ביבעל איז צוזאמענגעשטעלט געוואָרען, האט צו טהון מיט דער נייע־מאָדישער, מאָראליש־קריטישער רעפאָרמאציאָן פון

קריסטענטהום, און ציהט די אקסלען איבער לאוואטער'ס התפעלות; זי האט א צובראכענע געזונדהייט, און דערפאר שפירט זי קיין שמחה אויף גאט'ס ערד. אט אזא חיה איז געווען אימשטאנד צו לאזען אויס־האקען מיינע נוסבוימער.

זעהסטו, איך קען גאר צו מיר ניט קומען. שטעל דיר פאר, די אבפאלענדע בלעטער האבען איהר געמאכט דעם הויף אונריין און דומפפיג, די בוימער האבען ביי איהר אוועקגענומען דאס טאגעסליכט, און ווען די ניס זיינען פארטיג געווארען, האבען די אינגלעך אויף זיי געווארפען מיט שטיינער, דאס אלעס האט געקלאפט אויף איהרע נערוועז, עס האט זי געשטערט אין איהרע טיעפע רעיונות ווען זי האט געהאלטען אין אבוועגען קעניקאט, זעמלער און מיכאעלים צו זעהען ווער עס האט מעהר ווערטה. ווען איך האב געזעהען די לייט אין דארף, איבערהויפט די אלטע, אזוי אונצופריעדען, האב איך געזאגט:

„פאר וואס האט איהר עס דערלאזט?"

„ווען דער הויפמייסטער וויל דא עפעס טהאן, ווער קען זיך שטע־לען ענטקעגען?" האבען זיי געענטפערט.

אבער איין זאך איז ריכטיג! דער הויפמייסטער און דער גייסט־ליכער, וועלכער האט געוואלט נושא חן זיין ביי זיין ווייב, האבען זיך געוואלט צוטהיילען מיט די צוהאקטע בוימער, האט די פערוואלטונגס־קאמער דערפון ערפאהרען און געזאגט: „גיט עס נאר אהער!" ווי זי האט געהאט נאך אלטע תביעות צום גייסטליכען'ס הויף, וואו די בוימער זיינען געשטאנען. אט אזוי זיינען זיי גאר פערקויפט געווא־רען צו דעם, וואס האט געגעבען מעהר.

זיי ליעגען נאך דארט, וואו מען האט זיי אבגעהאקט. אך, ווען איך זאל זיין פירסט, וואלט איך שוין געוואוסט וואס צו טהון מיט דער פרוי גייסטליכע, די הויפמייסטערס, און די פערוואלטונגס־קאמער — פירסט! — יא, ווען איך וואלט געווען פירסט, וואס וואלטען מיך געקימערט די בוימער פון מיין לאנד?

דען 10טען אקטאבער.

ווען איך זעה בלויז איהרע שווארצע אויגען, איז עס מיר שוין

נוט. און וואס מיך פערדריסט איבערהויפט איז, וואס אלבערט זעהט נאָר ניט אויס צו זײן אזוי גליקליך, ווי ער האט זיך פאָרגעשטעלט, ווי איך—האב געגלויבט, ווען—איך האב ניט ליעב צו מאכען קײן גע־דאנקען־שטריכען, אבער דאָ קען איך מיך פשוט ניט אויסדריקען — מיר שײנט, ניט קלאָר גענוג.

דען 12טען אָקטאָבער.

אָססיאן האט בײ מיר אין הארצען פערנומען דעם פלאַטץ פון האָמער. אין וואס פאר א הערליכער וועלט ער פיהרט מיך! צו וואסערן איבער דער מדבר, ארומגערינגעלט פון שטורם־ווינטען, פיה־רענדיג אין דאמפפענדע וואָלקענס פערוויקעלט די גײסטער פון אמאָ־ליגע דורות אין ליכט פון דער לבנה. צו הערען אין מורמלען און רוישען פון וואלד־שטורם, פון די בערג, די קרעכצען פון די גײסטער אין זײערע העהלען. און די וועה־קלאָגען פון די מײדלעך, וואס ווײ־נען ביז טויט, נעבען די מאָך־פערוואקסענע מצבות, וואו עס ליעגען זײערע עדעל־געפאלענע געליעבטע. ווען איך געפין דעם וואנדערענ־דען גרויען דיכטער, וועלכער זוכט די פיס־טריט פון זײנע אבות איבער דעם ווײטען מדבר, און אנשטאט דעם ענטדעקט ער זײערע מצבות, און דאן, אומעדיג, בליקט ער צום ליעבען אבענד־שטערען, וואס בעהאלט זיך אין שטירמישען ים, און די צײטען פון דער פער־גאנגענהײט ווערען לעבעדיג אין דעם העלד׳ס נשמה, ווען דער פרײנד־ליכער שטראהל האט נאָך בעלײכטעט די וועגען פון די מוטהיגע העלדען, און די לבנה האט בעשײנט זײערע זיעגענדע שיפען, בעהאנ־גען מיט זיעגעס־קרענצע. ווען איך לעז דעם טיעפען קומער אויף זײן שטערן, ווען איך זעה איהם, דעם עלענדען, פערמאַטערט זיך שלעפענדיג צום קבר; ווי ער זאגט נאָך אלץ זײן שמערץ־גליהענדע פרײדען אין דעם אָהנמעכטיגען יעצטיגען שאטען פון זײנע פערשטאָר־בענע, ווי ער קוקט אויף דער קאלטער ערד און די הויכע גראָזען און שרײט אויס: „וואו איז דער זיעגער, דער פרעכטיגער זוהן פון פינ־גאַל? זײן פוס־טריט מארשירט איבער מײן קבר און אומזיסט זוכט ער מיך אויף דער ערד.״ — אך, פרײנד! איך שפיר, אז איך וואָלט בעסער וועלען ארויסציהען מײן שווערט ווי אן עדעלער וואפען־טרע־

נער אום צו בעפרייען מיין פירסט פון דער גרויסער קוואל פון דעם לאנגזאם אבשטארבענדען לעבען, און דאן ערשט וואלט איך דעם בעפרייעטען האלב-גאט בעשאנקען מיט מיין אייגענער נשמה.

דען 19טען אקטאבער.

אך, דיעזעם לאך! דיעזעם שרעקליכעם לאך, וואס איך פיהל אין מיין הארצען! — איך דענק אפט, דאס ווען איך וואלט געקענט כאטש איין מאל, איין איינציגעם מאל זי צודריקען צו מיין הארצען, וואלט דיעזעם לאך זיך שוין אין גאנצען אויסגעפילט.

דען 26טען אקטאבער.

מיר ווערט אלץ דייטליכער און דייטליכער, אז עס איז גאר ניט אזוי די מעשה מיט דעם גאנצען לעבען פון א בריאה. א פארשוין איז געקומען בעזוכען לאטטע'ן און איך בין אריינגעגאנגען אין א צווייטען צימער נעהמען א בוך, אבער איך האב ניט געקענט לעזען; דאן האב איך גענומען א פעדער צום שרייבען. איך האב זיי געהערט רעדען שטילערהייט; זיי האבען זיך דערצעהלט אונבעדייטענדע זאכען, שטאדט נייעס; ווי אזוי איינע האט חתונה, ווי א צווייטע איז קראנק, שטארק קראנק; אז זי האט א טרוקענעם הוסט, ווי די ביינער שטעקען איהר ארויס פון פנים, ווי אזוי זי האט א טבע פון חלשות; „איך גיב פאר איהר לעבען קיין גרייצער ניט," האט איינע געזאגט. „ר. ר. איז אויך אזוי קראנק," האט לאטטע בעמערקט. „ער איז געשוואלען," האט געזאגט די אנדערע. — און מיין לעבהאפטע איינבילדונגס-קראפט האט מיך געפיהרט צום בעט פון דיעזע ארעמע; איך האב זיי געזעהען, מיט וואס פאר א וויעדערווילען זיי האבען געווענדט זייער רוקען צום לעבען, ווי אזוי — ווילהעלם! און מיינע ווייבעלעך האבען אזוי גערעדט ווי מען רעדט — ווען א פרעמדער שטארבט. — ווען איך קוק מיך ארום און בעטראכט מיר דאס צימער, איך זעה לאטטע'ס קליידער און אלבערט'ס פאפירען, דאס מעבעל,

מיט װעלכען איך בין אזוי בעפריינדעט, זאָגאר דעם טינטער, און איך דענק: זעה נאָר וואס דו ביסט אין דיעזען הויז, אַלעס אין אַלעמען. דײנע פריינד עהרען דיך, דו מאַכסט זיי אָפט פרייד, און דיר דאַכט זיך, אז זיי וואָלטען גאָר ניט געקענט לעבען אָהן דיר, און דאָך — ווען דו זאָלסט שיידען פון דיעזען קרייז? ווי לאַנג וואָלטען זיי געפיהלט דאס לאָך, וואס דיין אויספעהלען וואָלט פעראורזאַכט אַלס פערלוסט אין זייער שיקזאַל? ווי לאַנג? אָך, אָט אזוי פערגענגליך איז דער מענש, אַז אפילו דאָרט, וואו ער איז געוויס מיט זיין עקזיסטעניץ, דאָרט וואו ער מאַכט דעם איינציגען אמת׳ן איינדרוק מיט זיין געגענוואַרט אין דעם אנדענקען, אין די נשמות פון זיינע געליעבטע, אויך דאָרט ווערט ער פערלאָשען און מוז פערשווינדען גיך און באַלד.

דען 27טען אָקטאָבער.

אָפטמאָל וואָלט איך מיר צוריסען די ברוסט, איינגעבראָכען דעם מח, זיך טראַכטענדיג ווי וועניג איין מענש איז פאַר׳ן צוויטען. אָך, די ליעבע, פרייד, ווארעמקייט און פערגניגען, וואס איך אליין ברענג ניט, וועט מיר דער אנדערער ניט געבען, און מיט א הארץ פול מיט נחת קען איך ניט בעגליקען אַ צווייטען, וועלכער שטעהט באַר מיר קאַלט און קראַפטלאָז.

דען 27טען אָקטאָבער.

איך האב אזוי פיעל, דאָך די ליעבע צו איהר פערלאַנגט אַלעס; איך האב אזוי פיעל, אבער אָהן איהר ווערט פון אַלעמען גאָר ניט.

דען 30טען אָקטאָבער.

אודאי הונדערט מאָל האב איך שוין געהאַלטען דערביי איהר צו פאַלען אויפ׳ן האַלז! איין גאָט ווייס דעם אמת, וואס דאס בעדייט צוצוזעהען אזוי פיעל ליעבענסווירדיגקייט, און זיך ניט טאָרען

צוריהרען דערצו, עס ניט טאָרען נעהמען; און דאס נעהמען איז דאָך ביים מענשען דער נאַטירליכער אינסטינקט. נעהמען ניט די קינדער אַלעס, וואס זיי קומט אויפ'ן זינען? און איך?

דען 3טען נאָוועמבער.

גאָט ווייס וויפיעל מאָל איך לעג מיך אין בעט אריין מיט דעם וואונש, יא, אָפטמאָל מיט דער האָפנונג, וויעדער ניט צו ערוואַכען; אין דער פריה עפען איך די אויגען, זעה וויעדער די זונן און בין עלענד. אז איך זאָל זיין קאַפריזנע, קען זיין די שולד פון וועטער, פון עפּעס אנדערש, אָדער פון א ניט-געלונגענער אונטערנעהמונג; דאַן וואָלט עס מיך ניט אזוי געדריקט. וועה מיר אבער, ווען איך פיהל, אז איך אליין בין שולדיג, — זאָל זיין ניט שולדיג, עס איז אבער גענוג, אז אין מיר ליעגט דער קוואַל פון אַלע יסורים בעהאַלטען, פונקט ווי אמאָל דער קוואַל פון נחת. בין איך ניט נאָך דערזעלבער, וואס האט אמאָל ארומגעשוועבט מיט א גאַנצען ים פון געפיהלען? דערזעלבער, ווענען דער גן-עדן איז נאָכגעגאַנגען דאָ אויף דער ערד? וועלכער האט געהאַט א הארץ, וואס האט געקענט אריינגעהמען א גאַנצע וועלט מיט ליעבע? און דיעזעס הארץ איז שוין יעצט טויט, עס פליעסען דערפון מעהר קיינע ענטציקונגען, מיינע אויגען זיינען טרוקען, און מיינע חושים, וואס דערקוויקען זיך ניט מעהר פון ערקוויקענדע טרע־רען, ציהען צוזאַמען מיין שטערען, איך לייד פיעל, ווייל איך האב פערלאָרען, וואס עס איז געווען מיין לעבען'ס איינציגעס גליק — די הייליגע בעלעבענדע קראַפט, מיט וועלכער איך האב געשאַפען ארום מיר וועלטען; זי איז אוועק! — ווען איך קוק ארויס פון מיין פענסטער אויפ'ן באַרג, ווען די מאָרגען זונן ברעכט דורך דעם נעבעל איבער איהם, און בעלייכטעט די שטילע און רוהיגע לאָנקע, און דער שטילער טייכעל שלענגעלט זיך צווישען די נאַקעטע ווערבעס, — אָך, ווען דיעזע הערליכע נאַטור שטעהט פאר מיר אזוי פערשטאַרצט ווי א לאַקירטעס בילד און לאָזט ניט קיין טראָפּען נחת ארויפפומפּען פון הארצען צום מח, און אָט אזוי בלייב איך מיר שטעהען ווי א פערזיע־געלטער ברונען, ווי א פערטרוקענטער עמער. אָפטמאָל האב איך

מיך געוואָרפען צו דער ערד, געבעטען גאָט ער זאָל מיר געבען טרע־רען, פונקט ווי א לאַנד־ארבײטער בעט אום רעגען, ווען דער הימעל איבער איהם איז ווי קופער און די ערד איז דורשטיג.

אבער אך! איך פיהל עס, גאָט גיט ניט קײן רעגען און זונענ־שײן, ווען מיר פערלאַנגען עס ניט פון איהם העפליך, און יענע צײטען, וואס זײנען געווען אזוי געבענשט, פײניגען מיך יעצט מיט זײער אנ־דענקען. עס איז געווען דאמאלס, ווען איך האב מיט געדולד ערוואר־טעט זײן גײסט און דאס גליק, וואס ער האט איבער מיר אויסגעגאָ־סען, און דאס פלעג איך אויפנעהמען מיט׳ן גאַנצען טיעפען און דאַנק־באַרען הארצען.

דען 8טען נאָוועמבער.

זי האט מיר געמאַכט פאָרווירפע װעגען מײן איבער־מאָס! אך, מיט וויפיעל ליעבענסווירדיגקײט זי האט עס געטהון! מײן איבער־מאָס איז, וואס איך לאָז זיך פערפיהרען פון אײן גלעזעל ביז א גאַנ־צע פלאַש ווײן.

„טהוט עס ניט," האט זי געזאגט, „דענקט אָן לאָטטע׳ן."

„דענקען?" האב איך געזאגט, „דאַרפט איהר מיך דאס דער־מאָהנען? איך דענק, איך דענק ניט, איהר שטעהט תמיד פאר מײן נשמה. הײנט בין איך געזעסען אויף דעמזעלבען פּלאַטץ פון איהר זײט, לעצטענס, ארויסגעשפּרונגען פון דער דראָשקע."

זי האט אָנגעהויבען צו רעדען פון עפּעס אנדערש, אום מיך ניט צו לאָזען טיעפער ארײנגעהען אין געשפּרעך.

פרײנד! איך בין אויסער זיך, זי קען מיט מיר טהון וואס זי וויל.

דען 15טען נאָוועמבער.

איך דאַנק דיר, ווילהעלם, פאר דײן הערצליכען אנטהײל, פאר דײן גוט־געמײנטער עצה, און איך בעט דיך, דו זאָלסט זײן רוהיג. לאָז מיך נאָך לײדען; מיט מײן גאַנצער מיעדקײט האב איך נאָך גענוג כח איבערצושטעהען צרות.. איך אַכטע די רעליגיאָן, דו ווײסט;

איך פיהל, אז די רעליגיאָן איז פאר מאנכע פערמאַטערטע אַ שטעקען זיך אָנצושפּארען, און פאר מאנכע פערשמאַכטע, איז זי אַן ערקוויקונג. נאָר — קען זי דען, מוז זי דען זיין פאר יעדען דאסזעלבע? און דו בעטראַכטסט די גרויסע וועלט, ווען דו זעהסט די טויזענדער, פאר וועמען זי איז עס ניט געווען, די טויזענדער, פאר וועמען זי וועט עס ניט זיין, געפּרעדיגט אָדער ניט געפּרעדיגט, און מוז דען די רעליגיאָן דאס זיין פאר מיר? זאגט דען ניט גאָט'ס זוהן אליין, אז נאָר יענע וועלען זיך רעכנען פאר זיינע, וועלכע דער פאטער האט איהם געגעבען? ווען איך בין איהם אבער ניט געגעבען געוואָרען? ווען דער פאטער וויל מיך האלטען פאר זיך, ווי מיר זאגט עס מיין הארץ? — איך בעט דיך, לעג דאס ניט אויס פאלש; זעה ניט קיין שפּאָט אין דיעזע אונשולדיגע ווערטער. איך לעג דיר פאָר מיין גאנצע נשמה; ווען ניט, וואָלט פאר מיר בעסער געווען, ווען איך וואָלט געשוויעגען, ווייל עס איז מיר זעהר אונאנגענעהם צו פּלוידערן איבער זאכען, וואס אנדערע ווייסען אויך ווענינ.

איז עס ניט דעם מענשען'ס מזל, אליין אריבערצוטראָגען דאס פּעקעל צרות, אליין אויסצוטרינקען דעם אייגענעם בעכער, און אז דער בעכער איז דעם הימלישען גאָט צו ביטער אויף זיינע מענשליכע ליפּען, פאר וואס זאָל איך עס מאכען אַ מינע און דערצעהלען, אז דאס איז זיס? פאר וואס זאָל איך מיך עפּעס שעהמען מיט מיין שוואַכקייט אין דעם שרעקליכען אויגענבליק, ווען מיין גאנצעם וועזען ציטערט צווישען זיין און ניט־זיין? ווען די פערגאַנגענהייט גלאַנצט ווי אַ בליטץ איבער פינסטערן תהום פון דער צוקונפט, אלעס ארום מיר זינקט, און די וועלט געהט אונטער צוזאַמען מיט מיר? — איז עס ניט די שטימע פון דער געפּלאָגטער, אונגליקליכער בריאה, בשעת זיין נסיסה אויסצושרייען: אלהי, אלהי, למה שבקתני? גאָט, מיין גאָט, פאר וואס האסטו מיך פערלאָזען? זאָל איך מיך שעהמען אזוי אויסצודריקען, דאַרף עס מיר באנג טהון, ווען ער האט עס ניט געקענט פערמיידען, ער, וועלכער איז אַ נוטה שמים כיריעה?

דען 21טען נאָוועמבער.

זי זעהט ניט, זי פיהלט ניט, אז זי האט געגרייט אַ סם, וואס

וועט מיך און זי צו גרונדע ריכטען; און איך, מיט פולען פערגניעגען זשליאָקע איך אוים דעם בעכער, וואס זי דערלאַנגט מיר צו מיין פער־דארבען. וואס בעדייטעט דער גוטינקער בליק, מיט וועלכען זי קוקט אויף מיר אזוי אָפּט־אָפּט? — ניין, ניט אָפּט, אבער דאָך מאַנכע מאָל; די געפעליגקייט, מיט וועלכער זי נעהמט אויף א ניט־ווילענ־דיגען אויסדרוק פון מיינע געפיהלע, דאס רחמנות מיט מיינע ליידען, וואס שפּיעגעלט זיך אָב אויף איהר שטערען?

נעכטען, ווען איך בין אוועקגעגאַנגען, האט זי מיר געגעבען די האנד און געזאגט:

„אדיע, ליעבער ווערטהער!" ליעבער ווערטהער! אָך, יא, עס איז געוועזען צום ערשטען מאָל, וואס זי האט מיך אָנגערופען „ליעבער" און עס איז מיר געגאַנגען דורך מארך און ביינער. איך האב עס מיר הונדערט מאָל וויעדערהאָלט, און נעכטען, ביי נאַכט, ווען איך האב געוואָלט געהען שלאָפען און מיט מיר אליין געפּלוידערט, האב איך אויסגערופען: „גוטע נאכט, ליעבער ווערטהער!" איך האב גע־מוזט אליין לאכען דאריבער.

דען 22טען נאָוועמבער.

איך קען ניט בעטען! „לאָז זי זיין פאר מיר!" פון דעסטוועגען קומט עס מיר אָפּט פאָר, אז זי איז מיינע. איך קען ניט בעטען: „גיב זי מיר!" ווייל זי איז אַן אנדערען'ס. איך וויטצעל מיך ארום מיט מיינע צרות; ווען איך זאָל עס לאָזען געהען ווי עס געהט, וואָלט דערפון געוואָרען א גאַנצער סידור מיט וויעדערשפּראָכענע תפילות.

דען 24טען נאָוועמבער.

זי פיהלט וואס איך לייד. היינט איז מיר אריין איהר בליק טיעף דורך'ן הארצען. איך האב זי געטראָפען איינע אליין; איך האב גאָר ניט געזאגט, און זי האט מיך אָנגעקוקט. איך האב אין איהר מעהר ניט געזעהען די ליעבליכסטע שעהנהייט. ניט מעהר

דאס לייכטען פון דער שעהנער נשמה, דאס אלעס איז פערשוואונדען פון מיינע אויגען. א ווייט הערליכערער בליק האט אויף מיר גע־ווירקט, פול מיט דעם אויסדרוק פון אינערליכען אנטהייל, פון דעם זיסעסטען מיטליידען. פאר וואס האב איך מיך ניט געוואָרפען צו איהרע פיס? פאר וואס האב איך ניט בעדארפט ענטפערן מיט טויזענד קושען אויף איהר האלז? זי איז ענטלאָפען צום קלאוויר, און מיט א זיעסער ניעדריגער שטימע, האט זי געהושט הארמאָנישע טענער צו איהר שפיעלען.

קיינמאָל האב איך נאָך ניט געזעהען איהרע ליפען אזוי רייצענד; עס איז געווען גראָדע ווי זיי וואָלטען זיך געעפענט לעכצענדיג, אום איינצושלינגען די זיסע טענער, וואס זיינען ארויס געקוואָלען פון דעם אינסטרומענט, און נאָר דער היימליכער וויעדער־קול האט אָב־געקלונגען פון איהר ריינעם מויל.

ווען איך וואָלט איהר לכל־הפּחות געקענט איבערגעבען מיינע געפיהלען! אבער מעהר האב איך ניט געקענט וויעדערשטעהען: איך האב מיך צוגעבויגען צו איהר און געשוואָרען: אז איך וועל קיינמאָל ניט סמייען אָבצופּרעסען א קוש אויף די ליפען, אויף וועלכע עס שוועבען הימלישע גייסטער. — און דאָך — איך וויל — הא! זעהסטו, אָט דאס שטעהט ווי א מחיצה פאר מיין נשמה — אָט דיעזע זעליגקייט, דיעזעס גליק — און דאן אונטערצוגעהען און ליידען פאר דיעזע זינד — זינד?

דען 26טען נאָוועמבער.

מאנכע מאָל זאג איך מיר: „דו ביסט דער איינציגסטער שלים־מזל אין דער וועלט, אלע אנדערע זיינען גליקליך—אזוי ווי דו האט נאָך קיינער ניט געליטען.” דאן לעז איך א דיכטער פון אלטע צייטען, און מיר שיינט עס, פונקט ווי איך וואָלט אריינגעקוקט אין מיין אייגענעם הארץ. וויפיעל איך דארף עס אויסשטעהען! אָך, זיינען מענשען פאר מיר שוין אויך געווען אזוי אונגליקליך?

דען 30טען נאָוועמבער.

ווער איך שוין גאָר ניט קומען צו מיר? וואוהין איך געה, בעגעגען איך אַן ערשיינונג, וואס שוידערט מיך אויף. היינט! אַך, שיקזאל! אַך, מענשהייט!

מיטאג־צייט בין איך געגאנגען צום וואסער; איך האב ניט געהאט קיין אַפּעטיט צום עסען. אַלעס האט אויסגעזעהען קאַלאַמוטנע. פון בארג האט געבלאָזען א נאסער און קאַלטער אבענדווינט, די גרויע וואָלקענס האבען פערצויגען דעם טהאל. פון ווייטען האב איך געזעהען א מענשען אין א גרינעם, צוריסענעם ראָק, זוכענדיג צווישען די פעלזען, עס האט אויסגעזעהען אז ער זוכט קרייטעכצער. ווי איך בין צו איהם נעהנטער צוגעקומען און ער האט זיך אומגעקוקט אויף דעם גערויש, וואס איך האב געמאכט, האב איך געזעהען אַן אינטערעסאנטע פיזיאָגנאָמיע, אין וועלכען א שטילער טרויער האט געמאכט א הויפּט מיענע, און וואס האט אויך ניט אויסגעדריקט מעהר ווי א גלייכען און גוטען פערשטאנד. זיינע שווארצע האאר זיינען געווען מיט שפּילקעס צוטהיילט אין צוויי קנוילען, די איבריגע זיינען געווען אויסגעפלאָכטען אין א שטארקען צאָפּ און ארונטערגעהאנגען אויף׳ן רוקען.

אזוי ווי זיינע בגדים האבען מיר אָנגעצייגט א מענשען פון פּראָסטען שטאנד, האב איך געגלויבט, אז ער וועט קיין פאראיבעל ניט האבען, ווען איך וועל ווערען אויפמערקזאם אויף זיין בעשעפטיגונג, און דערפאר האב איך איהם געפרעגט וואס ער זוכט.

„איך זוך,״ האט ער געענטפערט מיט א טיעפען זיפץ, „בלומען — אבער איך געפין זיי ניט.״

„דאס איז אויך ניט די צייט,״ האב איך געזאגט, לאכענדיג.

„עס זיינען דאָ אזוי פיעלע בלומען,״ האט ער ווייטער געזאגט, בשעת ער איז צו מיר ארונטערגעקומען. „אין מיין גאָרטען וואקסען רויזען און האָניג־בלומען פון צווייערליי סאָרטען; איין סאָרט האט מיר מיין פאטער געגעבען, און זיי וואקסען ווי קראָפּעווע; איך זוך זיי שוין צוויי טעג און קען זיי ניט געפינען. די האוסען זיינען אויך בלומען; געלע, בלויע, רויטע, און דאס טויזענד־מילדען־קרויט האט אויך א בלימעל. איך קען זיי אבער ניט געפינען.״ —

מיר האט זיך אויסגעדאכט, אז ער איז עפּעס ניט מיט אלעמען. איך האב איהם דערפאר א פרעג געטהון, צו וואס ער זוכט דוקא אזוי שטארק די בלומען.

א וואונדערבארער שמערצליכער שמייכעל האט פערצויגען זיין פּנים.

„אויב איהר וועט מיך נאר ניט פערראטהען," האט ער געזאגט צולעגענדיג דעם פינגער צו זיין מויל, „איך האב פערשפּראָכען פאר א געליעבטע א בוקעט בלומען."

„דאס איז זעהר שעהן פון איך," האב איך בעמערקט.

„אך!" האט ער ווייטער געזאגט, „זי האט פיעל אנדערע זאכען, זי איז רייך."

„און דאָך ליעבט זי אייער בוקעט?" האב איך געזאגט.

„אך!" האט ער ווייטער געזאגט, „זי האט יואווועלען און א קרוין."

„ווי הייסט זי דען?"

„ווען די גענעראל־שטאאטען זאָלען מיר וועלען בעצאָהלען, וואָלט איך געוועזען אַן אנדער מענש. יא, איינמאָל איז געוועזען א צייט, ווען מיר איז געוועזען גוט. יעצט איז עס אויס מיט מיר. איך בין יעצט" — א נאסער בליק צום הימעל האט אלעס אויסגעדריקט.

„איהר זייט אלזאָ געוועזען גליקליך?" האב איך געפרעגט.

„הלואי וואָלט איך ווידער אזוי געוועזען," האט ער געענטפערט. „עס איז מיר געוועזען אזוי גוט, אזוי לוסטיג, אזוי גרינג, ווי א פיש אין וואסער."

„היינריך!" האט פּלוצלינג אויסגערופען אַן אלטע פרוי, וועלכע איז ארויפגעקומען מיט'ן וועג. „וואו ביסטו ערגעץ? מיר האבען דיך געזוכט איבעראל, קום צום עסען."

„איז דאס אייער זוהן?" האב איך געפרעגט, צוגעהענדיג צו איהר.

„יא, ער איז מיין אָרעמער זוהן," האט זי געזאגט. „גאָט האט מיך ביטער געשטראָפט."

„ווי לאַנג איז ער שוין אזוי?" האב איך געפרעגט.

„אזוי שטיל," האט זי געזאגט, „איז ער בלויז א האלבעס יאהר. גאָט זיי דאנק, וואָס עס איז שוין אזוי ווייט; פריהער איז ער געוועזען

א גאנצעס יאהר ווילד, ער איז געלעגען אין משוגעים־הויז געשלאָסען אין קייטען. יעצט טשעפּעט ער קיינעם ניט; ער האט אבער תמיד צו טהון מיט קעניגע און קיסרים. ער איז געווען א גוטער און שטילער מענש, געהאָלפען מיך ערנעהרען, זיין האנד האט שעהן געשריעבען, אויף איינמאָל איז ער געוואָרען מרה־שחורה׳דיג, אריינגעפאלען אין א היטציגעס פיעבער, דערפון איז ער איבערגעגאנגען אין א ווילד־קייט, און איצט איז ער אָט ווי איהר זעהט איהם. ווען איך זאָל איהם דערצעהלען״ —

איך האב זי אונטערבראָכען מיט דער פראגע: „וואס איז דאס געווען פאר א צייט, וואס ער ריהמט, אז ער איז געווען אזוי גליק־ליך?״

„דער נאררישער מענש!״ האט זי אויסגערופען מיט א מיט־ליידיגען שמייכעל. „דאס מיינט ער די צייט, ווען ער איז ניט געווען אין דער היים, דאס ריהמט ער תמיד; עס איז די צייט, ווען ער איז געווען אין דול־הויז, וואו ער האט גאָר ניט געוואוסט פון זיך.״

דאס האט מיך געטראָפען ווי א דונער; איך האב איהר אריינ־געלעגט א גאָלד־שטיקעל אין דער האנד און בין שנעל אוועק פון איהר.

„דאמאלס ביסטו געווען גליקליך!״ האב איך אויסגערופען שנעל געהענדיג אין שטאדט אריין, „דאמאלס איז דיר עס געווען אזוי גוט ווי א פיש אין וואסער!״ — גאָט אין הימעל, האסטו דאס בעשטימט פאר׳ן מענשען׳ס שיקזאל, אז ער זאָל ניט גליקליך זיין, סיידען ער האט קיין שכל ניט, אָדער נאָכדעם ווי ער פערלירט איהם? עלענדער! און דאָך בין איך מקנא דיין מטושטש׳ן שכל, די צומישונג פון דיינע חושים, אין וועלכע דו שמאכטעסט! דו געהסט פול מיט האָפנונג צו פליקען בלומען פאר דיין קעניגין — אום ווינטער — און טראכסט, ווען דו געפינסט זיי ניט, און בעגרייפסט אפילו ניט פאר וואס דו קענסט זיי ניט געפינען. און איך? — איך געה ארום אָהן האָפ־נונג, אָהן א צוועק, און קעהר צוריק אהיים ווי איך בין געקומען. דו שטעלסט דיר פאָר, אז דו וואָלסט געווען א געוואלטיגער מענש, ווען די גענעראל־שטאאטען זאָלען דיר בעצאָהלען. געבענשטע בריאה! קענסט, לכל־הפחות, צושרייבען דעם מאנגעל פון דיין גליק צו ערדי־שע שטערונגען. דו פיהלסט ניט! דו פיהלסט ניט, אז אין דיין צו־

שטערטען הארצען, אין דיין צורודערטען מח ליעגט דיין אונגליק, פון וועלכען אלע קעניגען פון דער ערד קענען דיר ניט העלפען.

אומקומען אהן טרייסט מעג יענער, וואס שפאטעט פון א קראנקען, וואס פאהרט נאך ווייטע קוואלען, וועלכע פערמעהרען זיין קראנקהייט און מאכען שמערצלאזער זיין אויסלעבען! אומקומען אהן טרייסט מעג יענער, וועלכער לאכט פון דעם וואס זיין הארץ איז געדריקט און אום פטור צו ווערען פון זיין חרטה און פון די ליידען פון זיין נשמה, איז ער עולה־רגל צום הייליגען קבר! יעדען פוס־טריט, וואס זיינע פאדעשוועס מאכען אויף דעם אונבעטראטענעם וועג, איז א לינדערונגס־טראפען פאר דער צו־וועהטאגטער נשמה, און מיט יעדער טאג רייזע פיהלט זיך דאס הארץ לייכטער. — מעגט איהר דאס אנרופען נארריש, איהר ווארט־קרעמער, ליעגענדיג אויף אייער קישען? — נארריש? — אך, גאט! דו זעהסט מיינע טרערען! האסטו עס בעדארפט, דו, וואס האט דעם מענשען געגוג ארעם בעשאפען, האסטו נאך בעדארפט איהם צו געבען ברידער, וועלכע רויבען פון איהם אוועק דאס ביסעל פערטרויען אויף דיר, דו אלל־ליעבענדער? דאס צוטרויען צום היילענדען ווארצעל, צו די טרערען פון וויינשטאק, איז עס דען ניט פערטרויען אן דיר, אז דו האסט אריינגעבראכט סמי־חיים און תרופות אין אלעמען, וואס מיר בעדארפען האבען יעדע שטונדע! פאטער! וועמען איך קען ניט! פאטער! וועלכער האט אמאל אויסגעפיללט מיין גאנצע נשמה און יעצט אבגעוועגדעט זיין אנגעזיכט פון מיר! שווייג ניט מעהר! דיין שווייגען וועט ניט מעהר אויפהאלטען דיזע דארשטיגע נשמה! — וואלט א מענש, וואלט א פאטער געצארנט, ווען זיין צוריק־קומענדער זוהן וואלט איהם געפאלען אויפ׳ן האלז און אויסגעשריען: „איך בין ווידער דא, פאטער! זיי ניט בייז, וואס איך אונטערברעך מיין רייזע, וועלכע איך האב בעדארפט, לויט דיין ווילען, לענגער אויסהאלטען!"

„עס איז איבעראל איין וועלט, פאר מיה, ארבייט, לוין און פרייד, אבער וואס טויג עס מיר? מיר איז גוט, וואו דו ביסט און געבען דיר וויל איך ליידען און געניעסען. וועסטו, הימלישער פאטער, ניט צולאזען דיין קינד צו דיר?"

דען 1טען דעצעמבער.

ווילהעלם! דער מענש, איבער וועלכען איך האב דיר געשריע־בען, איז דער גליקליכער אונגליקליכער, איז געוועזען א שרייבער ביי לאָטטע׳ס פאטער, און א ליידענשאפט צו איהר, וואס ער האט פריהער בעהאלטען אין דערנאָך ארויסגעוויעזען, האט געפיהרט דערצו, וואס מען האט איהם פון דאָרט אָוועקגעשיקט, דאן איז ער משוגע געוואָ־רען. קענסט דיר פאָרשטעלען, פון דיעזע טרוקענע ווערטער, וואס פאר א ווירקונג דאס האט אויף מיר געמאכט, ווען אַלבערט האט זי מיר דערצעהלט אזוי קאַלטבלוטיג, פיעללייכט ווי דו לעזט עס.

דען 4טען דעצעמבער.

איך בעט דיך, — דו זעהסט, מיט מיר איז עס אויס. ווייטער קען איך עס ניט דערטראָגען! היינט בין איך געזעסען ביי איהר — געזעסען, בשעת זי האט געשפיעלט אויפ׳ן קלאוויר, פערשיעדענע מעלאָדיען, און מיט וואס פאר אן אויסדרוק! אַלעס, אַלעס, וואס נאָך ווילסטו? — איהר שוועסטערל האט אויסגעפוצט איהר ליאַלקע אויף מיינע קניען, מיר זיינען געקומען די טרערען אין די אויגען. איך האב מיך צוגעבויגען און דערזעהען איהר קדושין־רינג — מיינע טרערען האבען געפלאָסען — און אויף איינמאָל האט זי אָנ־געהויבען צו שפיעלען די אַלטע הימעל־זיסע מעלאָדיע, אָט אזוי אויף איינמאָל, און דורך מיין נשמה איז דורכגעגאנגען דאס טרייסט־גע־פיהל און די עראינערונג פון די פערגאנגענע צייטען, ווען איך פלעג הערען דאס ליעד אין די פינסטערע צווישען־צייטען, פון פערדרוס, פון פערפעהלטע האָפנונג, און דאן — איך האב אָנגעהויבען צו געהן איבער דער שטוב הין און צוריק, מיין הארץ איז מיר שיער דערשטיקט געוואָרען פאר וועהטאָג.

„אום גאָטעס ווילען!" האב איך אויסגעשריען צו איהר, „אום גאָטעס ווילען, הערט אויף!"

זי איז געבליעבען שטיל און מיך אָנגעקוקט פערוואונדערט.

„ווערטהער," האט זי געזאגט מיט א שמייכעל, וואס איז מיר

געגאנגגען דורך דער נשמה, „ווערטהער, איהר זייט זעהר קראנק, אייערע בעסטע מאכלים שמעקען אייך שוין ניט. געהט שוין געהט! איך בעט אייך, בערוהיגט זיך!"

איך האב מיך פון איהר אוועקגעריסען, און — גאָט! דו זעהסט מיינע יסורים און וועסט מאכען א סוף פון זיי.

דען 6טען דעצעמבער.

ווי מיך פערפאָלגט דאס איהר געשטאלט! וואכענדיג און טרוי־מענדיג פיללט זי אוים מיין גאנצע נשמה. אָט דאָ, ווען איך מאך צו די אויגען, אָט דאָ אין מיין שטערען, וואו דער אינוועניגסטער חוש־הראיה פעראייניגט זיך, שטעהען איהרע שווארצע אויגען. דאָ! אבער איך קען עס דיר ניט אויסדריקען. מאך איך צו מיינע אויגען, זיינען זיי דאָ! ווי א ים, ווי א תהום ליעגען זיי פאר מיר, אין מיר, און פיללען אוים די חושים פון מיין שטערען.

וואס, מישטיינס געזאגט, איז גאָר דער מענש, דער שטארק־געלויבטער האלב־גאָט? פעהלען איהם ניט אוים די כוחות פונקט דאָרט וואו ער בעדאַרף זיי? און ווען ער פיהלט שוין זיין נחת, אָדער ער פערזינקט אין יסורים, ווערט ער ניט פון ביידע צוריק גע־האלטען און צוריק געבראכט צום קאלטען בעוואוסטזיין, וואו ער בענקט נאָך דעם גליק זיך צו פערלירען אין דער אונענדליכקייט?

דער ארויסגעבער צום לעזער.

איך וואָלט עס זעהר וועלען, ווען עס זאָלען געווען פערבלייבען פון די לעצטע מערקווירדיגע טעג פון אונזער פריינד גענוג צייגניסע, אז איך זאָל ניט דאַרפען אונטערברעכען די ערצעהלונג דורך דעם גאַנג פון זיינע בריעף.

איך האב אַלעם אָנגעווענדט צו זאַמלען נאַכריכטען פון דעם מויל פון יענע, וואס קענען זיין געשיכטע; זי איז איינפאַך, און אַלע ערצעהלונגען איבער דעם שטימען בלויז אויף איניגע קלייניג־קייטען; נאָר איבער די כאַראַקטערע פון די האַנדלענדע פערזאָנען זיינען די מיינונגען פערשיעדען און די אורטהיילען געטהיילט.

אונז בלייבט בלויז איבריג איבערצוגעבען, וואס מיר האבען ערפאַהרען דורך פיעל מיה, און נאָך איבערגעבען די בריעף פון דעם פערשטאָרבענעם, צוזאַמען מיט אַלע צעטלעך. מאַנכע מאָל איז עס שווער צו ערפאַהרען די אורזאַכען, וואס האבען געפיהרט צו געוויסע האַנדלונגען פון אַ מענשען פון ניט קיין געוועהנליכען סאָרט.

אונמוטה און אונלוסט האבען זיך תמיד טיעף איינגעוואָרצעלט אין ווערטהער׳ס נשמה. די האַרמאָניע פון זיין גייסט איז צושטערט געוואָרען, אַן אינווענינגסטע היטץ און צאָרן, וואס האבען דורכגע־נומען זיין גאַנצע נאַטור, האבען געבראַכט די ערנסטע ווירקונגען און צום סוף איבערגעלאָזט בלויז מאַטקייט, פון וועלכער ער האט געזוכט זיך צו בעפרייען און געקעמפפט געגען דעם מיט מעהר אַנגסט און פערצווייפלונג ווי געגען אַנדערע צרות.

זיין האַרץ־וועהטאָג האט פערצעהרט זיינע איבריגע כוחות פון דער נשמה און דערמיט איז פערשוואונדען זיין לעבעדיגקייט און זיין שאַרפזין; ער איז געוואָרען אַ טרויעריגער חבר, און וואס אונ־גליקליכער ער איז געוואָרען, אַלץ מעהר אונגערעכט איז ער געבליע־בען צו זיך און אויך צו אַנדערע. אזוי זאגען, לכל־הפחות, אַלבערט׳ס פריינד. זיי זאגען, אַז ווערטהער האט ניט געקענט ריכטיג בעאור־

טהיילען דעם ריינעם און רוהיגען מאן, וועלכער האט דערגרייכט זיין געווינשטעם גליק און דאס געוואָלט בעשיטצען און פערזיכערן פאר דער געוואָלט פון דער צוקונפט. ער (ווערטהער), האט אין דערזעל־בער צייט אויף פערשוועגדעט זיין פערמעגען און האט סוף־כל־סוף געמוזט ליידען און דארבען. זיי בעהויפטען אבער, אז אַלבערט האט זיך ניט געקענט אזוי פערענדערן אין אזא קורצער צייט. ער איז אימער געבליעבען דערזעלבער, וואס ווערטהער האט געקענט לכתחילה און איהם געשעטצט און אָבגעגעבען כבוד.

ער (אַלבערט), האט ליעב געהאַט לאָטטע׳ן מעהר ווי אַלעס אין דער וועלט. אויף איהר איז ער געווען שטאָלץ און זיך געוואונשען זי צו זעהען פון יעדען איינעם געשעטצט און געאַכטעט און אנער־קענט ווערען אַלע די הערדליכסטע בריאה. קען מען אויף איהם פאר־איבעל האבען דערפאר, ווען ער האט געזוכט אָבצואוווענדען יעדען שיין פון חשד? ווען ער האט קיין חשק ניט געהאַט מיט אירגענד איינעם, אפילו אונשולדיג, צו טהיילען דיעזען טהייערען אוצר? זיי זיינען מודה, אז אַלבערט האט אָפט פערלאָזט זיין פרוי׳ס צימער, ווען ווערטהער האט זיך מיט איהר געפונען, אבער דאס איז ניט געווען אויס האס אָדער וויל ער האט איהם געוואָלט אויסמיידען, נאָר וויל ער האט געשפירט, אז ווערטהער איז שטארק געדריקט פון זיין גע־גענווארט.

לאָטטע׳ס טאַטע איז קראַנק געוואָרען און ניט געקענט פערלאָזען דאס הויז. ער האט געשיקט לאָטטע׳ן זיין דראָשקע און זי איז צו איהם ארויסגעפאהרען. עס איז געווען אַ הערדליכער ווינטער טאָג. דער ערשטער שנעע איז נאָר וואס אויסגעפאַלען און איינגעוויקעלט די גאַנצע געגענד. אויפ׳ן צווייטען פריהמאָרגען איז ווערטהער אהין אוועקגעפאהרען, כדי, ווען אַלבערט וועט ניט קומען נאָך לאָטטע׳ן, זאָל ער זי אָבפיהרען אהיים. דאס שעהנע וועטער האט ניט פיעל געווירקט אויף זיין בעטריעבטעם געמיטה. זיין נשמה איז געווען ווי צוזאמענגעדריקט. טרויעריגע בילדער זיינען פאר איהם געשטאַ־נען און זיין געמיטה איז געשפרונגען פון איין שמערצליכען געדאַנק צום צווייטען. זייענדיג מיט זיך אַליין אימער אונצופריעדען, האט זיך איהם אויסגעדאַכט, אז די לאַגע פון אַנדערע איז אימער ערגער ווי אין דער ווירקליכקייט. ער האט געגלויבט, אז ער האט געשטערט

דאס לעבען צווישען אַלבערט'ן און לאָטטע'ן. דערפאר האט ער זיך אליין געמאַכט פאָרווירפע און דערביי איז ביי איהם געלעגען אַ בע־האַלטענער אונווילען געגען אַלבערט'ן.

אַט אזוי געהענדיג האט ער געטראַכט וועגען אַלבערט'ן און מיט אַ צייהן־קריציגער מינע האט ער געזאגט: „היים! דאס אַ פערטרויע־טעס, פריינדליכעס, צערטליכעס און אַן אַלעס טהיילנעהמענדעס לע־בען? איז דאס די רוהיגע, די עהרענהאפטע טרייהייט? ניין, דאס איז בלויז זאַטקייט און גלייכגילטיגקייט! ציהט איהם ניט צו יעדעס קלענסטע געשעפט מעהר ווי זיין געטרייע און טהייערע פרוי? ווייס ער דען ווי צו שעטצען זיין גליק? ווייס ער דען ווי זי צו אַכטען לויט איהר פערדיענסט? ער האט זי, גוט; ער האט זי — דאס ווייס איך פונקט ווי איך ווייס נאָך עפּעס. מיר דאכט, אז איך בין שוין געוואָהנט געוואָרען צו דיעזער מחשבה. דיעזע מחשבה וועט מיך נאָך משוגע מאַכען, מיך טויטען! — האט זיין פריינדשאַפט צו מיר אָנ־געהאַלטען? בעטראַכט ער ניט מיין נייגונג צו לאָטטע'ן אַלס אַן אַנגריף אויף זיינע רעכטע? זעה איך ניט אַ שטילען פאָרוואורף אין מיין אויפמערקזאַמקייט צו איהר? איך ווייס עס און פיהל עס. ער זעהט מיך גאָר ניט גערן און וואָלט וועלען איך זאָל ערגיץ וואו פער־שוואונדען ווערען, מיין געגענווארט איז איהם אַבשייליך."

ניט נאָר איינמאָל האט ער אָבגעהאַלטען זיינע שנעלע טריט. ער האט זיך אָבגעשטעלט און עס האט אויסגעזעהען, אז ער האט ברעה זיך אומצוקעהרען, ער איז אבער ווייטער געגאַנגען זיין וועג, און אין דיעזע מחשבות, רעדענדיג צו זיך אליין, איז ער געגען זיין ווילען צוגעקומען צום יאגד־הויז.

אַט אזוי האט ווערטהער ענדליך געעפענט די טהיר, און אַ פרעג געטהאָן אויף דעם אַלטען און אויף לאָטטע'ן. דאס גאַנצע הויז איז געווען אין אויפרעגונג. דער עלטערער אינגעל האט איהם דערצעהלט, אז אין וואַהלהיים האט פּאַסירט אַ גרויסער אונגליק, אַ בויער איז דאָרט דער'הרג'עט געוואָרען. דאס האט אויף איהם ניט געווירקט. ער איז אריין אין הויז און געטראָפען לאָטטע'ן שטארק בעשעפטיגט. דער אַלטער, כאָטש זעהר קראַנק, האט ער געוואָלט געהען צום מאָרד־פּלאַטץ; זי, לאָטטע, האט איהם געהאַלטען אין איבעררעדען, ער זאָל עס ניט טהון. דערווייל האט מען נאָך ניט געוואוסט, ווער דער

מערדער איז. דעם ערמאָרדעטען האט מען געפונען גאנץ פריה, ליעגענדיג נעבען זיין טהיר. עס איז געווען א פערדאכט: אזוי ווי דער טויטער האט פריהער געדיענט ביי אן אלמנה, רעכענט מען, אז דאס האט געטהאָן איהר פריהעריגער דיענער, וועלכער איז אוועק פון דער אלמנה זעהר אונצופריעדען.

ווי ווערטהער האט דאס דערהערט, איז ער אויפגעשפרונגען און אויסגעשריען:

„איז דאס מעגליך? איך מוז אוועק אהין, איך קען דאָ ניט בלייבען!"

אָט אזוי איז ער שנעל אוועק קיין וואהלהיים. יעדע ערא̈ינערונג איז ערשיענען לעבהאפט פאר זיינע אויגען און עס איז ביי איהם ניט געווען קיין ספק, אז יענער מאַן, מיט וועלכען ער האט פיעלע מאָל גערעדט, האט בעגאַנגען דיעזען מאָרד.

געהענדיג דורך די לינדענבוימער, אום צוצוקומען אין שיינק, וואוהין מען האט געבראכט דעם טויטען, האט ער אויפגעשוידערט. דיעזער פּלאַטץ, וואס איז פאר איהם אימער געווען אזוי אַנגענעהם, האט איהם אריינגעוואָרפען אין א שרעק. יענע שוועל, אויף וועלכער די קינדער האבען זיך געשפּיעלט, איז פערגאָסען געוואָרען מיט בלוט. ליעבע און טרייהייט, דעם מענשען'ס שעהנסטע געפיהלען, האבען זיך פערוואנדעלט אין געוואלט און מאָרד. די מעכטיגע בוימער זיינען געשטאַנען אָהן בלעטער און אָהן שאטען. די קליינע בוימעלעך, וואס האבען בעדעקט דעם ניעדריגען בית־עלמין פּארקען, זיינען געווען דאר און פערטרוקענט, און די מצבות, האלב בעדעקט מיט שנעע, האבען ארויסגעקוקט ווי פון לעבער.

צוקומענדיג צו דער קרעטשמע, וואו דאס גאַנצע דאָרף מענשען איז געווען פערזאַמעלט, האט זיך פּלוצלינג דערהערט א געשריי. פון וויטענס זיינען אַנגעקומען בעוואַפענטע מענער און מען האט געהערט, אז מען האט געכאַפּט דעם מערדער.

ווערטהער האט א קוק געטהאָן און מעהר ניט געצווייפעלט. דאס איז געווען דער בויער, וואס האט אזוי שטארק געליעבט די אלמנה!

„אונגליקליכער! וואס האָסטו געטהאָן?" האט ווערטהער אויסגעשריען, צולויפענדיג צום געפאַנגענעם. יענער האט איהם רוהיג

בעטראכט און געשוויעגען. דאן האט ער געענטפערט:

„קיינער זאל זי ניט האבען און זי זאל קיינעם ניט האבען!"

אזוי האט מען דעם געפאנגענעם ארייגעפיהרט אין קרעטשמע, און ווערטהער איז אוועק.

פון דער גרויסער בהלה, איז אלעם אין ווערטהער׳ן אויפגעקאכט געוואָרען. אויף איין אויגענבליק איז ער אוועקגעריסען געוואָרען פון זיין טרויער און געבראכענעם מוטה. עס האט איהם אָנגענומען א חשק צו ראטעווען דעם געפאנגענעם. ער האט געפיהלט זיין אונגליק און דערפאר האט ער איהם בעטראכט אלס אונשולדיג. איהם האט זיך געדאכט, אז ער וועט עס אויך קענען אנדערע איבערצייגען. איהם איז שוין זאגאר געלעגען די פערטהיידיגונגס רעדע אויף די ליפען. געהענדיג צוריק צום יאגד־הויז, האט ער זיך ניט געקענט איינהאלטען צו ווידערהאלען, וואס ער וואלט געזאגט פאר׳ן ריכטער.

אזוי ווי ער איז אריינגעקומען אין שטוב, האט ער דאָרט שוין געטראָפען אלבערט׳ן, און דאס האט איהם אויף א ווייל צורודערט; פון דעסטוועגען האט ער זיך ווידער געפאסט און פאָרגעטראָגען דעם אמטמאן (ריכטער) זיינע מיינונגען. דער אמטמאן האט עטליכע מאל געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, און כאָטש ווערטהער האט אלעם פאָרגעבראכט מיט דער גרעסטער לעבהאפטיגקייט, ליידענשאפט און וואהרהייט און געזאָגט, וואס נאָר איין מענש קען זאגען פאר דער ענטשולדיגונג פון א צווייטען, איז דער אמטמאן דערפון דאך ניט גערירט געוואָרען. ער האט איהם אפילו ניט געלאָזט אויסרעדען, ער האט איהם שטארק ווידערשפּראָכען, און געטאדעלט דערפאר, וואס ער נעהמט אין שוטץ א מערדער בצדיה! ער האט אויפגעוויעזען, אז אויף אזא אופן מוז בטל ווערען יעדעם געזעטץ און די גאנצע זיכערהייט פון דעם לאנד דארף צו גרונד געהען. איבעריגענס, האט ער מוסיף געווען, קען ער גאָר ניט אין אזעלכע זאכען אָהנע צו נעהמען אויף זיך די גרעסטע פעראנטוואָרטליכקייט, טהוען; אלעס מוז צוגעהען אין אָרדנונג ווי דאס געזעטץ שרייבט פאָר.

ווערטהער האט זיך ניט אונטערגעגעבען, נאָר ער האט געבעטען דער אמטמאן זאל אביסעל אוועקקוקען און מען זאל דעם ארעסטירטען העלפען ענטלויפען. אויך דאס האט דער אמטמאן איהם אבגעוויעזען. אלבערט, וועלכער האט זיך ענדליך אויך אריינגעמישט

אין געשפרעך, האט געהאלטען מיט'ן אלטען. ווערטהער האט ווייטער גאר ניט געקענט טהון, און אין גרויסע יסורים איז ער אוועק, בשעת דער אלטער האט עטליכע מאל געזאגט: „ניין, איהם קען מען ניט ראטעווען.”

דעם אלטען'ס ווערטער האבען איהם הפנים שטארק געטראפען, ווייל מיר האבען געפונען א צעטעלע צווישען זיינע כתבים, וואס איז געווים געשריעבען געווארען אין דעמזעלבען טאג.

„דו ביסט ניט צום ראטעווען, אונגליקליכער! איך זעה עס ארוים בעשיינפערלעך, אז מיר ביידע זיינען מעהר ניט צום ראטעווען.”

וואס אלבערט האט ווייטער גערעדט וועגען דעם געפאנגענעם אין דער געגענווארט פון דעם אמטמאן, האט ווערטהער'ן שטארק פערדראסען. איהם האט זיך אויסגעדאכט, אז ער האט, אין אל־בערט'ס רייד, געפונען עטליכע שטעך־ווערטער אויף געגען זיך. כאטש, ווען ווערטהער האט גוט איבערגעדענקט, האט ער מיט זיין שארפען פערשטאנד געמוזט בעמערקען, אז די צוויי מענער האבען רעכט, האט ער עס אבער ניט געקענט מודה זיין.

מיר געפינען צווישען זיינע פאפירען א בלעטעל, וואס איז נוגע את דעם דאזיגען ענין און דאס דריקט פיעללייכט אוים זיין גאנצעם פערהעלטניס צו אלבערט'ן.

„וואס העלפט עס, ווען איך זאג ווידער און נאך אמאל, אז ער איז בראוו און גוט, ווען דאס צורייסט מיר דאך מיינע געדערעם; איך קען אבער ניט בלייבען גערעכט.”

אזוי ווי עס איז געווען א מילדער אבענד און דאס וועטער האט אנגעהויבען נאכצולאזען, איז לאטטע מיט אלבערט'ן צופוס געגאנ־גען צוריק. אונטערוועגס האט זי זיך אלץ אומגעקוקט, גראדע ווי

עס וואָלט איהר געפעהלט ווערטהער׳ס בעגלייטונג. אַלבערט האט אָנגעהויבען צו רעדען פון ווערטהער׳ן, איהם געטאַדעלט און געהאַלטען פאר אונגערעכט. ער האט דערביי אויך בעריהרט זיין אונגליקליכע ליידענשאַפט און זיך געוואונשען, אז הלואי וואָלט עס מעגליך געווען איהם צו דערוייטערן פון זייער הויז.

„איך ווינש עס אויך פון אונזער־וועגען," האט ער געזאגט, „און איך בעט דיך," האט ער פאָרטגעזעטצט, „זעה צו געבען זיינע בענעהמונגען צו דיר עפּעס אַן אַנדערע ריכטונג און פערקלענער זיינע אָפטע בעזוכען. לייט ווערען אויפמערקזאַם און איך ווייס, אז מען האט שוין דאריבער גערעדט אויף מעהרערע פּלעטצער.

לאָטטע האט געשוויעגען, און אַלבערט האט אויסגעזעהען צו פיהלען, וואס איהר שווייגען בעדייט; ווענינגסטענס האט ער זייט דאמאלס מעהר ניט דערמאָהנט ווערטהער׳ס נאָמען פאר איהר, און ווען זי האט אַמאָל דערמאָהנט ווערטהער׳ן, האט ער אונטערבראָכען דאס געשפּרעך און אָנגעהויבען עפּעס אַן אַנדערן ענין.

די אומזיסטע פּראָבע, וואס ווערטהער האט געמאַכט צו ראַטעווען דעם אונגליקליכען, איז געווען דאס לעצטע אויפפלאַמען פון א צאַנקענדעס ליכט; דער סוף איז געווען, וואס ער איז געזונקען נאָך טיעפער אין יסורים און אונטהעטיגקייט; איבערהויפּט איז ער געוואָרען אויסער זיך, ווען ער האט געהערט, אז מען וויל איהם רופען פאר אַן עדות געגען דעם מענשען, וועלכער האט גאָר אָנגעהויבען צו לייקענען די גאַנצע מעשה.

אַלעס אונאַנגענעהמע, וואס איהם האט אַמאָל בעגעגענט אין זיין לעבען, דעם פּערדרוס, וואס ער האט געהאַט אין דער געזאַנדשאַפט, אַלצדינג, וואס איהם איז ניט געלונגען, וואס עס האט איהם געקריינקט, האט ערשט איצט אָנגעהויבען זיך צו צושפּיעלען אין זיין נשמה. ער האט זיך דורך דעם אַלעמען געפונען בערעכטיגט צום לעדיג־געהען, ער האט זיך געטראָפען אָבגעשניטען פון יעדער האָפנונג, אונפעהיג עפּעס צו טהון, מיט וועלכעס מען פערטרייבט די צייט. אזוי האט ער זיך איבערגעגעבען אין גאַנצען צו זיינע געפיהלען און אָהן־א־סוף׳דיגע ליידענשאַפט.

פון זיין צוטראַגענקייט, ליידענשאַפט, זיין אונרוהיגעס שטרעבען

און פון זיין לעבענסמיעדקייט, וועל איך דאָ נאָך צונעבען איינינע בריעף, וואס זיינען פון איהם געבליעבען.

דען 12טען דעצעמבער.

ליעבער ווילהעלם, איך בין אין א צושטאנד, אין וועלכען יענע אונגליקליכע האבען געמוזט זיין, וואס מען גלויבט, אז א בייזער רוח האט זיי געטריעבען. מאנכע מאָל כאפּט עס מיך אָן; עס איז ניט אנגסט, ניט קיין בעגעהר — עס איז עפּעס אָן אינערליכעס, אונבע־קאַנטעס טומלען, וואס סטראשעט צו צורייסען מיין ברוסט און ציהט מיר איין דעם גאָרגעל! וועה! וועה! און דאן יאָג איך מיך ארום אין די נאכט־סצענען פון דיעזער מענשען־פיינדליכער יאהרעסצייט.

נעכטען ביי נאכט האב איך געמוזט ארויס. עס האט פּלוצלינג אָנגעהויבען נאָכצולאָזען דאס וועטער אין דרויסען; איך האב געהערט, אז דער טייך איז אריעבער די ברעגעס, אַלע טייכלעך זיינען געשוואָ־לען געוואָרען, און פון וואהלהיים ארונטער, איז מיין גאנצער ליעבער טהאָל פערטרונקען. אום עלף אוהר ביי נאכט בין איך ארויסגעלאָ־פען. עס איז געווען אַ פירכטערליכע סצענע: מען האט געקענט זעהען דאס רוישען און זידען פון די כוואליעס, פאלענדיג ארונטער פון די פעלזען. זיי זיינען געלאָפען איבער פעלדער, לאָנקעס און קוסטעס און אַלצדינג; דער ווייטער טהאָל ארויף און ארונטער איז געווען איין שטירמישער ים אין דעם גערויש פון ווינט. און ווען די לבנה איז ווידער ארויסגעקומען און גערוהט איבער דעם שוואר־צען וואָלקען, און ווען די פערפלייצונג איז געלעגען פאר מיר מיט איהר שוידער־שעהנער גלאַנץ, ווען עס האט זיך בעוואויגען, ווען עס האט געקלונגען און געשטורמט ארום, האט מיך בעפאלען א שרעק און דאן א ביינקעניש.

„אך! מיט אָפענע ארעמס בין איך געשטאנען פאר'ן תהום און ארונטער געאטהעמט! ארונטער! איך האב מיך פערלאָרען אין דעם גליק, וואס איך וועל קענען ארונטערשטורמען מיינע קוואלען, מיינע יסורים! דאָרט זאָלען זיי רוישען ווי די כוואליעס! אך! — איך האב אבער ניט געקענט אויפהויבען דעם פוס פון דער ערד צו

ענדיגען אלע מיינע שמערצען! — איך האב געפיהלט, אז מיין זייגער איז נאך ניט געלאפען! אך, ווילהעלם, ווי גערן וואלט איך אוועקגע־געבען מיין לעבען צו קענען צוזאמען מיט׳ן ווינט צורייסען די וואל־קענס און ארומנעהמען די וואסערן. אך! וועט ניט פיעללייכט דער איינגעשלאסענער אין געפענגניס האבען אזא גליק?

את אזוי האב איך מיט שמערץ ארונטערגעקוקט אויף א שטי־קעל פלאטץ, וואו איך האב אמאל שפאצירט מיט לאטטע׳ן און זיך דארט אויסגערוהט נאך א הייסען זומער טאג. אויך דאס איז געוועזען בערפלייצט, קוים וואס איך האב דערקענט דעם בוים. ווילהעלם! דאן האב איך געטראכט אן איהרע לאנקעס, אום דער געגענד ארום יאגד־הויז. איך האב געדאכט, ווי פערוויסט עס האט יעצט בע־דארפט זיין אונזער בוימער־שטיבעל פון דעם רייסענדען שטראם. א זונענשטראהל פון דער פערגאנגענהייט האט ארייגעבליקט, עס איז מיר פארגעקומען ווי א חלום, וואס לאזט נאך אמאל זעהען דעם געפאנגענעם זיין היים, זיינע טשערעפעס, זיינע לאנקעס און עהרען־עמטער. איך בין געשטאנען! איך מאך מיר קיין פארוואורף, ווייל איך האב מוטה צו שטארבען. איך וואלט — אבער איצט זיטץ איך דא ווי אן אלטע באבע, וועלכע שלעפט האלץ פון די פארקענס און קריעגט איהר ברויט דערלאנגט בעטלענדיג דורך דער טהיר, אום איהר לעבען אהן פרייד צו פערלענגערען נאך אן אויגענבליק.״

דען 14טען דעצעמבער.

„וואס איז דאס, מיין ליעבער? איך דערשרעק זיך פאר מיר אליין. איז מיין ליעבע צו איהר ניט געוועזען די הייליגסטע, רייגסטע און ברידערליכסטע ליעבע? האב איך ווען עס איז געהאט א שטראפ־בארען וואונש אין מיין נשמה? איך וויל ניט פראטעסטירען — און איצט, חלומות! אך, ווי אמת האבען עס געפיהלט יענע מענשען, וועלכע האבען צוגעשריעבען די וויעדערשפרעכענע ווירקונגען צו פרעמדע כוחות! איך ציטער עס צו זאגען, אבער איך האב זי געהאל־טען אין מיינע ארעמס, פעסט געדריקט צו מיין בוזים, און בעדעקט איהר ליעבעס־פליסטערענדעס מויל מיט אונענדליכע קושען; מיינע

א׳יגען זיינען געשוואומען אין דער שיכרות פון איהרע אויגען! גאָט, קומט מיך דערפאר צו בעשטראפען, ווען איך פיהל נאָך יעצט אַ זעליגקייט, ווען איך רוף צוריק דיעזע גליהענדע פריידען? לאָטטע! לאָטטע! מיט מיר איז אַלעס אויס! מיינע חושים צומישען זיך, שוין אַכט טעג זייט איך האב מעהר ניט קיין בעזינונגס-קראפט. מיינע אויגען זיינען פול מיט טרערען. אויף קיין אָרט איז מיר גוט און איבעראַל איז מיר גוט. איך וויל גאָר ניט, איך פערלאַנג גאָר ניט; מיר וואָלט עס בעסער געווען איך זאָל געהען.״

אין ווערטהער׳ס נשמה האט זיך, צו דיעזער צייט, אונטער אזעל־כע אומשטענדען, אַלץ שטארקער בעפעסטיגט דער ענטשלוס צו פער־לאָזען די וועלט. זייט ער האט זיך אומגעקעהרט צו לאָטטע׳ן, איז עס אימער געווען זיינע לעצטע אויסזיכט און האָפנונג. דאָך האט ער זיך אליין געזאגט, אז ער וועט ניט מאַכען קיין איבעראיילטען שריט, אז ער וועט דאס טהון מיט דער בעסטער איבערצייגונג, מיט דער מעגליכסטער, רוהיגסטער ענטשלאָסענהייט.

זיינע ספקות, זיין קאמפף מיט זיך אליין, קוקען ארויס פון זיינעם אַ צעטעל, וואס איז הפּנים געוועזן אַן אָנגעפאנגענער בריעף צו ווילהעלם׳ן. דאס איז געפונען געוואָרען אָהן אַ דאטום צווישען זיינע פּאַפּירען.

„איהר געגענוואַרט, איהר שיקזאַל, איהר טהיילנעהמונג אין מיין שיקזאַל, פּרעסען נאָך ארויס די לעצטע טרער פון מיין פער׳שרפה׳טען געהירן.

„אויפצוהייבען דעם פאָרהאַנג און ארונטער געהען! דאס איז אַלעס! וואס-זשע טויג דאס ציטערן און שרעקען זיך? ווייל מען ווייס ניט ווי עס זעהט דאָרט אויס? ווייל מען קומט ניט צוריק? אָט דאס איז די נאַטור פון אונזער גייסט זיך פאָרצושטעלען אַ תוהו־ובוהו און אַ חושך, פון וועלכען מיר ווייסען גאָר ניט בעשטימטעס.״

ענדליך איז ער אלץ מעהר בעקאנט און בעפריינדעט געוואָרען מיט דעם טרויעריגען געדאנק, זיין פּלאן איז בעשלאָסען געוואָרען, זיין פאָלגענדער צווייד־יטיגער בריעף צו זיין פריינד, בעשטעטינט עס.

דען 20טען דעצעמבער.

„איך דאנק דיין ליעבע צו מיר, ווילהעלם, פאר וואס דו האסט כאָטש אָנגעהויבען צו רעדען צו מיר. יא, דו האסט רעכט: מיר וואָלט בעסער געווען איך זאָל געהען. דער פאָרשלאג, איך זאָל צו אייך צוריקקעהרען, געפעלט מיר ניט גאנץ גוט; לכל־הפּחות וואָלט איך נאָר אָנגעלעגט אביסעל וועג, איבערהויפּט יעצט, ווען מען ער־ווארטעט עס זאָל זיין א גוטער וועג צוליעב דעם פראָסט. מיר איז אויך אנגענעהם, וואס דו ווילסט אהער קומען מיך אָבנעהמען אהיים; ווארט מיר נאָר נאָך פערצעהן טעג און ערווארט פון מיר נאָך א בריעף איבער דעם ווייטערען. עס איז נעטהיג, אז מען זאָל גאָר ניט אָבריי־סען ביז עס וועט ווערען צייטיג; פערצעהן טעג וועלען עס מאכען אהין אָדער אהער. מיין מאמע׳ן זאָלסטו זאגען, אז זי זאָל בעטען פאר איהר זוהן און מיר מוחל זיין פאר אלע יסורים, וואס איך האב איהר פערראורזאכט. אָט אזוי איז שוין געווען מיין ביטער מזל צו בעטריי־בען יענע וועגען; איך בין שולדיג געווען. פריינד, לעב וואָהל, מיין טהייערסטער! אלע ברכות פון הימעל איבער דיר. לעב וואָהל!״

וואס עס איז אין יענער צייט פאָרגעקומען אין לאָטטע׳ס נשמה, וואס זי האט געפיהלט צו איהר מאן און צו איהר אונגליקליכען פריינד, דאס געטרויען מיר זיך קוים אויסצודריקען אין ווערטער. קענענדיג איהר כאראקטער און זיך מאכענדיג א שטיקעל בעגריעף דערפון, קען זיך א שעהנע ווייבליכע נשמה אריינדענקען אין דער איהריגער און מיט איהר מיטפיהלען.

אזוי פיעל איז זיכער, אז זי איז געווען ביי זיך פעסט ענטשלאָ־סען אלעס צו טהון, אום ווערטהער׳ן צו דערווייטערן, און ווען זי האט געצעגערט, איז עס בלויז געווען דורך א הערצליכע און פריינד־

שאפּטליכע שוינונג, ווייל זי האט געוואוסט, וויפיעל עס וועט איהם קאָסטען, בעסער געזאגט, אז עס וועט איהם גאָר זיין אונמעגליך. דאָך האט זי דאס געוואָלט טהון גאנץ ערנסט; איהר מאַן האט גע־שוויעגען איבער דיעזען פערהעלטנים און זי האט אויך ניט גערעדט קיין וואָרט, און דאס איז געוועזן אום איהם צו בעווייזען, אז זי טהיילט זיין מיינונג.

אין דעמזעלבען טאָג, ווען ווערטהער האט דעם פריהעריגען בריעף אָבגעשיקט צו זיין פריינד, עס איז געוועזן דער זונטאג פון ווייהנאכ־טען, איז ער געקומען אבענדס צו לאָטטע'ן און זי געטראָפען אליין. זי האט זיך בעשעפטיגט צו ברענגען אין אָרדנונג אייניגע שפּיעל־עריען, וואס זי האט אָנגעגרייט לכבוד יום־טוב פאר איהרע קליינע שוועסטערלעך. ער האט גערעדט פון דעם פערגניעגען, וואס די קליינע ווערלען דערפון האבען און פון די צייטען, ווען, עפּענענדיג די טהיר, וועלען זיי דערזעהען דעם אויסגעפּוצטען בוים מיט ליכטלעך, צוקערקעס און פרוכטען, ווי דאס אלעס וועט זיי מאַכען פיהלען, אז זיי זיינען אין גן־עדן.

„איהר וועט," האט לאָטטע בעמערקט מיט א פערלעגענהייט, וואס זי האט בעהאַלטען אונטער א ליעבען שמייכעל, „איהר וועט אויך עפּעס קריעגען, ווען איהר וועט נאָר זיין פלייסיג גענוג; א וואקס־שטעקעלע און נאָך עפּעס."

„וואס רופט איהר אָן פלייסיג?" האט ער אויסגערופען, „ווי זאָל איך עס טהון? גוטע לאָטטע, ווי קען איך עס זיין?"

„דאָנערשטאג אבענד," האט זי געזאגט, „אין ווייהנאכטס־אבענד, וועלען קומען די קינדער, מיין פאטער, דאן קריעגט יעדער עפּעס, קומט אויך — אבער ניט פריהער."

ווערטהער האט זיך געוואונדערט.

„איך בעט אייך," האט זי ווייטער געזאגט, „אזוי איז עס. איך בעט אייך צוליעב מיין רוה; עס קען ניט, עס קען ניט אזוי בלייבען."

ער האט אָבגעווענדעט זיינע אויגען פון איהר, געגאַנגען איבער דער שטוב אויף און אָב, און געמורמעלט צווישען די צייהן:

„ניין, עס קען ניט אזוי בלייבען!"

לאָטטע, וועלכע האט געפיהלט, ווי אזוי דיעזע ווערטער האבען

איהם אויפגערעגט, האט געזוכט, דורך אלערליי אויסרעדען, צו פער־דרעהען דאס געשפרעך, אבער עס האט ניט געהאָלפען.

„ניין, לאָטטע," האט ער אויסגערופען, „איך וועל אייך ניט מעהר זעהען!"

„פאר וואָס?" האט זי געפרעגט. „איהר קענט, איהר מוזט אונז ווידער זעהען, אבער בערוהיגט זיך. אך, ווארום זייט איהר געבאָרען געוואָרען מיט דיעזער האסטיגקייט, מיט דיעזער ליידענ־שאפט צו אלעס, וואס איהר טרעפט? איך בעט אייך," האט זי וויי־טער געזאגט, איהם אָננעהמענדיג ביי דער האנד, „בערוהיגט זיך! אייער גייסט, אייער וויסענשאפט, אייער טאלענט, וואס פאר א נחת דאס קען אייך געבען! זייט א מאַן! ווענדעט זיך אָב פון דיעזער טרויעריגער פערבינדונג מיט א בריאה, וואס קען פאר אייך קיין זאך טהון, אויסער בעדויערן."

ער האט געקריצט מיט די צייהן און פינסטער געקוקט צו לאָט־טע'ן. זי האט געהאלטען זיין האנד.

„נאָר איין רגע זיך בערוהיגען, ווערטהער," האט זי געזאגט, „פיהלט איהר ניט, אז איהר נאַרט זיך אָב, אז איהר ריכטעט זיך אליין צו גרונד? וואס עפּעס מיך? גראדע מיך, דאס אייגענטהום פון אן אנדערן? גראדע דאס? איך האב שטארק מורא, אז דאס איז בלויז די אונמעגליכקייט מיך צו בעזיטצען, וואס רייצט אזוי שטארק אייער וואונש."

ער האט ארויסגעצויגען זיין האנד פון איהרע און זי אָנגעקוקט מיט א פערגליווערטען, אונווילענדיגען בליק.

„קלוג, זעהר קלוג!" האט ער אויסגערופען, „האט אלבערט אפשר געמאכט דיעזע בעמערקונג? פּאָליטיש, זעהר פּאָליטיש!"

„יעדער קען מאכען אזא בעמערקונג," האט זי געענטפערט. „און זאָל דען אין דער גרויסער וועלט ניט זיין קיין מיידעל, וואס זאָל קענען ערפיעלען דעם וואונש פון אייער הארצען? זוכט זי נאָר, און איך שווער אייך, אז איהר וועט זי געפינען; ווייל עס האט מיר שוין לאַנג געערגערט זעהענדיג ווי אזוי איהר האט זיך אָבגעטהיילט פון דער וועלט. פאסט נאָר מעהר מוטה. א רייזע מוז און וועט אייך צושטרייען. זוכט און געפינט עפּעס א ווירדיגען געגענשטאנד פון אייער ליעבע, דאן קעהרט צוריק און לאָזט אונז צוזאמען געניעסען

דעם נחת פון א וואהרער פריינדשאפט.״

„אַט דאס וואס איהר זאגט,״ האט ער בעמערקט מיט א קאלטען שמייכעל, „וואָלט מען געקענט לאָזען דרוקען און דאס רעקאָמענדירען צו יעדען הויפמייסטער. ליעבע לאָטטע, לאָזט מיך נאָך א קליין ביסעלע צו רוה און אלעס וועט רעכט ווערען.״

„בלויז איין זאַך, ווערטהער, אז איהר זאָלט ניט קומען פריהער פאר וויהנאכטס־אבענד.״

ער האט געוואָלט עפּעס ענטפערן און אלבערט איז אריין אין שטוב. מען האט זיך געוואונשען א קאלטען „גוטען אבענד״ און זיי האבען שפּאצירט איבער׳ן צימער ניט וויסענדיג וואס צו טהון. ווערטהער האט עפּעס אָנגעהויבען צו זאגען, אבער ער האט גלייך געענדיגט. אלבערט דאסזעלבע. דאן האט ער געפרעגט זיין פרוי, אויב זי האט געטהון, וואס ער האט געהייסען; ווען ער האט אבער געהערט, אז זי האט עס ניט געטהון, האט ער געזאגט לאָטטע׳ן עטליכע ווערטער, וואס האבען גאָר ניט געשמעקט ווערטהער׳ן. ווערטהער האט געוואָלט אוועקגעהען, אבער ער האט ניט געקענט. אזוי איז ער פערבליעבען ביז נאכט, ווייל זיין אומעט און טרויער האבען זיך אלץ שטארקער פערמעהרט, דאן האט ער גענומען דעם הוט און שטעקען. אלבערט האט איהם איינגעלאדען צו בלייבען, ער וויעדער, וואס האט גערעכענט, אז ער הערט בלויז אן אונבעדייטענדען קאָמפּלימענט, האט געדאנקט און איז אוועק.

ער איז אהיים געקומען, און ווען דער דיענער האט איהם געוואָלט צו לייכטען, האט ער ביי איהם צוגענומען דאס ליכט און איז אליין אריין אין זיין צימער. דאָרט האט ער געוויינט אויפ׳ן קול, גערעדט מיט זיך אליין זעהר בייז, און ענדליך האט ער זיך געוואָרפען מיט זיינע קליידער אויף זיין בעט, ווי דער דיענער האט איהם געפונען. עס איז שוין געווען עלף א זייגער, ווען ער האט געוואגט אריינצוגעהען און פרעגען, אויב ער וויל מען זאָל איהם ארונטער ציהען די שטיוועל. ער האט עס איהם ערלויבט, אבער אָנגעזאגט, ער זאָל זיך אויפ׳ן צווייטען מאָרגען, ניט דערוועגען אריינצוקומען אין צימער, ביז ער וועט איהם רופען.

מאָנטאג פריה, דען ניין־און־צוואנציגסטען דעצעמבער, האט ער געשריעבען פאָלגענדען בריעף צו לאָטטע׳ן, וועלכען מען האט געפונ־

נען נאך זיין טויט פערזיעגעלט אויף זיין שרייב־טיש. דעם בריעף האט מען איהר איבערגעגעבען.

„לאטטע, איך האב בעשלאסען צו שטארבען, און דאס שרייב איך דיר אהן ראמאנטישע איבערשפאננונג, גאנץ רוהיג געשעהט דאס אין דעם מארגען, וועלכען איך זעה צום לעצטען מאל. מיין טהייער־סטע, ווען דו לייענסט דאס, דעקט שוין צו דער קיהלער קבר דעם פערגליווערטען רעסט פון דעם אונרוהיגען, אונגליקליכען, וועלכער האט, אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען, ניט געוואוסט פון קיין גרעסטער זיסקייט, ווי מיט דיר זיך צו אונטערהאלטען. איך האב געהאט א שרעקליכע נאכט, און, אך, א וואהלטהעטיגע נאכט. זי, דיעזע נאכט איז עס, וואס האט בעפעסטיגט מיין ענטשלוס און בע־שטימט: איך זאל שטארבען! אזוי ווי איך האב מיך נעכטען פון דיר אויסגעריסען, אין דער פינסטערסטער עמפעהרונג פון מיינע חושים, וואו אלעס האט זיך געדרונגען צו מיין הארצען און מיין גאנצעם לעבען איז איינגעוויקעלט געווארען אין א מיאוס'ער קעלט — דערנאך בין איך קוים אהיים געקומען, איך האב, אויסער זיך, ניעדער־געקניעט, און, אך, גאט! דו האסט מיר כאטש געגעבען דעם לעצטען טרייסט אין די ביטערסטע טרערען. טויזענדער פלענער, טויזענדער האפנונגען האבען געוויטהעט אין מיין נשמה, און צום סוף איז ער געשטאנען דא, פעסט, ער, דער לעצטער איינציגער געדאנק: איך זאל שטארבען!

„איך האב מיך אוועקגעלעגט, און אין דער פריה, אין דער רוה פון ערוואכען, איז ער, דיעזער געדאנק, נאך אלץ געשטאנען גאנץ שטארק אין מיין הארצען: איך זאל שטארבען! — עס איז ניט פערצווייפלונג, נאר געוויסהייט איבער דעם, וואס איך האב איבער־געטראגען און אז איך בין מיך מקריב פאר דיר. יא, לאטטע, פאר וואס זאל איך דאס פערשוויינען? איינער פון אונז דריי מוז אוועק, און איך וועל זיין דער איינער! אך, מיין ליעבסטע! אין דיעזען צו־ריסענעם הארצען איז עס אפט וויטהענד ארומגעגאנגען — צו ער־מארדען דיין מאן! — דיך! — מיך! — דאן זאל עס זיין אזוי! — ווען דו וועסט אמאל ארויפגעהען אויפ'ן בארג אין א שעהנעם זומער־

אבענד, דאַן דערמאָהן דיך אָן מיר, ווי אָפט איך פלעג פון טהאָל ארויפ־קומען. דאַן קוק אריעבער אין קירך־הויף אויף מיין קבר, וואו דער ווינט וועט וויעגען דאס הויכע גראָז אין שיין פון דער זינקענדער זונן. — ווען איך האב אָנגעהויבען שרייבען, בין איך געווען רוהיג; איצט, איצט וויין איך ווי א קינד, ווען אַלעס ווערט אזוי לעבהאַפט ארום מיר. —"

ארום צעהן אַ זייגער האט ווערטהער גערופען זיין דיענער, און ווערהרענד ער האט איהם אָנגעטהאָן, האט ער איהם געזאגט, דאס אזוי ווי ער רעכענט אוועק צו פאהרען אין אייניגע טעג, זאָל ער דערפאר ארויסנעהמען די קליידער און אלעס צורעכט מאכען צום איינפּאקען; ער האט איהם געגעבען א בעפעהל איבעראַל צו פאָדערן א חשבון, אָבנעהמען די אויסגעליהענע ביכער, און עטליכע אָרעמע לייט, וועמען ער פלעגט געבען וואָכען געלד, זיי אויסצאָהלען פאר צוויי מאָנאַט פאָראויס.

ער האט זיך געלאָזען אריינברענגען דאס עסען אין צימער אריין, נאָך'ן עסען איז ער אויסגעריטען צום אמטמאַן, וועלכען ער האט ניט געטראָפען צו הויז. ער האט שפּאַצירט איבער'ן גאָרטען שטארק פערטראַכט, און צולעצט האט ער אויסגעזועהען אויף זיך צו נעהמען דעם גאַנצען שווערמוטה פון די עראינערונגען.

די קינדער האבען איהם ניט געלאָזען לאַנג צו רוה, זיי האבען איהם פערפאָלגט, אויף איהם געשפּרונגען און איהם דערצעהלט, אז מאָרגען, נאָך א מאָרגען און נאָך א טאָג, וועלען זיי שוין קריעגען פון לאָטטע'ן די וויהנאַכטס־פּרעזענטען; זיי האבען איהם אויך דערצעהלט איבער וואונדערליכע זאכען, וואס זיי האבען זיך פאָרגע־שטעלט אין זייער קליינער איינבילדונגס־קראַפט.

„מאָרגען," האט ער אויסגערופען, „נאָך א מאָרגען און נאָך א טאָג," און דאַן האט ער זיי אַלע הערצליך געקושט. ער האט שוין געוואָלט אוועקגעהען, ווען דער קליינער האט איהם געוואָלט עפּעס איינראַמען אין אויער. ער האט איהם דערצעהלט בשתיקה, אז די גרויסע ברידער האבען שוין אָנגעשריעבען שעהנע ניי־יאָהר'ס ווינשע. „אַט אזעלכע גרויסע! איינעם פאר'ן פּאפּא, פאר אַלבערט'ן און פאר

לאָטטע׳ן, און אויף איינעם פאר׳ן הערר ווערטהער!״ דיעזע ווע‍לען זיי איבעררייכען אין פריהמאָרגען פון דעם ניי־יאָהר׳ס טאָג. דאס האט איהם שוין גאָר גערירט; ער האט יעדען געשיינקט עפּעס, זיך אויפגעזעטצט אויפ׳ן פערד, געלאָזען גריסען דעם אלטען, און, מיט טרערען אין די אויגען, איז ער אוועקגעריטען.

ארום פינף א זייגער איז ער אהיים געקומען, געהייסען דער דיענסט נאָכזעהען דאס פייער און דאס לאָזען ברענען ביז ביינאכט. דעם דיענער האט ער געהייסען איינפּאַקען די ביכער און וועש אונטען אין קופערט און איינגעהען די קליידער. נאָכדעם האט ער הפּנים אָבגעשריעבען פאָלגענדען לעצטען בריוועל צו לאָטטע׳ן:

„דו ערוואַרטעסט מיך ניט! דו גלויבסט, אז איך וועל פאָלגען און דיך ערשט זעהען אין אבענד פון וויהנאַכטען. אך, לאָטטע! היינט אָדער מעהר קיינמאָל ניט! אין אבענד פון וויהנאַכטען וועסטו האלטען דיעזעס פּאַפּיר אין דיין האנד, ציטערן און דאס בענעטצען מיט דיינע ליעבע טרערען. איך וויל, איך מוז! ווי וואויל מיר איז עס, וואס איך בין ענטשלאָסען!״

לאָטטע איז דערווייל געווען אין א מערקווירדיגען צושטאנד. נאָך דער לעצטער אונטעררעדונג מיט ווערטהער׳ן, האט זי געפיהלט, ווי שווער עס וועט איהם זיין זיך צו שיידען פון איהר, און וואס ער וועט ליידען, ווען ער וועט זיך פון איהר דערווייטערן.

זי האט עס געזאגט אלבערט׳ן, ווי פארבייגעהענדיג, אז ווערטהער וועט ניט קומען פריהער פאר וויהנאַכטען. אלבערט איז דערנאָך אוועקגעריטען צו א בעאמטען אין דער נאכבארשאפט, מיט וועלכען ער האט געהאט געשעפטען און וואו ער האט בעדארפט אויסבלייבען איבער נאכט.

זי איז געזעסען איינע אליין, קיינע פון איהרע ברידערלעך אָדער שוועסטערלעך איז געווען ארום איהר; אזוי איז זי פערזונקען אין געדאנקען. זי האט זיך געזעהען אויף אייביג פערבונדען מיט דעם

מאַן, וועמעס ליעבע און טרייהייט זי האט געקענט, צו וועמען זי איז
געוועזן געניינט פון הארצען; וועמעס רוהיגקייט און ערליכקייט
זיינען געוועזן ווי בעשערט פון הימעל, אום אויף זיי צו גרינדען דאס
לעבענס־גליק פון אַ בראַווער פרוי; זי האט געשפּירט וואס ער וועט
זיין צו איהר און צו איהרע קינדער אויף אייביג. אויף דער אַנדערער
זייט ווידער, איז איהר ווערטהער געוואָרען טהייער, באַלד, פון דעם
ערשטען אויגענבליק פון זייער בעקאַנטשאַפט, האט זיך ארויסגע־
וויעזען, אַז זייערע נאַטורען שטימען מיט אַנאַנדער. דער לאַנגער
אומגאַנג מיט איהם און די דורכגעלעבטע מאָמענטען האט געמאַכט
אויף איהר הארץ אַ טיעפען איינדרוק. אַלעס וואס זי האט גערעכענט
פאַר אינטערעסאַנט, איז זי געוואָהנט געוואָרען צו טהיילען מיט איהם,
און זיין אוועקגעהען האט געסטראַשעט צו מאַכען אַזאַ לאָך אין איהר
הארצען, וואס וועט שוין קיינמאָל ניט אויסגעפיללט ווערען. אַך,
וועז זי וואָלט פון איהם געקענט מאַכען אַ ברודער! ווי גליקליך זי
וואָלט דאס געוועזן! ווען זי זאָל איהם קענען חתונה מאַכען מיט
איינער פון איהרע פריינדינען, דאַן וואָלט זי געקענט האָפען איהם
צו שטעלען אין בעסערע פערהעלטניסע מיט אַלבערט׳ן.

זי האט שנעל, אין דער רייהע, דורכגעזוכט איהרע פריינדינען,
און געפונען אויף יעדער בעזונדער עפּעס אַ חסרון; זי האט ניט גע־
טראָפען קיינע, וואס זאָל פּאַסען פאַר ווערטהער׳ן.

איבער אלע דיעזע בעטראַכטונגען האט זי ערשט שטאַרק גע־
פיהלט, אַז איהר הערצליכער, היימליכער פערלאַנג איז, איהם צו
האַלטען פאַר זיך. זי האט דערביי בעמערקט, אַז זי קען איהם ניט
האַלטען פאַר זיך; איהר לייכטער, שעהנער און זאָנסט אזוי גרינג־
העלפענדעס געמיטה האט געפיהלט דעם דרוק פון שווערמוטה; זי
האט געפיהלט, אַז אַלעס איז פאַר איהר פערשלאָסען. איהר הארץ
איז געוועזן געפּרעסט און איבער איהרע אויגען האט זיך געלעגט אַ
טריעבער וואָלקען.

אזוי איז עס געוואָרען האַלב־זיעבען, ווען זי האט געהערט ווער־
טהער׳ן ארויפקומען אויף די טרעפּען; זי האט באַלד דערקענט זיינע
טריט און זיין שטימע, וואס האט געפרעגט נאָך איהר. דאס הארץ
האט איהר שטאַרק געקלאַפּט, און מיר מעגען זאגען, אַז דאס איז
געוועזן צום ערשטען מאָל ביי זיין קומען. זי וואָלט זיך גערן פערליי־

קענט פאר איהם, אבער זי האט מיט א מין לײדענשאפטליכער צומישונג אויסגערופען:

„איהר האט ניט געהאַלטען קײן וואָרט!"

„איך האב גאָר ניט פערשפּראָכען," איז געווען זײן ענטפער.

„דאַן האט איהר כאָטש בעדאַרפט פאָלגען, וואס איך האב אײך געבעטען," האט זי געזאגט, „איך האב עס אײך געבעטען צוליעב דער רוה פון אונז בײדען."

זי האט ניט גענוי געוואוסט וואס זי זאגט, זי האט אויך ניט געוואוסט וואס זי טהוט, ווען זי האט געשיקט נאָך עטליכע פרײנדינעס אום ניט צו בלײבען אלײן מיט ווערטהער'ן.

ער האט אַוועקגעלעגט אײניגע ביכער, וואס ער האט געבראכט, און געפרעגט אויף אנדערע ביכער; אָט האט זי זיך געוואונשען, אז איהרע פרײנדינס זאָלען קומען, אָט האט זי ווידער זיך געוואונשען, זײ זאָלען ניט קומען. דאס דיענסט־מײדעל איז צוריק געקומען און ערקלערט, אז זײ לאָזען זיך בײדע ענטשולדיגען, זײ קענען ניט קומען.

זי האט געוואָלט לאָזען זיטצען דאס מײדעל מיט איהר ארבײט אין נעבען־צימער; דאַן האט זי זיך ווידער אנדערש בעדענקט. ווערטהער איז געגאַנגען אין צימער הין און צוריק; זי איז צוגעגאַנגען צום קלאַוויר און אָנגעהויבען שפּיעלען א מינועט, אבער עס איז ניט געגאַנגען. זי האט דאַן געפאַסט מוטה און זיך רוהיג געזעטצט נעבען ווערטהער'ן, וועלכער האט פערנומען זײן געוועהנליכען פּלאַטץ אויף דער קאַנאַפּע.

„האט איהר גאָר ניט צום לעזען?" האט זי געפרעגט. ער האט גאָר ניט געהאַט. „דאָ, אין מײן שופלאדען," האט זי ווײטער געזאגט, „ליעגט אײער איבערזעטצונג פון אײניגע געזענגע פון אָסיאַן; איך האב זײ נאָך ניט געלעזען, ווײל איך האב אימער געהאָפט, זײ צו הערען פון אײך. אבער עס האט זיך אלץ ניט געמאַכט."

ער האט געשמײכעלט, ארויסגענומען די ליעדער, און א שוידער האט איהם בעפאַלען, ווען ער האט זײ גענומען אין דער האַנד ארײן; די אויגען זײנען איהם געווען פול מיט טרערען, ווען ער האט ארײנגעקוקט. ער האט זיך אַניעדער געזעטצט און געלעזען:

„שטערן פון דער קומענדער נאכט, שעהן ביסטו! פינקעלסט

אין מערב זייט, הייבסט אויף דיין שטראהלענדען קאָפּ פון דיין וואַל־קען, וואנדערסט שטאָלץ בארג ארויף. אויף וואס קוקסטו אין דער מדבר? די שטירמישע ווינטען האבען זיך בערוהיגט; פון ווייטען הערט זיך דאס מורמלען פון פאַלענדען וואסער; די רוישענדע כוואַליעס שפּיעלען פון ווייטען אויפ'ן פעלזען; דאס זשומען פון די אבענד־פליעגען איבער'ן פעלד. וואוהין בליקסטו, שעהנעס ליכט? אבער דו שמייכעלסט און געהסט; פרעהליך רינגלען דיך ארום די כוואַליעס און באָדען דיינע ליעבליכע האאר. לעב וואָהל, רוהיגער שטראהל! ערשיין דו הערליכעס ליכט פון אָססיאַן'ס נשמה!

„און עס ערשיינט אין זיין קראפט. איך זעה מיינע געשיידטע פריינד, זיי פערזאמלען זיך אין לאָרא ווי אין די אמאָליגע צייטען — פינגאל קומט ווי א נאַסער נעבעל־זייל; ארום איהם געפינען זיך זיינע העלדען, און, זעה נאָר! די גרעסטע זינגערס: גרויער אוללין! פּרעכטיגער רינאָ! אלפּין, ליעבליכער זינגער! און דו, זאנפט־קלאָ־גענדע מינאָנא! — ווי פערענדערט זייט איהר, פריינד, זייט די ימים טובים ביי זעלמא, דאָרט וואו מיר האבען געמאכט חן'דעליך צו דער עהרע פון געזאנג, פונקט ווי די פריהלינגס־ווינטעלעך, וואס יאָגען זיך צום בארג און בייגען זיך צום קוים מורמלענדען גראָז.

„אָט דאָ איז מינאָנא ארויס אין איהר שעהנהייט, מיט ארונטער־געבויגענעם קאָפּ און פערוויינטע אויגען; פאַוואָליע האבען זיך בע־וואויגען איהרע האאר אין ווינט, וועלכער האט געבלאָזען פון בארג. — פינסטער איז עס געווען אין די נשמות פון די העלדען, ווען זי האט אויפגעהויבען איהר ליעבליכע שטימע; ווייל אָפט האבען זיי געזע־הען זאַלמאר'ס קבר, אָפט אויך די פינסטערע וואוינונג פון דער ווייסער קאָלמא. קאָלמא, פערלאָזען דאָרט אויפ'ן בארג מיט דער הארמאָנישער שטימע; זאַלגאר האט צוגעזאָגט צו קומען, נאָר ארום האט זיך פערשפּרייט די נאכט. הערט קאָלמא'ס שטימע, ווען זי איז געזעסען איינע אליין אויפ'ן בארג.

קאָלמא.

„עס איז נאכט! — איך בין אליין, פערלוירען אויפ'ן שטורמי־שען בארג. דער ווינט רוישט אין די געבערג. דער שטראָם שרייט

ארונטער צום פעלזען. קיין געצעלט שיטצט מיך פאר׳ן רעגען, מיך פערלאָזענע אויפ׳ן שטורמישען בארג.

„געה ארויס, לבנה, פון דיין וואָלקען? ערשיינט איהר שטערען פון דער נאכט! זאָל מיך עפעס, א שטראהל פיהרען צום אָרט, וואו מיין ליעבע רוהט פון די שוועריגקייטען פון דער יאגד, זיין בויגען אָבגעשפאַנט נעבען איהם, זיינע הינט שמעקענדיג ארום איהם. אבער דאָ מוז איך זיטצען אליין אויף דעם פעלזען פון דעם פערוואקסענעם שטראָם. דער שטראָם און דער שטורם רוישען, איך הער ניט די שטימע פון מיין געליעבטען.

„פאר וואס צענערט מיין זאַלגאר? האט ער פערגעסען זיין וואָרט? — אָט דאָ איז דער פעלזען און דער בוים און דאָ איז דער רוישענדער שטראָם. באלד ביים נאכט ווערען האָסטו מיר פערשפּראָכען דאָ צו זיין; אך! וואו האט זיך מיין זאַלגאר פערבלאָנדזשעט? מיט דיר וויל איך ענטלויפען, פערלאָזען פאטער און ברודער, די שטאָלצע! שוין לאַנג זייט אונזערע קרובים זיינען זיך שונאים, נאָר מיר, זאַלגאר, זיינען זיך ניט קיין שונאים.

„שוויינ אבּיסעל, ווינט! זיי שטיל א קליינע ווייל, דו שטראָם! זאָל מיין שטימע קלינגען דורך׳ן טהאָל, אז מיין וואַנדערער זאָל מיך הערען. זאַלגאר! איך בין עס וואס רופט! אָט דאָ איז דער בוים און דער פעלזען! זאַלגאר, מיין ליעבער, דאָ בין איך; פאר וואס קומסטו ניט?

„זעה די לבנה איז שוין אויפגעגאַנגען, דער טייך גלאַנצט אין טהאָל, די פעלזען שטעהען גרוי באַרג־ארויף; אבער איך זעה איהם ניט אויף דער הויכקייט, זיינע הינט, וואס לויפען פאר איהם, דערצעהלען היינט ניט, אז ער קומט. דאָ מוז איך זיטצען אליין.

„אבער ווער איז דאס, וואס ליעגט דאָרט אונטען אויף דער וויסטע? — מיין געליעבטער? מיין ברודער? — רעדט, מיינע פריינד! זיי ענטפערן ניט! ווי בעזאָרגט מיין נשמה איז. — אך! זיי זיינען טויט! זייערע שווערט זיינען רויט פון מלחמה. אך, מיין ברודער, מיין ברודער, פאר וואס האָסטו געטויטעט מיין זאַלאר? אך, מיין זאַלגאר, פאר וואס האָסטו געטויטעט מיין ברודער? איהר זייט מיר ביידע געוועזן אזוי ליעב. דו ביסט געוועזן שעהן אויפ׳ן בארג צווישען טויזענדער! ער איז געוועזן שרעקליך אין דער שלאַכט!

נטפערט מיר, הערט מיין שטימע, מיינע געליעבטע! אבער אך, יי זיינען שטום, שטום אויף אייביג, קאלט ווי די ערד איז זייער ברוסט!

„אך, רעדט צו מיר פון דעם פעלזען, פון דעם שפיטץ פון דעם שטורמישען בארג, רעדט איהר גייסטער פון די טויטע! רעדט, מיך וועט עס ניט שרעקען! — וואוהין זייט איהר געגאנגען רוהען? אין וועלכען קבר פון בארג זאל איך אייך געפינען? איך הער קיין שוואכע שטימע אין ווינט, קיין וועהענדער ענטפער קומט צו מיר אין שטורם פון בארג.

„איך זיטץ אין מיין יאמער, אין מיינע טרערען ווארט איך אויפ'ן מארגען. צוגראבט דעם קבר, איהר פריינדע פון די טויטע, אבער פערמאכט איהם ניט ביז איך וועל קומען. מיין לעבען פערשווינדעט ווי א חלום; ווי זאל איך דא צוריקבלייבען? דא וויל איך וואוינען מיט מיינע פריינד, ביים שטראם פון דעם קלינגענדען פעלזען. ווען עס וועט ווערען נאכט אויפ'ן בארג און דער ווינט וועט קומען איבער דער מדבר, זאל מיין גייסט שטעהען אין ווינט און טרויערן אויפ'ן טויט פון מיינע פריינד. דער יעגער הערט מיך פון זיין בוימער־שטיבעל, ער האט מורא פאר מיין שטימע און ליעבט זי דאך; ווייל זיס זאל זיין מיין שטימע פאר מיינע פריינד; זיי זיינען מיר געוועןביידע ליעב!

„דאס איז געווען דיין געזאנג, מינאנא, טהארמאס זאנפט רויטוערענדיגע טאכטער. אונזערע טרערען זיינען געפלאסען פאר קאלמא'ן, און אונזערע נשמות זיינען געווען פינסטער.

„אוללין איז אויפגעטרעטען מיט דער הארפע און אונז געגעבען אלפין'ס געזאנג — אלפין'ס שטימע איז געווען פריינדליך, רינא'ס נשמה איז געווען א פייערדיגער שטראהל. אבער זיי האבען שוין גערוהט אין אייביגען הויז און זייער שטימע איז דערשטיקט געווארען אין ענגען הויז פון זעלמא.

„איינמאל נאך איידער די העלדען זיינען געפאלען, איז אוללין צוריקגעקומען פון דער יאגד. ער האט געהערט זייער וועטט־געזאנג אויפ'ן בארג. זייער ליעד איז געווען זאנפט און טרויעריג. זיי האבען בעקלאגט מאראר'ס פאל, דער ערשטער פון די העלדען. זיין נשמה איז געווען ווי פינגאל'ס נשמה, זיין שווערט ווי אסקאר'ס

שוועדט. אבער ער איז געפאלען, און זיין פאטער האט געיאָמערט, זיין שוועסטער'ס אויגען זיינען געוועזן פול מיט טרערען, מינאַנאַ'ס אויגען זיינען געוועזן פול מיט טרערען. זי, די שוועסטער פון דעם הערליכען מאַראַר, זי איז צוריק געטרעטען פאר אוללין'ס געזאַנג פונקט ווי די לבנה אין מערב זייט, וואס זעהט פאַראויס דעם שטורם-רעגען און בעהאַלט איהר שעהנעם קאָפּ אין א וואָלקען. איך און אוללין מיט דער הארפע האבען אָנגעפאַנגען א יאָממער-געזאַנג."

ריינא.

„פארביי איז ווינט און רעגען, דער מיטאָג איז אזוי פרעהליך, די וואָלקען טהיילען זיך פונאנדער. פליהענדיג בעשיינט די אונ-בעשטענדיגע זונן דעם בארג. רויטליך פליסט דער שטראָם פון בארג אין טהאָל אריין. זיס איז דיין מורמלען, שטראָם; דאָך זיסער איז די שטימע, וואס איך הער. עס איז אַלפּין'ס שטימע, ער בעקלאָגט דעם טויטען. זיין קאָפּ איז געבויגען פון אלטקייט און רויט זיינען זיינע פערוויינטע אויגען. אַלפּין, דו אויסגעצייכענטער זינגער! פאר וואס עפּעס אליין אויפ'ן שטילען בארג? פאר וואס יאָמערסטו ווי דער ווינט אין וואלד, ווי א כוואַליע אויפ'ן וויטען האפען?"

אלפּין.

„מיינע טרערען, רינאַ, זיינען פאר די טויטע, מיין שטימע פאר די בעוואוינער פון קבר. שלאַנק ביסטו אויפ'ן בארג, שעהן צווישען די זיהן פון דער וויסטע! אבער דו וועסט פאלען ווי מאַראַר און אויף דיין קבר וועט זיטצען דער טרויערענדער. די בערג וועלען דיך פערגעסען. דיין בויגען ליעגט ניט געשפּאַנט.

„דו ביסט געוועזן שנעל, מאַראַר. אזוי ווי א הירש אויפ'ן בארג, שרעקליך ווי די נאַכטפייער אויפ'ן הימעל. דיין צאָרן איז געוועזן א שטורם, דיין שווערט אין דער שלאַכט ווי בליטצען אין דער וויסטע. די שטימע ווי דער וואלד-שטראָם נאָך א רעגען, ווי דער דונער אויף די וויטע בערג. מאַנכע זיינען געפאלען פון דיין האנד, דער פלאַם פון דיין צאָרן האט זיי פערצעהרט. אבער ווען דו ביסט צוריק געקר-

מען פון מלחמה, ווי פריידליך עס איז געווען דיין קול. דיין פּנים איז געווען גליך צו דער זונן נאָך אַ שטורם, ווי די לבנה אין דער שטילער נאַכט, דיין ברוסט אַזוי רוהיג ווי דער ים נאָכדעם ווי דאס רוישען פון ווינט האט אויפגעהערט.

„ענג איז איצט דיין וואוינונג, פינסטער איז דיין געצעלט! מיט דריי שריט מעסט איך אָב דיין קבר, פון דיר, וואס ביסט אַמאָל געווען אַזוי גרויס! פיער שטיינער מיט מאָך־בעוואַקסענע קעפּ זיינען דיין איינציגעס געדעכעניס; אַ בוים אָהן בלעטער, לאַנגעס גראָז, וואס ווייספּערט אין ווינט, ווייזט אָן פאר'ן יעגער'ס אויגען וואו דער קבר געפינט זיך פון דעם מעכטיגען מאָראר. הייסט ניט קיין מאַמע דיך צו בעוויינען, קיין מיידעל מיט ליעבעס־טרערען; טויט איז יענע, וואס האט דיך געבאָרען, געפאַלען איז מאָרגליין'ס טאָכטער.

„ווער איז עס דאָרט מיט זיין שטעקען? ווער איז עס וועמעס קאָפּ איז ווייס פון אַלטקייט, וועמעס אויגען זיינען רויט פון טרערען? עס איז דיין פאטער,מאָראר, דער פאטער פון קיין זוהן אויסער דיר. ער האט געהערט פון דיין גרויסען נאָמען אין דער שלאַכט. ער האט געהערט פון צוואָנגטע שונאים, ער האט געהערט איבער מאָראר'ס בעריהמטהייט. אַך, גאָר ניט פון זיין וואונד? וויין, מאָראר'ס פאטער, וויין, אבער דיין זוהן הערט דיך ניט. טיעף איז דער שלאָף פון די טויטע, ניעדריג זייערע שטויב־קישען. קיינמאָל אכטעט ניט דער טויטער די שטימע, ער ערוואכט ניט ווען מען רופט איהם. אַך, ווען וועט עס טאָגען אין קבר און מען וועט בעפעהלען דעם טויטען: ערוואך!

„לעב וואָהל! עדעלסטער פון מענשען, זיעגער אין פעלד! אבער קיינמאָל וועט דיך דאס פעלד ניט זעהען, קיינמאָל וועט דער פינ־סטערער וואַלד ניט בעלייכטעט ווערען פון דעם גלאַנץ פון דיין שטאָהל! דו לאָזט ניט איבער קיין זוהן, אבער דער געזאַנג זאָל פער־אייביגען דיין נאָמען, שפּעטערע צייטען זאָלען הערען פון דיר, הערען פון דעם געפאַלענעם מאָראר.

„הויך איז געווען דער טרויער פון די העלדען, אָם העכסטען איז געווען ארמין'ס גרויסער זיפץ. איהם האט עס דערמאָהנט אָן דעם טויט פון זיין זוהן, וועלכער איז געפאַלען אין זיין יוגענד. קאַרמירר, דער פירסט פון דעם שרייענדען גאַלמאַל, איז געזעסען נעבען דעם

העלד. „וואס האט ארמינס אזוי געבליפּעט?״ האט ער געפּרעגט, „וואס דארף מען דאָ וויינען? קלינגט ניט ליעד און געזאנג די נשמה צו שמעלצען און צו דערפרייען? זיי זיינען ווי א זאנפטער וואָלקען, וואס געהט אויף פון ים איבער׳ן טהאָל און בענעטצט די בליהענדע בלומען; אבער די זונן קומט ווידער אין איהר קראַפט און דער וואָלקען איז צוגאנגען. פאר וואס ביסטו אזוי פערזאָמערט, ארמין, הערשער פון דער מיט ים־ארומגערינגעלטע גאָרמון?״

„פעראומערט! אודאי בין איך עס און ניט וועניג איז די אורזאכע פון מיין וועהטאג. — קארמאר, דו האסט ניט פערלאָרען קיין זוהן, האסט ניט פערלאָרען קיין בליהענדע טאָכטער; קאָלגאר, דער העלדישער, לעבט, און אויך אמורא, די שעהנסטע פון די מייד־לעך. די צווייגען פון דיין הויז בליהען, אָה, קארמאר; אבער ארמין איז דער לעצטער פון זיין שבט. פינסטער איז דיין בעט, אָה, דאורא! פערשטיקט איז דיין שלאָף אין קבר — ווען ערוואכסטו מיט דיינע ליעדער, מיט דיין מעלאָדישער שטימע? ערוואכט, איהר הערבסט ווינטען! ערוואכט, שטורמט איבער דער פינסטערער מדבר! וואלד־שטראָמען, ברויזט! פייפט איהר שטורמען אויף די שפּיטצען פון די אייכען־בוימער! וואנדער דורך געבראָכענע וואָלקען, לבנה, ווייז אבוועקסלענדיג דיין בלייכען פנים. דערמאָהן מיך אָן דער שרעק־ליכער נאכט, ווען מיינע קינדער זיינען אומגעקומען, ווען דער העל־דישער ארינדאל איז געפאלען, ווען דאורא׳ס ליעבע איז אונטער־געגאנגען.

„דאורא, מיין טאָכטער, דו ביסט געווען שעהן — שעהן ווי די לבנה אויף די בערג פון פורא, וויים ווי דער געפאלענער שנעע, זיס ווי אטהמענדע לופט! ארינדאל, דיין בויגען איז געווען שטארק, דיין שפּיז שנעל אויפ׳ן שלאכטפעלד, דיין בליק ווי נעבעל אויף דער כוואליע, דיין שילד א פייער־וואָלקען אין שטורם.

„ארמאָר, בעריהמט אין מלחמה, איז געקומען און פערלאנגט חתונה צו האבען מיט דאורא׳ן; זי האט ניט לאנג געקעמפפט דאַ־געגען. שעהן זיינען געווען די האָפנונגען פון איהרע פריינדע.

„עראטה, אנדאלל׳ס זוהן איז געווען ברוגז, ווייל זיין ברודער איז געלעגען דערשלאָגען פון ארמאָר׳ן. ער איז געקומען פערשטעלט אלס

שיפער. שעהן איז געווען זיין שיפעל אויף די כוואַליעס, ווייס זיינע לאָקען פון אַלטקייט, רוהיג זיין ערנסטעס געזיכט.

„שעהנסטע פון אַלע מיידלעך," האט ער געזאגט, „ליעבסטע טאָכטער פון אַרמין, דאָרט נעבען פעלזען, ניט ווייט אין ים, דאָרט וואַרט אַרמאַר אויף דאורא; איך קום פיהרען זיין ליעבע איבער שטורמישע כוואַליעס.

„זי איז איהם נאָכגעגאַנגען און גערופען אַרמאַר'ן; גאָר ניט האט געענטפערט, אויסער די שטימע פון פעלזען.

„אַרמאַר, מיין ליעבער, מיין ליעבער! פאַר וואס ערגערסטו מיך אזוי? הער, אַרנאַטה'ס זוהן, הער, עס איז דאורא, וואס רופט דיך!

„עראַטה, דער פעררעטהער, איז לאַכענדיג ענטלאָפען פון לאַנד. זי האט אויפגעהויבען איהר שטימע און געפונען איהר פאָטער און ברודער, ארינדאַל, אַרמין! איז ניטאָ קיינער, וואס זאָל ראַטעווען דאורא'ן?

„איהר שטימע איז געקומען איבער'ן ים. ארינדאַל, מיין זוהן, איז אַרונטערגעקומען פון באַרג, אַנגעטהאָן אין די יאַגד־קליידער; זיינע פיילען האבען געקלונגען ביי זיין זייט, זיין בויגען האט ער געטראָגען אין דער האַנד, פינף שוואַרץ־גרויע הינט זיינען געווען אַרום איהם. ער האט געזעהען דעם וואַגענדען עראַטה ביים ברעג, האט ער איהם געכאַפּט און אָנגעבונדען צום אייכענבוים; פעסט האט ער אַרומגעפלאָכטען זיינע פיס, דער געבונדענער האט אָנגעפיללט די ווינטען מיט זיינע קולות.

„ארינדאַל איז אַרויף אויף די כוואַליעס מיט זיין שיף אום אַריעבער צו ברענגען דאורא'ן. אַרמאַר איז געקומען אין זיין צאָרן, אָבגעדריקט די גרויע פייל, זי האט אויסגעקלונגען און פערזונקען אין דיין האַרץ. אָה, ארינדאַל, מיין זוהן! אַנשטאַט דעם פעררעטהער עראַטה, ביסטו אומגעקומען. דאס שיפעל איז צוגעקומען צום פעלזען, ער איז אין דעם אומגעפאַלען און געשטאָרבען. צו דיינע פיס האט געפלאָסען דיין ברודער'ס בלוט, ווי שרעקליך איז געווען דיין יאָמער, אָה, דאורא!

„די כוואַליעס האבען צושמעטערט דאס שיפעל. אַרמאַר האט זיך אַריינגעוואָרפען אין ים, צו ראַטעווען זיין דאורא, אָדער צו

שטארבען. פלוצלינג איז אָנגעקומען א שטורם פון בארג אין די כוואַליעס, ער איז פערזונקען און מעהר ניט ארויסגעקומען.

„איינע אליין, אויפ'ן פעלזען ארומגערינגעלט פון ים, האב איך געהערט מיין טאָכטער'ס קלאָגען. פיעל און הויך איז געווען איהר געשריי, אבער איהר פאטער האט איהר ניט געקענט העלפען. די גאנצע נאכט בין איך געשטאנען ביים ברעג; הויך איז געווען דער ווינט, און דער רעגען האט געקלאפט שארף אויף דער זייט פון בארג. נאָך איידער דער פריהמאָרגען איז אָנגעקומען, איז שוין איהר קול געווען שוואך; זי איז אוועקגעשטאָרבען ווי די אבענד־לופט צווישען די פעלזען. אָנגעלאָדען מיט יאָמער איז זי געשטאָרבען און געלאָזען ארמינען אליין! אוועק איז מיין גבורה אין מלחמה, געפאַלען איז מיין שטאָלץ צווישען די מיידלעך.

„ווען די שטורמס פון בארג קומען, ווען דער נאָרד־ווינט הייבט די כוואַליעס אין דער הויך, זיטץ איך ביים ברויזענדען ברעג און קוק צום שרעקליכען פעלזען. אָפט, אין דער פינקלענדער לבנה, זעה איך די גייסטער פון מיינע קינדער, האלב־לייכטענדיג געהען זיי אינאיינעם פערטרויערט."

א שטראָם טרערען, וואס האט ארויסגעבראָכען פון לאָטטע'ס אויגען און אביסעל גרינגער געמאכט אויף איהר הארצען, האט אויך אונטערבראָכען ווערטהער'ן פון זיין לעזען. ער האט אוועקגעוואָרפען דאס פאפיר, אָנגעכאפט איהר האנד און געוויינט מיט ביטערע טרערען. לאָטטע האט זיך אָנגעלעהנט אויף דער אנדערער האנד און בעהאלטען איהרע אויגען אין טאשען טיכעל. די ריהרונג פון זיי ביידע איז געווען א שרעקליכע. זיי האבען געפיהלט זייער אייגענעם עלענד אין דעם שיקזאל פון די ערעלסטע, זיי האבען עס געפיהלט צוזאמען און זייערע טרערען האבען זיך פעראייניגט.

ווערטהער'ס ליפען און אויגען האבען געגליהט אויף לאָטטע'ס האנד; א שוידער האט זי בעפאלען; זי האט געוואָלט ענטלויפען, אבער שמערץ און מיטלייד זיינען געלעגען ווי בליי אויף איהר. זי האט געאטהעמט, אום זיך צו ערהאָלען, און כליפענדיג האט זי איהם געבעטען אוועק צו פאהרען, זי האט איהם געבעטען מיט דעם גאנ־

צען כח פון איהר נשמה! ווערטהער האט געציטערט, זיין הארץ האט געוואַלט פּלאַטצען, ער האט אויפגעהויבען דאס פּאַפּיר און געלייענט האַלב געבראַכען:

„פאַר וואס וועקסטו מיך, פריהלינגס־לופט? דו לאַשצעסט זיך צו מיר און זאגסט: „איך בעטהוי מיט הימלישע טראָפּען!" אבער די צייט פון מיין פערוויאַנעט ווערען איז נאָהענט, נאָהענט איז דער שטראַם, וואס וועט ארונטעררייסען מיינע בלעטער! מאָרגען וועט קומען דער וואַנדערער, יענער וואס האט מיך געזעהען אין מיין שעהנ־הייט, ארום און ארום וועט זיין אויג מיך זוכען אין פעלד. אבער ער וועט מיך ניט געפינען"....

דער גאַנצער כח פון דיזע ווערטער איז געפאַלען איבער דעם אונגליקליכען. אין דער גרעסטער פערצווייפלונג האט ער זיך אניעדערגעוואָרפען פאר לאָטטע'ן, אָנגעכאַפּט איהרע הענד, זיי צוגעדריקט צו זיינע אויגען, צו זיין שטערען, אין איהר אויסגעזעהען דורכצו־פליהען דורך איהר נשמה אַן אהנונג איבער דעם וואס ער רעכענט צו טהון. איהרע חושים זיינען צומישט געוואָרען. זי האט געדריקט זיינע הענד, זיי געדריקט צו איהר ברוסט, זיך צוגעבויגען צו איהם מיט אַ וועהמיטהיגער בעוועגונג און זייערע גליהענדע באַקען האבען זיך בעריהרט.

די גאַנצע וועלט איז פאר זיי געוועזען טויט. ער האט זי ארומגע־נומען און צוגעדריקט צו זיין ברוסט און בעדעקט איהרע ציטערענדע און שטאַמלענדע ליפּען מיט ווילדע קושען.

„ווערטהער!" האט זי אויסגערופען מיט אַ פערשטיקטער שטי־מע, זיך אָבווענדענדיג. „ווערטהער!" זי האט מיט אַ שוואכער האַנד אָבגעשטויסען זיין ברוסט פון איהרער; „ווערטהער!" האט זי אויס־גערופען מיט אַ געפאַסטען טאָן פון די ערעלסטע געפיהלע. ער האט ניט געקענט קעמפּפען געגען איהר, ער האט זי ארויסגעלאָזען פון זיינע אָרעמס און ווי משוגע האט ער זיך אניעדערגעוואָרפען פאר איהר.

זי האט זיך אָבגעריסען און אין שמערצליכער אויפרעגונג האט זי אויסגערופען, ציטערענדיג צווישען כעס און צאָרן:

„דאס איז דאס לעצטע מאָל, ווערטהער! מעהר קענט איהר מיך ניט זעהען!”

און מיט דעם פולסטען בליק פון ליעבע אויף דעם אונגליקליכען, איז זי ארויס אין נעבענצימער און זיך דאָרט פערשלאָסען.

ווערטהער האט איהר נאָכגעשטרעקט די הענד, אבער ער האט ניט געוואגט זי צוריק צו האלטען. ער איז געלעגען אויף דער ערד, דעם קאָפּ אויף דער קאנאפע, און אין דיעזער פּאָזיציע איז ער געבליעבען איבער א האלבע שטונדע, ביז א גערויש האט איהם אויפגעוועקט.

עס איז געווען דאס דיענסט־מיידעל, וואס האט געוואָלט גרייטען צו טיש. ער איז געגאנגען אין צימער הין און צוריק, און ווען ער האט זיך געזעהען ווידער אליין, איז ער צוגעגאנגען צו דער טהיר פון קאבינעט און מיט א ניעדריגער שטימע האט ער גערופען:

„לאָטטע! לאָטטע! בלויז נאָך איין וואָרט! איין לעבעוואָהל!”

זי האט געשוויעגען. ער האט געוואַרט און געבעטען און געוואַרט; דאַן האט ער זיך אַוועקגעריסען און אויסגערופען:

„לעבע וואָהל, לאָטטע! אויף אייביג, לעב וואָהל!”

ער איז צוגעקומען ביז צום שטאַדט־טויער. די וועכטער, וועלכע זיינען שוין געווען געוועהנט מיט איהם, האבען איהם שטילשוויי־גענד ארויסגעלאָזען. עס האט אויסגעזעהען ווי צווישען רעגען און שנעע. ארום עלף א זייגער האט ער ווידער געקלאפּט. א דיענער האט בעמערקט, אז בשעת ווערטהער איז אַהיים געקומען, האט ער ניט געהאַט דעם הוט. ער האט ניט געסמייעט עפּעס צו זאגען, איהם אויסגעטהאַן, און אַלעס איז געווען נאַס. מען האט דערנאָך געפונען דעם הוט אויף א פעלזען, וואס ליעגט ביים אָבהאנג פון בארג נעבען טהאָל, און מען קען ניט פערשטעהען, ווי אזוי ער איז ארויפגעגאנגען דעם פעלזען אין אזא פינסטערער און נאַסער נאַכט און איז ניט ארונטערגעפאלען.

ער האט זיך אריינגעלעגט אין בעט און איז לאַנג געשלאָפען. דער דיענער האט איהם געפונען שרייבענדיג, ווען ער איז געקומען אויפ'ן צווייטען טאָג איהם ברענגען קאַפע.

פֿאָלגענדעס האט ער געשריעבען אין א בריעף צו לאָטטע'ן:

„צום לעצטען מאָל אלזאָ, צום לעצטען מאָל מאַך איך אויף די אויגען. אַך, מעהר וועלען זיי די זונן שוין ניט זעהען; א טריעבער, נעבעלדיגער טאָג האלט די זונן פֿערדעקט. אויב אזוי, דאַן טרויער נאַטור! דיין זוהן, דיין פֿריינד, דיין געליעבטער דערנעהנטערט זיך צום סוף! לאָטטע! דאס איז איין געפֿיהל, וואס האט קיין גלייכען, און דאָך קומט עס ווי נאָך א חלום זיך צו זאגען: „דאס איז דער לעצטער טאָג!" דער לעצטער, לאָטטע! איך האב גאָר קיין בעגריעף פֿאר'ן וואָרט דער לעצטער! שטעה איך ניט דאָ אין מיין גאַנצער קראַפֿט, און דאָך, מאָרגען וועל איך ליעגען אויסגעשטרעקט אויף דער ערד.

„שטארבען? וואס איז דאס? זעה נאָר, מיר חלום'ן, ווען מיר רעדען פֿון טויט. איך האב שוין געזעהען מאַנכע מענשען שטארבען; אבער די מענשהייט איז אזוי איינגעבילדעט, אז זי האט גאָר קיין בעגריעף פֿון דעם אָנפֿאַנג און סוף פֿון איהר לעבען. יעצט נאָך ביסטו מיינע, איך בין דיינער! דיינער, אַך, געליעבטע! און אין איין אויגענבליק, צוריסען, געשיעדען, פֿיעללייכט גאָר אויף אייביג! — ניין, לאָטטע, ניין! ווי אזוי קען איך אונטערגעהען? ווי קענסטו אונטערגעהען? מיר עקזיסטירען דאָך! אונטערגעהען? וואס הייסט דאס? דאָ האָסטו ווידער א וואָרט! א לעדיגע שאָלעכץ! אָהן א שום געפֿיהל פֿאר מיין הארץ. — טויט, לאָטטע! פֿערשפּארט אין דער קאַלטער ערד, אזוי ענג, אזוי פֿינסטער! — איך האב געהאט א פֿריינדין, וואס איז געוועזען אלצדינג פֿאר מיר אין מיין הילפֿלאָזער יוגענד; זי איז געשטאָרבען און איך בין נאָכגעגאַנגען נאָך איהר לויה. איך בין געבליעבען שטעהען ביים קבר, ווי מען האט ארונטערגעלאָזען דעם ארון. דאַן ארויסגעצויגען די שטריק פֿון אונטער איהר און ארויפֿגעשאָטען די ערשטע לאָפּעטע ערד. יעדע לאָפּעטע ערד האט ארויסגעבראַכט עפּעס א דומפּפֿען טאָן, אלץ דומפּפֿער און דומפּפֿער ביז אלעס איז בעדעקט געוואָרען. איך בין אומגעפֿאַלען נעבען קבר — אויסער זיך, אויפֿגערעגט, פֿער'צרה'ט, מיין הארץ צוריסען אבער איך ווייס ניט ווי דאס איז געוועזען — ווי מיט מיר וועט עס געשעהען — שטארבען! קבר! איך פֿערשטעה ניט די ווערטער!

„זיי מיר מוחל! זיי מיר מוחל! נעכטען — עס האט בעדאַרפֿט

זיין דער לעצטער אויגענבליק פון מיין לעבען! אַך, דו מלאך, צום ערשטען מאָל, צום ערשטען מאָל האט מיך דורכגענומען אָהן א ספק דאס אינווענינ־ערנסטעס, דורכגליהענדעס און גליקליכעס געפיהל: „זי ליעבט מיך! זי ליעבט מיך!” אויף מיינע ליפּען ברענט נאָך דאס הייליגע פייער, וואס האט ארויסגעשטראָמט פון דיר; נייעס און ווארעמעס גליק איז אין מיין הארצען. זיי מיר מוחל! זיי מיר מוחל!

„אַך, איך האב געוואוסט, אז דו ליעבסט מיך, איך האב עס געוואוסט פון די ערשטע נשמה־פולע בליקען, פון דעם ערשטען האנדדרוק; און דאָך, ווען איך בין געווען אוועק, ווען איך האב געזעהען אלבערט'ן נעבען דיר, בין איך ווידער אריינגעפאלען אין פיעבערהאפטע ספקות.

„געדענקסטו די בלומען, וואס דו האָסט מיר געשיקט? דאמאלס, ווען דו האָסט ניט געקאָנט זאגען מיר א וואָרט אין יענער געזעלשאפט, מיר צו זאגען א וואָרט אָדער גיבען די האנד? א האלבע נאכט האב איך פאר זיי געקניעט און זיי האבען מיר פערזיעגעלט דיין ליעבע. אבער, אַך, דיעזע איינדריקע זיינען פאָראיבער, פונקט ווי דאס געפיהל פון זיין גאָט פערשווינדעט פון דער נשמה פון דעם גלויביגען, וועלכעס האט איהם אָנגעפילט מיט גליק.

„דאס אַלעס געהט פאָראיבער, אבער קיין אייביגקייט קען אויסלעשען דאס גליהענדע לעבען, וואס איך האב נעכטען גענאָסען אויף דיינע ליפּען, וואס איך פיהל אין מיר! „זי ליעבט מיך!” דיעזע האנד האט זי ארומגענומען, דיעזע ליפּען האבען געציטערט אויף איהרע ליפּען, דיעזעס מויל האט געשטאַמעלט אויף איהר מויל. זי איז מיינע! דו ביסט מיינע! יא, לאָטטע, אויף אייביג!

„און וואס איז דאס, וואס אַלבערט איז דיין מאַן? מאַן! דאס איז נאָר פאר דיעזער וועלט, — און פאר דיעזער וועלט איז עס ניט א זינד, אז איך זאָל דיך ארויסרייסען פון זיינע אָרעמס און אין מיינע אריינגעהמען? זינד? גוט, און איך בעשטראָף מיך דערפאר; איך האב די זינד פערזוכט אין איהר גאנצעס הימלישעס פערגניעגען, איך האב אריינגעזויגען אין מיין הארצען לעבענס־באַלזאם און קראפט. פון דיעזען אויגענבליק אָן ביסטו מיינע! מיינע, אַך, לאָטטע! איך געה פאָראויס, איך געה צו מיין פאטער, צו דיין פאטער. פאר איהם

וועל איך מיך בעקלאָגען און ער וועט מיך טרייסטען ביז דו וועסט קומען. דאַן וועל איך דיר ענטקעגען לויפען, דיך אומארמען און בלייבען ביי דיר אין דער געגענוואַרט פון דעם אונענדליכען און אייביגער אומארמונג.

„איך חלום ניט, איך פאַנטאזיר ניט. נאָהענט צום קבר ווערט עס מיר ליכטיגער. מיר וועלען זיין! מיר וועלען זיך ווידער זע־הען! די מוטער זעהען — איך וועל זי זעהען, איך וועל זי געפינען, אַך! און פאר איהר אויסגיסען מיין האַרץ! דיין מוטער, דאס בילד פון דיר!”

אַרום עלף אַ זייגער האט ווערטהער געפרעגט זיין דיענער, אויב אַלבערט איז שוין צוריק געקומען. דער דיענער האט געענטפערט, „יא,” וויל ער האט שוין געזעהען זיינע פערד דורכפיהרען. דערביי האט איהם ווערטהער דערלאַנגט אַן אָפען צעטעל מיט דיעזען אינ־האַלט:

„ווילט איהר מיר ניט לייען אייערע פיסטוילען אויף אַ רייזע? לעבט וואָהל!”

די ליעבע פרוי האט די לעצטע נאַכט ווייניג געשלאָפען; וואס זי האט מורא געהאַט, איז שוין געוועז ענטשיעדען. איהר בלוט, וואס איז זאָנסט אַזוי ריין און אַזוי גרינג געוועזען, איז געוועזען אין אַ פיעבער־האַפטער עמפּערונג; טויזענדערליי געפיהלען האבען צוריסען דאס שעהנע האַרץ. איז עס געוועזען דאס פייער פון ווערטהער'ס אומאר־מונגען, וואס האט אַזוי געברויזט אין איהר בוזים? איז עס געוועזען כעס געגען זיין סמייען? איז עס געוועזען דער פערגלייך פון איהר געגענוואַרט מיט יענע צייטען פון אונשולד און פערטרויען אויף זיך זעלבסט? ווי קען זי בעגעגענען איהר מאַן? ווי קען זי איהם אַלעס דערצעהלען, וועלכע זי שפּירט, אז זי מוז, און דאָך קען זי זיך ניט טרויען דאס צו טהאָן? זיי האבען שוין אַזוי לאַנג געשוויעגען, זאָל זי איצט רעדען די ערשטע? זאָל זי, אין אַזאַ אונפּאַסענדער צייט, מאַכען פאר איהם דיעזע אונערוואַרטעטע ענטדעקונג? זי האט גע־ציטערט, אז דער פאַקט אַליין, דאס ווערטהער איז דאָרט געוועזען, וועט שוין מאַכען אַ שלעכטען איינדרוק אויף אַלבערט'ן, און היינט נאָך דיע־

זע קאטאסטראָפע? קען זי ערוואַרטען איהר מאן זאָל קיין חשד ניט האבען? קען זי ווינשען ער זאָל אריינקוקען טיעף אין איהר נשמה? נאָך מעהר: קען זי זיך מאסקירען געגען יענעם, פאר וועלכען זי האט קיינמאָל קיין סודות ניט געהאט? אזעלכע געדאנקען האבען זיך גע־דרעהט אין איהר מח און זי האט ניט געוואוסט, וואס צו טהון. נאָר די געדאַנקען זיינען יעדעס מאָל צוריק געגאַנגען צו ווערטהער׳ן, וועלכער איז פאר איהר געווען פערלאָרען און, צו איהר שמערץ, האט זי איהם געמוזט לאָזען אין זיין פערצווייפלונג.

ווי שווער די לאַסט איז אויף איהר געלעגען! אזעלכע קלוגע און גוטע מענשען הייבען פּלוצלינג אָן, צוליעב פערבאָרגענע פער־שיעדענהייטען, צו שווייגען; יעדער האט נאָכגעדענקט איבער דעם רעכט און אונרעכט פון דעם אַנדערן און די פערהעלטניסע האבען זיך אזוי פערדרעהט, אז עס איז אונמעגליך געווען זיך ארויסצודרע־הען. ווען זיי וואָלטען פריהער געווען פערטרויעליכער, ווען די ליעבע וואָלט מעהר געעפענט זייערע הערצער, וואָלט מען נאָך פיעללייכט געקענט ראטעווען אונזער פריינד.

עס איז צוגעקומען נאָך א זאָנדערבארער צושטאַנד. ווי מיר וויסען עס פון זיינע בריעף, האט עס ווערטהער קיינמאָל ניט גע־האַלטען פאר קיין סוד, אז ער וויל אוועק פון דער וועלט. אַלבערט האט מיט איהם א סך מאָל גערעדט דאריבער. אויך האט לאָטטע און אַלבערט פיעלע מאָל זיך דורכגערעדט וועגען דעם. אַלבערט, וועלכער האט געהאט אַן עקעל פאר זעלבסטמאָרד, האט ערקלערט, אז ער צווייפעלט אין ווערטהער׳ס ערנסט. ער האט ניט נאָר איינ־מאָל אזוי חוזק געמאַכט פון ווערטהער׳ן, אז דאס האט געווירקט אויף לאָטטע׳ן, זי זאָל איהם ניט נעהמען ערנסט. דאס האט זי אפילו בערוהיגט, אבער דאס האט זי געשטערט מיטצוטהיילען איהר מאן איבער די נייע זאָרגען.

אַלבערט איז צוריקגעקומען און לאָטטע איז איהם ענטקעגען גע־גאַנגען מיט א פערלעגענער שנעללקייט; ער איז ניט געווען מונטער, וויל זיין געשעפט איז איהם ניט געלונגען. ער האט געפונען אין דעם שכן, דעם אַמטמאַן, א הארטען און קליינינקען מענשעלע. דער שלעכטער וועג האט איהם אויך אויפגערעגט.

ער האט געפרעגט, אויב עס האט ניט עפּעס פּאסירט, און זי האט איבעראיילט געענטפערט:

„ווערטהער איז נעכטען ביי נאכט דאָ געוועזן. ער האט גע־פרעגט, אויב עס זיינען געקומען בריעף, און מען האט איהם געענט־פערט, אַז עטליכע בריעף און פּעקלעך ליעגען אין זיין צימער.״

אַלבערט איז ארויסגעגאנגען און לאָטטע איז געבליעבען אליין. די געגענוואַרט פון דיעזען מאַן, וואס זי האט געליעבט און געעהרט, האט געמאַכט אַ נייעם איינדרוק אויף איהר הארץ. דער זכרון אָן זיין עדעלקייט, זיין ליעבע און גוטסקייט האט אביסעל בערוהיגט איהר געמיטה. זי האט געפיהלט עפּעס אַ היימליכען פערלאַנג איהם נאָכ־צוגעהען. זי האט גענומען איהר ארבייט און איז אריין אין זיין צימער ווי זי פלעגט אָפט טהון. זי האט איהם געפונען בעשעפטיגט אויפברעכענדיג די פּאַקעטען, אום זיי צו לעזען. אייניגע האבען ניט אויסגעזעהען צו זיין זעהר אַנגענעהם. זי האט איהם געשטעלט איי־ניגע פראגען, וואס ער האט קורץ בעענטפערט, דאַן איז ער צוגעגאַנגען צום שרייב־טיש.

אַט אזוי האבען זיי צוגעבראַכט אַ שטונדע, און אין לאָטטע'ס געמיטה איז עס געוואָרען אַלץ פינסטערער. זי האט געפיהלט, ווי שווער עס וועט איהר זיין צו ענטדעקען פאר איהר מאַן, וואס עס איז געלעגען אויף איהר הארצען, אפילו ווען ער זאָל זיין ביי דער שטי־מונג. זי איז אריינגעפאַלען אין אַן אומעט, וואס האט איהר נאָך ערגער געמאַכט, ווייל זי האט געמוזט ארונטערשלינגען איהרע טרערען.

די ערשיינונג פון ווערטהער'ס דיענער האט זי געזעצט אין דער גרעסטער פערלעגענהייט. דער דיענער האט דערלאַנגט אַלבערט'ן דאס צעטעל. אַלבערט האט דאס איבערגעלייענט און גאַנץ געלאַסען האט ער געזאָגט צו זיין פרוי:

„גיב איהם די פּיסטוילען.״

צום דיענער: „איך ווינש איהם אַ גליקליכע רייזע.״

דאס איז געפאַלען אויף איהר ווי אַ דונערשלאַג. זי האט ניט געקענט אויפשטעהען און זי האט ניט געוואוסט, וואס עס איז מיט איהר.

ענדליך האט זי זיך אויפגעהויבען, לאַנגזאם צוגעגאַנגען צו דער

וואַנט, ציטערענדיג ארונטער גענומען די געוועהרען, אָבגעווישט דעם שטויב און געצעגערט. זי וואָלט נאָך לאַנג געצעגערט, ווען אלבערט וואָלט זי ניט געצוואונגען דורך אַ פרעגענדען בליק.

זי האט געגעבען דעם דיענער דאס אונגליקליכע ווערקצייג, ניט קענענדיג ארויסברענגען אַ וואָרט. ווען ער איז ארויס פון הויז, האט זי צונויפגעלעגט איהר ארבייט, אריין און ניט געוואוסט וואס צו טהון. איהר הארץ האט איהר געזאגט אלערליי שרעקליכע זאַכען. באלד האט זי זיך געוואָלט וואַרפען איהר מאַן צו די פיס, איהם דערצעהלען, די געשיכטע פון דעם פאָריגען אבענד, איהר שולד מיט אלע איהרע געפיהלען; דאַן האט זי ניט געזעהען קיין אויסוועג פון אזא לאַגע, ווענינגסטענס אזוי, ניט דערצעהלט, וועט זי קענען אפשר בעווען איהר מאַן, ער זאָל צוגעהן צו ווערטהער'ן.

דער טיש איז שוין געווען געגרייט, און אַ גוטע פריינדין, וואס איז אריינגעקומען עפּעס פרעגען, האט געוואָלט ארויסגעהען, אבער זי איז געבליעבען און געמאַכט ערטרעגליך די אונטערהאלטונג ביים טיש; מען האט זיך געצוואונגען, מען האט גערעדט, מען האט דער־צעהלט, מען האט זיך פערגעסען.

דער דיענער איז געקומען מיט די פּיסטוילען צו ווערטהער'ן, וועלכער האט זיי צוגענומען מיט גרויסער פרייד, ווען ער האט גע־הערט, אז לאָטטע אליין האט זיי איהם געגעבען. ער האט זיך גע־הייסען ברענגען ברויט און וויין, געהייסען דעם דיענער געהען עסען, און ער האט זיך אוועקגעזעטצט שרייבען.

„דורך דיינע הענד זיינען זיי געגאַנגען, דו האָסט פון זיי אָבגע־ווישט דעם שטויב, איך קוש זיי טויזענד מאָל, ווייל דו האָסט זיי בעריהרט; און דו, הימלישער גייסט, קוקסט ארונטער גינסטיג אויף מיין בעשלוס! דו, לאָטטע, האָסט מיר דערלאַנגט דאס ווערקצייג, דו, פון וועמעס הענד, איך האב געזוכט דעם טויט, און, אַך, יעצט עמפפאַנג איך איהם! אַך, איך האב אויסגעפרעגט מיין דיענער. דו האָסט געציטערט, ווען דו האָסט זיי איהם דערלאַנגט, האָסט ניט געזאָגט קיין לעבוואָהל! — וועה, וועה, קיין לעבוואָהל! — האָסטו פאר מיר פערשלאָסען דיין האַרץ צוליעב דעם אויגענבליק, וואס האט מיך אויף אייביג צוגעפעסטיגט צו דיר? לאָטטע, אפילו טויזענד

יאָהרען וועלען ניט אויסלעשען דיעזען איינדרוק. איך פיהל עס, דו קענסט ניט האסען יענעם, וועלכער גליהט אזוי פאר דיר."

נאָך טיש, האט ער געהייסען דעם דיענער אלעם איינפּאַקען. ער האט צוריסען פיעלע פּאַפּירען, ער איז ארויסגעגאַנגען און בע־צאהלט חובות. ער איז ווידער צוריק געקומען, ווידער צוגעגאַנגען צום טויער, ניט קוקענדיג אויפ'ן רעגען. ער איז אריין אין גראף'ס גאָרטען, ארום געגאַנגען, און ווען עס איז נאַכט געוואָרען, איז ער צוריק געקומען.

„ווילהעלם! איך האב געזעהען צום לעצטען מאָל פעלד, וואלד און הימעל. אויך דו לעב וואָהל. ליעבע מוטער, פערצייהע מיר. טרייסט זי, ווילהעלם, גאָט זאָל איך בענשען. מיינע זאַכען זיינען אלע געבראַכט געוואָרען אין אָרדנונג. לעבט וואָהל. מיר וועלען זיך נאָך ווידער זעהען, אבער פרייליכער."

„אלבערט, איך האב דיר שלעכט בעלוינט, אבער דו ביסט מיר מוחל. איך האב געשטערט דעם פריעדען פון דיין הויז, איך האב אריינגעבראַכט חשך צווישען אייך. לעב וואָהל, איך וועל מאַכען א סוף דערפון. אָך, הלואי זאָלט איהר זיין גליקליך דורך מיין טויט. אלבערט! אלבערט! מאַך גליקליך דעם מלאך! דערפאר זאָל אויף דיר רוהען גאָט'ס ברכה."

ער האט נאָך, אין יענעם אבענד, פיעל פערבראַכט איבער זיינע פּאַפּירען. פיעלע צוריסען און אריינגעוואָרפען אין אויווען. אייניגע פּעקלעך אדרעסירט צו ווילהעלם'ן, האט ער פער'חתמ'עט. זיי האָ־בען ענטהאַלטען קליינע אויפזעטצע, אָבגעריסענע געדאַנקען, פון וועלכע איך האב געזעהען פערשיעדענע. ארום צעהן א זייגער האט ער געלאָזען מאַכען פייער, געשיקט דעם דיענער שלאָפען. דער

דיענער האט זיך געלעגט אין זיינע קליידער, כדי ער זאָל קענען אויפ־שטעהען גאַנץ פריה און זיין צו דער האַנד, ווייל זיי בעל־הבית האט איהם געזאגט, אַז די פּאָסט־פערד וועלען צוקומען צום הויז פאר זעקס א זייגער.

„נאָך עלף.

„אלעס איז אזוי שטיל ארום מיר, און מיין נשמה איז אזוי רוהיג. איך דאַנק דיר גאָט, וואס דו שענקסט מיר דיעזען לעצטען אויגענבליק פון ווארעמקייט און קראַפט.

„געליעבטע! איך געה צו צום פענסטער און איך זעה נאָך דורך די שטורמדיגע, פאראיבערגעהענדע וואָלקען, איינציגע שטערען אויפ'ן אייביגען הימעל. ניין, איהר וועט ניט ארונטערפאַלען. דער אייבי־גער טראָגט אייך און מיך ביי זיין הארצען. איך זעה נאָרד־שטערען, דעם ליעבסטען פון אַלע שטערען. ווען איך בין ביי נאַכט ארויס פון דיר, ווען איך בין געשטאַנען נעבען דיין טויער, איז ער געשטאַנען געגענאיבער מיר. מיט וואס פאר א בעגייסטערונג איך האב איהם געזעהען. איך האב איהר אָפט, מיט אויפגעהויבענע הענד, איהם גע־מאַכט פאר מיין צייכען, צום הייליגען סימן פון מיין געגענווערטי־גען גליק. און נאָך — אבער, לאָטטע, וואס דערמאָהנט מיך ניט אָן דיר?

„ליעבעס שאטענבילד! איך גיב דיר עס צוריק, לאָטטע! און איך בעט דיך דו זאָלסט עס עהרען. טויזענד, טויזענד קושען האב איך דארויף אָבגעדריקט; איהם טויזענד גרוסען געגעבען, ווען איך בין אריין אָדער ארויסגעגאַנגען.

„איך האב, אין א בריוועל, געבעטען דיין פאטער, ער זאָל בע־שיטצען מיין קערפּער. אויפ'ן קירכען־הויף געפינען זיך צוויי לינדען־בוימער, דאָרט ביים עק פון פעלד; דאָרט וויל איך רוהען. ער קען און וועט דאס טהון פאר א פריינד. בעט דו איהם אויך. איך וויל ניט צומיטהען פרומע קריסטען זיי זאָלען לעגען זייערע קערפּערס נעבען אַן אונגליקליכען. איך וואָלט זעהר וועלען איהר זאָלט מיך בעגראָבען אויפ'ן וועג, אָדער אין אַן איינזאַמען טהאָל, כדי דער כהן און לוי זאָלען זיך קענען בענשען, ווען זיי וועלען פארבייגעהען און דער שומרוני זאָל דערביי פערליערען א טרער.

„דאָ, לאָטטע! איך שוידער ניט, אָנצונעהמען דעם קאַלטען און

שרעקליכען בעכער, פון וועלכען איך זאָל טרינקען די בערוישונג פון טויט. דו האָסט מיר איהם דערלאַנגט, און איך צעגער ניט. אַלעס! אַלעס! אזוי וועלען זיין ערפיללט אַלע ווינשע און האָפנונגען פון מיין לעבען. אזוי קאַלט, אזוי פעסט אַנצוקלאַפּען אָן דעם קופּערנעם טויער פון טויט.

„ווי גוט מיר איז, וואס איך קען געניעסען פון דעם גליק צו שטאַרבען פאר דיר! לאָטטע, פאר דיר מיך מקריב צו זיין! איך וואָלט געשטאָרבען מוטהיג און פרעהליך, ווען איך וואָלט דיר געקענט צוריק געבען די רוה, דאס גליק פון דיין לעבען. אבער, אַך, דאס איז נאָר בעשערט פאר ווענינ עדלע, צו פערגיעסען זייער בלוט פאר די זייעריגע און דורך זייער טויט פערשאַפען אַ נייעס הונדערטפאַכיגעס לעבען פאר זייערע פריינד.

„לאָטטע, אין דיעזע קליידער וויל איך בעגראָבען ווערען; דו האָסט זיי בעריהרט, געהייליגט; דיין פאטער האב איך אויך דאס געבעטען. מיין נשמה שוועבט איבער'ן ארון. מען זאָל מיינע קעשע־נעס ניט בעזוכען. דיעזע בלייך־רויטע שלייפע, וואס דו האָסט גע־האַט אויף דער ברוסט, ווען איך האב דיך געפונען צווישען די קינ־דער. — אַך, קוש די קינדער טויזענד מאָל און דערצעהל זיי איבער דעם שיקזאַל פון זייער אונגליקליכען פריינד. די ליעבענקע! ווי זיי וויינען ארום מיר. אַך, ווי איך האב מיך צו דיר צוגעשלאָסען, פון דעם ערשטען אויגענבליק אָן! — דיעזע שלייפע זאָלען מיט מיר בעגראָבען ווערען; דו האָסט זיי מיר געשענקט צו מיין געבורטס־טאָג! ווי איך האב דאס אַלעס איינגעשלונגען! — אַך, איך האב ניט גערעכענט, אַז דער וועג וועט מיך פיהרען אהער. — זיי רוהיג, איך בעט דיך, זיי רוהיג!

„זיי זיינען געלאָדען — עס שלאָגט צוועלף! אזוי זאָל עס זיין!

— לאָטטע, לעב וואָהל!”

אַ שכן האט געזעהען דעם בליטץ פון פולווער און געהערט דעם קראַך פון שאָס; אזוי ווי אַלעס איז אבער שטיל געוואָרען, האט ער זיך מעהר ניט בעקימערט.

אין דער פריה, ארום זעקס אַ זייגער, איז דער דיענער אריינגע־

קומען מיט'ן ליכט. ער האט געפונען זיין בעל־הבית אויף דער ערד, דעם פיסטויל און בלוט. ער האט גערופען, איהם אנגעכאפט; קיין ענטפער, ער האט נאך געכארכעלט. ער איז געלאפען נאך א דאקטאר און צו אלבערט'ן. לאטטע האט געהערט קלינגלען, זי האט אנגעהויבען צו ציטערן אין אלע איהרע אברים. זי האט אויפגעוועקט איהר מאן. זיי זיינען אויפגעשטאנען. דער דיענער, וויינענדיג און שטאמלענדיג, האט געבראכט די נאכריכט. לאטטע איז אניעדער געפאלען אהנמעכטיג פאר אלבערט'ן.

ווי דער דאקטאר איז געקומען צום אונגליקליכען, האט ער איהם געפונען אויף דער ערד שוין פארביי. דער דופק האט נאך אפילו געקלאפט, אבער אלע גליעדער זיינען געוועזן געלעהמט. איבער'ן רעכטען אויג האט ער זיך דורכגעשאסען דעם קאפ, אז דאס געהירן האט ארויסגעשפריצט. מען האט איהם נאך געשלאגען צו דער אדער ביים ארעם, דאס בלוט האט אנגעהויבען צו לויפען, ער האט נאך געאטהעמט.

פון דעם בלוט אויף דער פארענטשע פון ביינקעל, האט מען זיך געמערקט, אז ער האט זיך געשאסען זיטצענדיג ביים שרייב־טיש. דאן איז ער ארונטערגעפאלען און קאנוואולסיוו האט ער זיך געקייקעלט ארום שטוהל. ער איז געלעגען ענטקרעפטעט נעגען פענסטער אויפ'ן רוקען. ער איז געוועזן אנגעטהאן, מיט די שטיוועל, א בלויען פראק און א געלע וועסט.

דאס הויז, די שכנים, די שטאדט איז אויפגערודערט געווארען. מען האט געלעגט ווערטהער'ן אויפ'ן בעט, פערבונדען זיין שטערען. זיין געזיכט איז שוין געוועזן ווי פון א טויטען. ער האט ניט גערירט מיט קיין אבר. די לונג האט נאך שרעקליך געכארכעלט, באלד שוואכער, באלד שטארקער; מען האט ערווארטעט זיין ענדע.

פון דעם וויין האט ער געטרונקען בלויז איין גלאז. „עמיליא גאלאטטי" איז געלעגען אפען אויפ'ן שרייב־טיש.

פון אלבערט'ס שרעקליכען צושטאנד, פון לאטטע'ס יאמער — וועל איך שוין בעסער שווייגען.

דער אלטער אמטמאן איז געקומען צו לויפען ווי ער האט נאר געהערט די נאכריכט. ער האט געקושט דעם גוסס בשעת הייסע טרערען זיינען פון איהם געלאפען. זיינע עלטערע זיהן זיינען באלד

נאָכגעקומען צופוס. זיי זיינען ארויפגעפאַלען אויפ׳ן בעט אין דעם אויסדרוק פון דעם גרעסטען שמערץ. זיי האבען געקושט זיינע הענד און זיין מויל. דער עלטסטער, וועלכען ער האט געליעבט אַם מייסטען, האט זיך אזוי אָנגעקלעפּט אָן זיינע ליפּען, ביז ער איז געוואָרען אויסער זיך און מען האט איהם געמוזט אָברייסען פון איהם מיט געוואַלט.

ארום צוועלף אַ זייגער, מיטאג־צייט, איז ער געשטאָרבען. די געגענוואַרט פון דעם אמטמאַן האט אָבגעהאַלטען אַן איבערגעלויף. ביי נאַכט, ארום עלף, האט ער איהם געלאָזען בעגראָבען, ווי ער האט פערלאַנגט. דער אַלטער און די זיהן זיינען געגאַנגען צו דער לויה. אַלבערט האט ניט געקענט. מען האט מורא געהאַט פאַר לאָטטע׳ס לעבען. ארבייטער האבען איהם געטראָגען. קיין גייסטליכער האט איהם בעגלייטעט.

דאָס מערכען

פאָרוואָרט צו „דאס מערכען."

„דאס מערכען" איז דער אָריגינאַלער טיטעל פון דיעזען קליינעם ווערק. אויף אידיש וואָלט מען דאס אַם בעסטען איבערזעטצט מיט „די בבא מעשה," און עס וואָלט אויך געווען דער פאַסענדער טיטעל דערפאר.

„דאס מערכען" האט ארויסגערופען א גאַנצע ביבליאָטהעק מיט פירושים, באַלד אזוי פיעל ווי דער צווייטער טהייל פון „פאוסט." אבער, דער אמת איז, אז געטהע'ן האט זיך גאָר קיין מאָל ניט גע־חלום'ט צו פערקערפערן אין „מערכען" די געדאנקען, וואס זיינע מפרשים האבען איהם צוגעשריעבען.

ווי געזאגט, איז „דאס מערכען" ניט מעהר ווי א בבא־מעשה, און געטהע האט געוואָלט ווייזען, אז אויך אויף דיעזען פעלד איז ער א מייסטער.

דאָ און דאָרט איז מעגליך, אז ער האט געמאכט מאַנכע אָנדייטונגען אויף די הערשענדע פירסטען, זיינע פריינד פון זיין צייט. אין אַלגעמיינעם אבער, איז דאס בלויז א בבא־מעשה, מיט וועלכער מען זאָל שפּייזען די פאַנטאַזיע פון מענשען, וואס זוכען פאַנטאַזיע צוליעב פאַנטאַזיע.

דער איבערזעטצער.

דאס מערכען

נעבען דעם גרויסען טייך, וועלכער איז נאָר וואס שטאַרק אָנגע־שוואָלען געוואָרען פון א גרויסען רעגען און איז דערפאר ארויס פון זיינע ברעגעס, האט זיך געפונען א קליין שטיבעלע.. דאָרט איז גע־לעגען דער אַלטער שיפער, מיעד פון דעם טאָג ארבייט, און איז גע־שלאָפען. ארום האַלבע נאכט האבען איהם אויפגעוועקט עטליכע הויכע שטימען; ער האט געהערט, אז רייזענדע ווילען, מען זאָל זיי אריבערפיהרען.

אזוי ווי ער איז ארויסגעקומען פאר דער טהיר, האט ער דער־זעהען צוויי גרויסע אירךליכטער שוועבענדיג איבער דעם שיפעל. זיי האבען איהם פערזיכערט, אז זיי איילען זיך שטארק און וואָלטען שוין װעלען זיין פון יענער זייט ברעג.

דער אַלטער האט זיך ניט פערזאמט, ארויסגערוקט זיך און אװעקגעפאהרען מיט דער געװעהנליכער שנעלקייט גלייך איבער'ן שטראָם. דערװייל האבען די אונבעקאנטע געשריען און געליארעמט עפּעס אין אַן אונבעקאנטער שפראך און מעהרערע מאָל אויסגעבראָ־כען אין א הויכעם געלעכטער. בשעת מעשה זיינען זיי געשפרונגען אויף דער פאַרענטשע, אויף די ביינק און אויפ'ן באָדען פון שיפעל.

„דאס שיפעל שאָקעלט זיך!" האט דער אַלטער אויסגעשריען, „און ווען איהר זייט אזוי אונרוהיג, קען זיך עס נאָך איבערקעהרען. זעטצט זיך, איהר ליכטער!"

זיי האבען אויסגעבראָכען אין א גרויסעם געלעכטער, געשפּאָ־טעט פון דעם אַלטען און זיינען געװען נאָך אונרוהיגער ווי פריהער. ער האט אריבערגעטראָגען זייער וואויוועען מיט געדולד און איז באַלד געװען פון יענער זייט.

„אָט דאָ האט איהר פאר אייער מיה," האבען די רייזענדע אויס־

געשריען און זיך אָנגעהויבען צו טרייסלען. דאן זיינען ארויסגעפאַלען פון זיי פיעלע גלענצענדע גאָלד שטיקלעך, און זיי זיינען געבליעבען אין נאסען שיפעל.

„אום גאָטעס ווילען, וואס טהוט איהר?" האט דער אַלטער אויסגעשריען, „איהר וועט מיך ברענגען אין גרעסטען אונגליק! ווען איין גאָלד־שטיקעל וואָלט אריינגעפאלען אין וואסער, דאן וואָלט דער שטראָם, וואס קען ניט לײדען דיעזעס מעטאל, זיך אויפגעהויבען אין שרעקליכע כוואַליעס און פערשלונגען מיך מיט'ן שיפעל; און ווער וויים ווי עס וואָלט מיט אייך צוגעגאַנגען. נעהמט אייך בעסער צוריק אייער גאָלד."

„מיר קענען ניט אויפהייבען ווידער דאס, וואס מיר האבען איינמאָל אָבגעטרייסעלט," האט איינער געענטפערט.

„אויב אזוי מאכט איהר מיר נאָר בלויז ארבייט," האט דער אַלטער געזאגט בשעת ער האט זיך אָנגעבויגען און אריינגעוואָרפען די גאָלד־שטיקלעך אין זיין היטעל. דאן האט ער ווייטער געזאגט: „יא, איהר מאכט מיר די ארבייט, איך זאָל זיי צוזאַמען נעהמען, אוועקטראָגען אויפ'ן לאנד און זיי בעגראָבען."

די אירדליכטער זיינען דערווייל ארויסגעשפרונגען פון שיפעל, און דער אַלטער האט אויסגערופען:

„און וואס הערט זיך מיט מיין לוין?"

„ווער עס נעהמט ניט קיין גאָלד, מעג ארבייטען אומזיסט!" האבען אויסגעשריען די אורדליכטער.

„איהר מוזט וויסען, אז מיך בעלוינט מען נאָר מיט פרוכטען פון דער ערד."

„מיט פרוכטען פון דער ערד? פע! מיר האבען זיי קיינמאָל ניט געגעסען!"

„און דאָך קען איך אייך ניט אָבלאָזען, ביז איהר וועט מיר צוזאָגען, אז איהר וועט מיר ברענגען דריי קאָהלהויפטער, דריי ארטישאָקען *) און דריי גרויסע ציבעלעס."

---

*) אונזער אידישע שפראך איז לײדער אזוי אָרעם, אז מען קען גאָר ניט איבערזעטצען קאָהלהויפטער און ארטישאָקען. קאָהלהויפ־

די אירדליכטער האבען געוואָלט שפּאַסענדיג אַוועקגעהען, אבער זיי האבען זיך פּלוצלינג געפיהלט צוגעקאָוועט צו דער ערד; דאס איז ביי זיי געווען דאס אונאַנגענעהמסטע געפיהל, וואס זיי האבען אַמאָל געפיהלט. זיי האבען איהם דערפאר פערשפּראָכען זיין פּאָדערונג נאָכצוגעבען; ער האט זיי אָבגעלאָזט און איז אוועק.

ער איז שוין געווען ווייט אוועק, ווען זיי האבען איהם נאָכגעשריען;

„הער, אַלטער! הערט, אַלטער! מיר האבען פערגעסען דאס וויכטיגסטע!"

ער איז שוין געווען ווייט אוועק און זיי ניט געהערט. ער האט זיך געשיפּט אין יענער זייט פון דעם טייך, וואו עס האט זיך געפונען א בערגיגע געגענד, וואוהין דאס וואסער האט קיינמאָל ניט געקענט צוקומען. דאָרט האט ער געוואָלט פערשארען דאס געפעהרליכע גאָלד. דאָרט האט ער געפונען צווישען הויכע פעלזען אן אונגעהייערן גרוב; אהין האט ער אריינגעשאָטען דאס גאָלד און איז צוריקגעפאהרען צו זיין שטיבעל.

אין דיעזען גרוב האט זיך געפונען די שעהנע גרינע שלאַנג, וועלכע האט זיך אויפגעכאַפּט פון איהר שלאָף, הערענדיג דעם קלאַנג פון ארונטערפאַלענדען גאָלד. זי האט קוים גוט בעטראַכט די גלענצענדע שטיקלעך, ווען זי האט זיך געגעבען א וואָרף אויף זיי מיט גרויסער נייגיעריגקייט און זיי אַלע איינגעשלונגען; זי האט אויפגעזוכט אַלע, אפילו יענע, וואס זיינען געפאַלען צווישען די בושיגע בוימלעך און אין די פעלזען שפּאַלטען.

אזוי ווי זי האט זיי נאָר פערשלונגען, האט זי באַלד געפיהלט מיט גרויס פערגניעגען ווי דאס גאָלד האט זיך צושמאָלצען אין איהר אינגעווייד און זיך אויסגעשפּרייט איבער איהר גאַנצען קערפּער. צו איהר גרעסטער פרייד האט זי בעמערקט, אַז זי איז געוואָרען דורכזיכטיג און לייכטענדיג.

מען האט איהר שוין לאַנג דערצעהלט, אַז דיעזע ערשיינונג איז

טער זיינען, ווי מען רופט אין ענגליש: „קאָליפלאַוער," און ארטישאָקען רופען זיך אַלע בלומען פון דעם רומיאַניק מין, אָדער דייזיעס.— דער איבערזעטצער.

מעגליך; נאָר אזוי ווי זי האט געצווייפעלט, אויב דאס ליכט וועט לאַנג דויערן, האט זי די נייגיערגקייט געטריעבען ארויסצוקריכען פון פעלזען און אויסגעפינען, ווער עס האט אריינגעוואָרפען דאס שעהנע גאָלד.

זי האט קיינעם ניט געפונען.

דאס איז איהר געווען נאָך אנגענעהמער, און זי איז אריינגע־קראָכען צווישען גראָזען און בוימלעך, אום צו קענען בעוואונדערן דאס שעהנע ליכט, וואס האט געגלאנצט דורך דעם פרישען גרינס. אַלע בלעטער האבען געשיינט ווי פון סמאראגדען און די בלומען האבען אויסגעזעהען וואונדערבאר.

אומזיסט איז זי דורכגעקראָכען די איינזאמע מדבר; איהר האָפ־נונג איז אבער גרעסער געוואָרען, ווען זי איז געקומען צו א פלאכער געגענד און דערזעהען א גלאַנץ, וואס איז געווען עהנליך צו איהרען.

„ענדליך געפין איך דאָך מיין גלייכען!" האט זי אויסגעשריען, און איז געלאָפען צו יענער געגענד. זי האט זיך ניט געקימערט אום דער שווערקייט, זי איז געקראָכען דורך זומפען און ראָהרען. כאָטש זי האט אם בעסטען געלעבט אויף הויכע פעלזען־שפאלטען, גערן גע־געסען שמעקעדיגע קרייטעכצער און געלאָשען איהר דאָרשט מיט דעם צארטען טהוי און פרישעם קוואל־וואסער, פון דעסטוועגען, צו־ליעב דעם גאָלד האט זי אַלעם אונטערגענומען צו טהון.

שטארק מיעד איז זי סוף־כל־סוף אָנגעקומען אין א פייכטען זומפף, וואו דיביידע אורליכטער האבען זיך געשפיעלט. זי איז צו זיי צוגעלאָפען, זיי בעגריסט און זיך געפרייט, וואס אזעלכע צוויי אנגענעהמע הערדען זיינען איהרע קרובים. די ליכטער האבען זיך געשאַרט ארום איהר, אוועקגעטאנצט און געלאַכט ווי זייער טבע איז.

„פרוי מוהמע," האבען זיי געזאגט, „ווען איהר זייט פון דער האָ־ריזאָנטאלער ליניע, דאן האט דאָך עס גאָר ניט וואס צו בעדייטען. געוויס זיינען מיר נאָר קרובים פון דעם צד פון שיין; ווייל, זעהט נאָר," — דאָ האבען זיך ביידע פלאַמען שטארק שפיטציג אויסגע־צויגען, — „זעהט נאָר ווי שעהן עס פאסט פאר אונז הערדען פון דער ווערטיקאלער ליניע אָט דיעזע שלאַנקע לאַנגקייט. האט אונז קיין פאראיבעל ניט, פריינדין, צו וועלכער פאמיליע קען איך דאס

צושרייבען? כל־זמן עס זיינען דאָ אורורליכטער, איז נאָך קיינע ניט געזעסען און קיינע ניט געלעגען."

די שלאַנג האט זיך ניט געפיהלט זעהר בעקוועם אין דער געגענ־וואַרט פון דיעזע קרובים; ווייל ווי הויך זי האט געבויגען דעם קאָפּ, האט זי דאָך געפיהלט, אז זי מוז איהם ארונטערלאָזען צו דער ערד, ווען זי וויל זיך ריהרען פון אָרט. כאָטש פריהער, ביי זיך אין איהר פינסטערן ווינקעל, האט זי זיך שטארק געפיהלט, האט אבער איהר גלאַנץ, אין דער געגענוואַרט פון דיעזע קרובים איהרע, זיך יעדען אוי־גענבליק פערקלענערט. זי האט מורא געהאַט, אז זי וועט ענדליך מוזען אין גאַנצען פערלאָרען ווערען.

אין דיעזער פערלעגענהייט האט זי שנעל געפרעגט, אויב די הער־רען קענען איהר ניט זאגען, וואו זי קען בעקומען דאס גלענצענדע גאָלד, וואס איז ניט לאנג ארייננעפאַלען אין פעלזען־שפּאַלט; זי האט געמיינט, אז עס איז געווען א גאָלדענער רעגען, געקומען פון הימעל.

די אורורליכטער האבען געלאַכט און זיך געטרייסעלט, דערביי זיינען געשפּרונגען גרויסע מענגעס מיט גאָלד־שטיקלעך ארום זיי. די שלאַנג איז גיך צוגעלאָפען זיי איינצושלינגען.

„זאָל אייך וואויל בעקומען, פרוי מוהמע!" האבען די פיינע הער־רען געזאגט. „מיר קענען אייך מכבד זיין מיט נאָך מעהר."

זיי האבען זיך נאָך עטליכע מאָל שטארק געטרייסעלט, און די שלאַנג האט קוים געקענט שנעל גענוג איינשלינגען דאס טהייערע מאכל.

מיט די אויגען קוקענדיג האט אָנגעהויבען צו וואַקסען איהר שיין און זי האט ווירקליך פּרעכטיג געלויכטען; דערווייל זיינען די אירורליכטער געוואָרען מאָגער און קליין, דערביי האבען זיי אבער גאָר ניט פערלאָרען פון זייער גוטען מוטה.

„איך בין אייך אויף אייביג דאנקבאַר," האט געזאגט די שלאַנג נאָכדעם ווי זי האט אָנגעהויבען ווידער אויפצואטהעמען פון איהר מאָהלצייט. „פערלאַנגט פון מיר וואס איהר ווילט, און וואס עס וועט ליעגען אין מיינע קרעפטען, וועל איך טהון פאר אייך."

„זעהר שעהן!" האבען אויסגערופען די אירורליכטער. „זאָג אונז, וואו וואוינט ערגיץ די שעהנע ליליע? פיהר אונז אַזוי שנעל ווי מעגליך, צום פּאלאַץ, אין גאָרטען פון דער שעהנער ליליע; מיר

שטארבען פאר אונגעדולד זיך צו ווארפען צו איהרע פיס.“

„אט דאס וואס איהר פערלאנגט?“ האט די שלאנג געענטפערט מיט א טיעפען זיפץ, „קען איך אייך באלד ניט נאכגעבען. די שעהנע ליליע, ליידער, וואוינט פון יענער זייט וואסער.“

„פון יענער זייט וואסער! און מיר האבען זיך געלאזט אריבער פיהרען אין דיעזער שטירמישער נאכט! ווי גרויזאם איז דער טייך, וועלכער שיידעט אונז יעצט! זאל עס ניט מעגליך זיין וויעדער צו רופען דעם אלטען?“

„איהר וועט זיך בעמיהען אומזיסט,“ האט געזאגט די שלאנג, „דען, ווען איהר זאלט איהם טרעפען אפילו פון דער זייט ברעג, וועט ער אייך אויך ניט מיטנעהמען; ער דארף יעדען אריבערפיהרען, אבער ניט צוריקפיהרען.“

„אויב אזוי, האבען מיר זיך שעהן אויסגעבעט! איז דען גאר ניטא קיין אנדער מיטעל אריבער צו פאהרען דאס וואסער?“

„עס זיינען דא עטליכע מיטלען, אבער ניט אין דיעזען אויגענבליק. איך אליין וועל אייך קענען אריבערפיהרען, אבער ערשט אין די מיטאג שטונדע.“

„דאס איז א צייט, אין וועלכער מיר רייזען ניט גערן.“

„אויב אזוי, דאן קענט איהר אבענד אריבערפאהרען, זיך זעטצענדיג אויפ'ן שאטען פון דעם ריעז.“

„ווי אזוי איז דאס?“

„דער גרויסער ריעז, וואס וואוינט ניט וייט פון דאנען, קען גאר ניט טהון מיט זיין קערפער; זיינע הענד קענען ניט אויפהייבען אפילו קיין שטרויעלע, זיינע שולטערן וואלטען ניט געקענט טראגען אפילו קיין בינטעל רייז; אבער זיין שאטען קען פיעל, ער קען אלצדינג. דערפאר איז ער אם שטארקסטען ביים אויפגעהען און אונטערגעהען פון דער זונן. אבענדס קען מען זיך זעטצען בלויז אויפ'ן נאקען פון דעם שאטען. דער ריעז געהט זיך דערנאך פאמעלאך צום ברעג און דער שאטען ברענגט אריבער דעם וואנדערער. אויב איהר וועט זיך אבער געפינען אין דער מיטאגסצייט ביים עק וואלד, וואו די געדיכטע בוימעלעך וואקסען נאהענט צום ברעג, דאן קען איך אייך אריבער פיהרען און פארשטעלען פאר דער שעהנער ליליע. ווען איהר ווילט אבער אויסמיידען די מיטאגס־שטונדע, דאן דארפט איהר ערשט פאר־

נאכט קומען צום פעלזען, וואו איהר וועט אויפזוכען דעם ריעז, וועל־
כער וועט זיך געווים אויך ווייזען פאר אייך מיט א טובה.״

מיט א גרינגער פערנייגונג האבען זיך פון דאָרט דערווייטערט
די צוויי יונגע הערען, און די שלאַנג איז געווען צופריעדען פון זיי
לויז צו ווערען, ערשטענס אום זיך צו פרייען מיט איהר גלאַנץ, און
צווייטענס צו בעפריעדיגען א נייגיעריגקייט, וואס האט זי שוין לאַנג
געקוועהלט.

אין די פעלזען־שפאַלטען, וואו זי איז אָפט אהין און אהער גע־
קראָכען, האט זי געמאכט א זעלטענע ענטדעקונג; ווייל כאָטש זי
האט געקענט קריכען דורך דיעזע תהומות אָהן א ליכט, פון דעסטוועג־
גען, האט זי געקענט, דורך איהר געפיהל, אונטערשיידען איין זאַך
פון דער אנדערער. זי איז געוואָהנט געוואָרען צו געפינען איבעראַל
אונרעגעלמעסיגע נאטור־פראָדוקטען. אָט האט זי געפיהלט די שפּיט־
צען פון גרויסע קריסטאַלען, דאָן די האָקענס פון ריינעם זילבער, און
ניט נאָר איינמאָל האט זי מיט זיך, צום ליכט, ארויסגעבראַכט דיא־
מאַנטען. צו איהר גרויסער בעוואונדערונג אבער, האט זי דאָרט אָנ־
געטראָפען, ארום פערשלאָסענע פעלזען, אזעלכע זאכען, וואס, טאַ־
פּענדיג זיי, האבען זיי איהר אָנגעצייגט, אז זיי זיינען געמאכט פון
מענשליכע הענד. דאס זיינען געווען גלאַטע ווענט, אויף וועלכע זי
האט ניט געקענט ארויפקריכען, שאַרפע, רעגעלמעסיגע עקען, גוט
אויסגעארבייטעטע זיילען, און, וואס עס איז געווען נאָך מערקווירדי־
גער, מענשליכע פיגורען, ארום וועלכע זי האט זיך מעהרערע מאָל
ארומגעהאנגען, ווען זיי האבען איהר אויסגעזעהען ווי פון פיין גע־
פאָלירטען מאַרמאָר.

אלע דיעזע ערפאהרונגען האט זי נאָך געוואָלט דורכמאַכען דורך
דעם חוש פון אויג. יעצט האט זי געגלויבט, אַז זי קען שוין, דורך
איהר אייגענעם ליכט בעלייכטען דיעזע וואונדערבאַרע אונטעראיר־
דישע געוועלבען, און זי האט געהאָפּט מיט זיי בעקאַנט צו ווערען.
זי איז געלאָפען און באַלד געפונען די שפּאַלטען אויף דעם געוועהנטען
אעג, דורך וועלכען זי פלעגט זיך אריינכאַפּען אין דעם היילּיגטהום.

ווי זי איז אהין אָנגעקומען, האט זי זיך ארומגעקוקט מיט ניי־
גיערדיגקייט. כאָטש איהר שיין האט ניט געקענט בעלייכטען די

גרויסע, ווייטע רונדקייט, פון דעסטוועגען האט זי געקענט זעהען אלעס נעבען זיך גאנץ דייטליך.

מיט ערשטוינען און מיט יראת הכבוד האט זי ארויפגעקוקט אין דעם גלענצענדען ווינקעל, אין וועלכען עס איז געווען אויפגעשטעלט די פיגור פון דעם עהרווירדיגען קעניג אין גין־גאלד. לויט דער מאס, איז די בילד־זייל געווען מעהר ווי די גרויסקייט פון א מענשען; לויט דער געשטאלט אבער איז דאס בעסער געווען פון א קליינעם ווי פון א גרויסען מאן. זיין גוט־ענטוויקעלטער קערפער איז געווען ארומגע־הילט מיט א מאנטעל און אן אייבענקראנץ האט צוזאמענגעהאלטען זיינע האאר.

קוים האט די שלאנג אנגעקוקט דיעזעס עהרווירדיגע בילד, אזוי האט דער קעניג אנגעהויבען צו רעדען און געפרעגט:

„ווי קומסטו אהער?"

„פון די שפאלטען," האט געענטפערט די שלאנג, „אין וועלכע עס וואוינט דאס גאלד."

„וואס איז הערליכער ווי גאלד?" האט געפרעגט דער קעניג.

„דאס ליכט," האט געענטפערט די שלאנג.

„וואס דערקוויקט מעהר ווי ליכט?"

„דאס געשפרעך."

בשעת דעם רעדען האט זי דערווייל א קוק געטהאן אויף א זייט אין צווייטען ווינקעל און דערזעהען אן אנדערעם הערליכעם בילד. דארט איז געזעסען א זילבערנער קעניג, פון א לאנגער און דינער געשטאלט; זיין קערפער איז געווען איבערגעדעקט מיט א פערציערטען מלבוש, די קרוין, גארטעל און צעפטער אויסגעפוצט מיט דיא־מאנטען; אויף זיין פנים איז געלעגען די פרעהליכקייט פון שטאלץ. ער האט נאר וואס געוואלט אנהייבען צו רעדען, ווען עס האט זיך פלוצלינג געעפענט אן אדער אין דער מארמארנער וואנט און ארויס־געלאזען אן אנגענעהמעס ליכט, וואס האט זיך פערברייטעט איבער'ן גאנצען טעמפעל.

אין דיעזען ליכט האט די שלאנג געזעהען דעם דריטען קעניג, וועלכער, געמאכט פון קופער, איז ער געזעסען אין זיין מעכטיגער געשטאלט, זיך אנלעהנענדיג אויף זיין מעכטיגען שטעקען; ער איז געווען פערפוצט מיט א לארבערקראנץ און גיכער אויסגעזעהען ווי א

פעלזען אלס ווי א מענש. זי האט זיך געוואלט אומקוקען צום פיער־טען ,וועלכער איז געשטאנען אין דער גרויסער ווייטקייט, אבער גראד דאמאלס האט זיך געעפענט די מויער, די לייכטענדע אדער האט גע־צוקט ווי א בליטץ און איז פערשוואונדען.

א מאן, פון מיטעלער גרויסקייט, וועלכער איז ארויסגעקומען, האט צו זיך צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון דער שלאנג. ער איז געווען געקליידעט ווי א בויער און ער האט געטראגען א קליינעם לאמפ אין דער האנד, וואו עס האט געברענט א שטילער פלאם, און, אויף א וואונדערבארען אופן, האט ער בעלייכטעט אלעס ארום זיך.

„צו וואס ביסטו געקומען, ווען מיר האבען ליכט?” האט גע־פרעגט דער גאלדענער קעניג.

„איהר ווייסט, אז איך דארף ניט בעלייכטען דאס טונקלע.”

„ענדיגט זיך מיין מלוכה?” האט געפרעגט דער זילבערנער קעניג.

„שפעט, אדער קיינמאל ניט,” האט געענטפערט דער אלטער.

מיט א שטארקער שטימע האט אנגעהויבען דער קופערנער קעניג צו פרעגען:

„ווען וועל איך אויפשטעהען?”

„באלד,” האט געענטפערט דער אלטער.

„מיט וועמען זאל איך מיך פעראייניגען?” האט געפרעגט דער קעניג.

„מיט דיינע עלטערע ברידער,” האט געזאגט דער אלטער.

„וואס וועט ווערען פון דעם אינגסטען?”

„ער וועט זיך זעטצען,” האט דער אלטער געענטפערט.

„איך בין ניט מיעד!” האט אויסגערופען דער פיערטער קעניג מיט א רויער, שטאמלענדיגער שטימע.

בשעת יענע האבען גערעדט, איז די שלאנג דערווייל פאמעלאך ארומגעקראכען, זיך אלעס בעטראכט און בעזעהען און אויף דעם פיערטען קעניג האט זי געזעהען פון דער נאהענט.

ער איז געשטאנען אנגעלעהנט אויף א זייל, און זיין גרויסע גע־שטאלט איז געווען מעהר שווער ווי שעהן. דערפאר אבער האט מען ניט געקענט אויסגעפינען פון וואס פאר א מעטאל ער איז אויסגע־גאסען געווארען. גענוי בעטראכטענדיג איז דאס געווען פערמישט

פון די דריי מעטאַלען, פון וועלכע זיינע ברידער זיינען געווען אויס־געגאָסען. אבער ביים גיסען, ווי עס שיינט, האבען די מעטאַלען זיך ניט געוואָלט גוט צוזאַמען שמעלצען; גאָלדענע און זילבערנע אָדערן זיינען געלאָפען אונרעגעלמעסיג דורך זיין קופערנער מאַסע און געגע־בען דעם בילד אַן אונאַנגענעהמעס אויסזעהען.

דערוויילע האט געזאגט דער גאָלדענער קעניג צום מאַן:

„וויפיעלע געהיימניסע ווייסטו?"

„דריי," האט געענטפערט דער אַלטער.

„וועלכעס איז דאס וויכטיגסטע?" האט געפרעגט דער זילבער־נער קעניג.

„דאס קלאָרע," האט געענטפערט דער אַלטער.

„ווילסטו עס אונז ענטדעקען?" האט געפרעגט דער קופערנער.

„אַזוי שנעל ווי איך וועל וויסען דאס פיערטע," האט געזאגט דער אַלטער.

„וואס קימערט מיך?" האט געמורמעלט דער צוזאַמענגעזעטצ־טער קעניג.

„איך ווייס דאס פיערטע," האט געזאגט די שלאַנג. זי איז צו־געקראָכען נעהנטער, און איהם עפּעס אריינגעסוויטשעט אין אויער.

„עס איז צו דער צייט!" האט דער אַלטער אויסגערופען מיט אַ געוואַלטיגען קול.

דער טעמפּעל האט ווידער געראַשט, די מעטאַלענע בילדער זיי־לען האבען געקלונגען, און אין דעם אויגענבליק איז פערזונקען דער אַלטער אין מערב זייט און די שלאַנג אין מזרח זייט. יעדער איז שנעל דורכגעלאָפען די שפּאַלטען פון די פעלזען.

אַלע גיינג, דורך וועלכע דער אַלטער האט דורכגעוואַנדעלט, האַ־בען זיך באַלד אָנגעפּיללט מיט גאָלד הינטער איהם, ווייל זיין לאָמפּ האט אין זיך געהאַט די וואונדערבאַרע אייגענשאַפט צו פערוואַנדלען אַלע שטיינער אין גאָלד, יעדעס האָלץ אין זילבער, טויטע חיות אין דיאַמאַנטען, און פערניכטען אַלע מעטאַלען. אום דער לאָמפּ זאָל האבען אַזאַ ווירקונג, האט ער געמוזט לייכטען גאַנץ אַליין, ווען אַן אנדער ליכט איז געווען נעבען איהם, האט ער בלויז ארויסגעגעבען אַ שעהנעס, העלעס ליכט, און האט דערקוויקט אַלע ברואים.

דער אַלטער איז אריין אין זיין שטיבעל, וואס איז געווען אויפ־

געבויעט אויפ׳ן בערגעל, און געפונען זיין ווייב שטארק בעטריעבט. זי איז געזעסען ביים פייער און געוויינט.

„ווי אונגליקליך איך בין!" האט זי אויסגעשריען. „הלואי וואלט איך דיך היינט ניט אוועקגעלאזען!"

„וואס איז נייעס?" האט דער אלטער געפרעגט גאנץ רוהיג.

„אזוי ווי דו ביסט אוועק," האט זי אנגעהויבען כליפענדיג, „זיי־נען געקומען צוויי אונאנגענעהמע וואנדערער צו דער טהיר. אונ־פארזיכטיג האב איך זיי אריינגעלאזען. אין אנפאנג האבען זיי אויס־געזעהען גאנץ אנשטענדיגע לייט. זיי זיינען געווען געקליידעט אין לייכטע פלאמען און איך וואלט זיי געהאלטען פאר אירדליכטער. אזוי ווי זיי זיינען נאר אריין אין הויז, האבען זיי אנגעהויבען, אויף אן אונ־פערשעהמטען אופן מיך צו שמייכלען מיט ווערטער, און זיי זיינען געווארען אזוי צודרינגליך, אז איך שעהם מיר גאר אן דעם צו דענקען."

„נו," האט דער אלטער געזאגט לאכענדיג, „די העררען האבען אודאי געמאכט קאטאוועס, ווייל לויט דיינע יאהרען האבען זיי ניט געקענט אנדערש זיין ווי העפליך."

„וואס אלטער! אלטער!" האט אויסגערופען די פרוי. „זאל איך עס תמיד הערען פון מיינע יאהרען, פון מיין עלטער? ווי אלט בין איך עס אין גאנצען? געמיינע העפליכקייט! איך וויים דאך וואס איך וויים. קוק דיך נאר אום ווי די וועגט זעהען אוים. בעטראכט נאר די אלטע שטיינער, וואס איך האב שוין ניט געזעהען זייט הונ־דערט יאהר. זיי האבען ארונטערגעלעקט דאס גאנצע גאלד, און זיי האבען מיך תמיד פערזיכערט, אז דאס שמעקט בעסער ווי געמיינעס גאלד. ווען זיי האבען ריין אויסגעקעהרט די וועגט, האבען זיי אויס־געזעהען זעהר גוט אויפגעלעגט; אין א קורצער צייט זיינען זיי אויך געווארען גרעסער, ברייטער און גלענצענדער. דאן האבען זיי אנגע־הויבען זייער מעשה־שייגעץ נאך אמאל, מיך ווידער געגלעט, מיך גע־רופען זייער קעניגין, זיך געטרייסעלט און א גרויסע מענגע גאלד־שטיקלעך זיינען ארויסגעפאלען. אט זעה ווי זיי לייכטען נאך אונטער דער באנק. אבער וואס פאר אונגליק! אונזער מאפס־הונד האט איי־ניגע אויפגעגעסען, און זעה, דא ליעגט ער טויט נעבען קאמין. ארע־מער מאפס! איך קען מיך גאר ניט טרייסטען. איך האב עס ערשט

געזעהען ווען זיי זיינען אוועק; ווייל זאָנסט וואָלט איך זיי ניט פערשפּראָכען אָבצוטראָגען זייער שולד צום שיפער."

„וואס זיינען זיי שולדיג?" האט דער אַלטער געפרעגט.

„דריי קאָהלהייפּטער," האט געזאגט די פרוי, „דריי ארטישאָקען און דריי ציבעלעס; איך האב זיי פערשפּראָכען, ווען עס וועט ווערען טאָג, זיי צוטראָגען צום טייך."

„דו מעגסט זיי טהון די טובה," האט דער אַלטער געזאגט, „דען ביי א געלעגענהייט וועלען זיי אונז אָבדיענען."

„אויב זיי וועלען אונז אָבדיענען, ווייס איך ניט, אבער פערשפּראָכען און צוגעזאגט האבען זיי עס."

דערווייל איז אויסגעגאַנגען דער פייער אויפ'ן קאמין; דער אַלטער האט בעדעקט די קויהלען מיט א סך אַש, אוועקגעשאַרט אָן א זייט די גאָלד־שטיקלעך, און דאן האט זיין לעמפּעל געלייכטעט וויעדער אליין אין שעהנסטען גלאַנץ; די מויערן האבען זיך איבערגעצויגען מיט גאָלד און פון דעם מאָפּס איז געוואָרען דער שעהנסטער אָניקס־שטיין, וואס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען. די אבוועקסלונג פון דער ברוינער און דער שווארצער פארב פון דעם שטיין, האט איהם געמאַכט צום זעלטענסטען קונסטווערק.

„נעהם דיין קאָרב," האט געזאגט דער אַלטער, „און שטעל אריין דעם אָניקס־שטיין; דאן נעהם די דריי קאָהלהייפּטער, די דריי ארטישאָקען און די דריי ציבעלעס, לעג זיי ארום און טראָג זיי צום וואסער. ארום מיטאג־צייט לאָז דיך פון דער שלאַנג אריבערפיהרען און בעזוך די שעהנע ליליע; ברענג איהר דעם אָניקס, זי וועט איהם לעבעדיג מאַכען דורך איהר בעריהרונג; זי וועט אין איהם האָבען א געטרייען חבר. זאָג איהר, זי זאָל ניט טרויערן; איהר בעפרייאונג איז נאָהענט; זי מעג בעטראַכטען דאס גרעסטע אומגליק אלס דאס גרעסטע גליק, ווייל די צייט איז געקומען."

די אלטע האט איינגעפּאַקט איהר קאָרב, און פארטאָג איז זי אוועק אויף איהר וועג.

די אויפגעהענדע זונן האט געשיינט העל איבער דעם טייך, וועלכער האט געגלאַנצט אין דער ווייטקייט; די פרוי איז געגאַנגען פּאַוואָליע, ווייל דער קאָרב האט זי געקוועטשט אויפ'ן קאָפּ, און דאָך

איז עס ניט געווען דער אַניקס, וואס האט געמאַכט אזוי שווער. אַלעס, וואס איז געווען טויט, האט זי ניט געפיהלט, און דאס האט זיך נאָך געמאַכט אַזוי גרינג, אַז עס האט געשוועבט איבער איהר קאָפּ; אבער פרישעס גרינצייג, אָדער דאס קלענסטע לעבעדיגע חיה'לע איז איהר געווען אונגעהייער שווער.

פול מיט כעס איז זי אַ לאַנגע צייט אזוי געגאַנגען, ביז זי האט זיך אויף איין מאָל דערשראָקען און איז געבליעבען שטעהען שטיל; ווייל זי האט כמעט ארויפגעטרעטען אויף דעם שאָטען פון דעם ריעז, וועלכער האט זיך אויסגעשטרעקט איבער דער גאַנצער געגענד, אַזש ביז צו איהר.

יעצט האט זי ערשט געזעהען דעם געוואַלטיגען ריעז, וואס האט זיך געבאָדען אין טייך, ווי אזוי ער איז ארויס פון וואסער, און זי האט ניט געוואוסט, ווי זי זאָל איהם אויסווייכען.

אזוי גיך ווי ער האט זי דערזעהען, האט ער אָנגעהויבען זי שפּאַ־סיג צו בעגריעסען, און די הענד פון זיין שאָטען זיינען באַלד אריין אין קאָרב. מיט לייכטיגקייט און שנעלליגקייט האבען זיי ארויסגע־נומען אַ קאָהלהויפּט, איין אַרטישאָק און איין ציבעלע און זיי צוגע־בראַכט צום מויל פון ריעז, וועלכער איז דאַן ווייטער ארויסגעגאַנגען פון דעם טייך און פריי געמאַכט דעם וועג פאַר דער פרוי.

זי האט געדענקט, אַז עס וואָלט געווען בעסער צוריק צו געהען און פון איהר גאָרטען צוריק לעגען די פעהלענדע זאַכען, און מיט דיעזע געדאַנקען, איז זי דערווייל אימער ווייטער געגאַנגען, ביז זי איז באַלד צוגעקומען צום ברעג פון טייך.

לאַנג האט זי געוואַרט אויף דעם שיפער, ביז זי האט איהם דער־זעהען אריעבערקומען מיט אַ מערקווירדיגען רייזענדען. ער איז גע־ווען אַ יונגער, עדלער, שעהנער מאַן, פון וועלכען זי האט זיך גאָר ניט געקענט גענוג אָנזעטען מיט'ן קוקען. ער איז ארויס פון שיפעל.

„וואס ברענגט אייך אהער?" האט דער אַלטער געפרעגט.

„עס איז דאס גרינצייג, וואס די אירדליכטער זיינען אייך שול־דיג," האט די פרוי געענטפערט און אָנגעוויזען אויף איהר סחורה.

אזוי ווי דער אַלטער האט געפונען פון יעדען מין בלויז צוויי, האט דאס איהם שטאַרק פערדראָסען און געזאגט, אַז ער וועט עס ניט אָננעהמען. די פרוי האט איהם אבער זעהר געבעטען, איהם דער־

צעהלט, אז זי קען נים יעצט געהען אהיים, ווייל די לאסט, וואס זי טראָגט איז איהר צו שווער. אבער ער איז געבליעבען ביי דעם זייניגען, און איהר נאָך געזאגט, אז עס הענגט גאָר איבערהויפּט ניט אָב פון איהם, אויב ער זאָל יא אָנגעהמען אָדער ניט.

„וואס מיר קומט, מוז איך לאָזען אויף ניין שטונדען צוזאמען,” האט ער געזאגט, „און איך טאָר גאָר ניט אָנגעהמען, ביז איך וועל ניט האבען אריעבערגעפאהרען א דריטען טהייל.”

נאָך פיעלעם רעדען האט דער אלטער בעמערקט:

„עס איז דאָ נאָך א מיטעל, ווען איהר וועט צוזאָגען דעם טייך און איהר וועט זיך אויסגעבען צו איהם אלס בעל־חוב, דאן נעהם איך די זעקס שטיק צו מיר. אבער עס איז א געפאהר דערביי.”

„ווען איך וועל האלטען מיין וואָרט, וועל איך דאָך ניט זיין אין קיין געפאהר?”

„ניין, לעגט אריין אייער האנד אין טייך,” האט דער אלטער ווייטער געזאגט, „און פערשפּרעכט, אז איהר וועט, ביז אין פיער־און צוואנציג שטונדען, בעצאָהלען דעם חוב.”

די אלטע האט אזוי געטהאָן; אבער ווי דערשראָקען זי איז געוואָרען, ווען ארויסנעהמענדיג די האנד פון וואסער, איז זי געוועזען קויל־שוואַרץ. זי האט געשאָלטען דעם אלטען און געזאגט, אז איהרע הענד זיינען תמיד געוועזען דאס ריינסטע ביי איהר, און ניט קוקענדיג אויף דער שווערער ארבייט, וואס זי האט געטהאָן, זיינען דיעזע עדעלע גליעדער אימער ביי איהר געוועזען ווייס און שעהן. זי האט זיך בע־טראַכט די האנד מיט גרויסען פערדרוס און אויסגעשריען פול מיט פערצווייפלונג:

„דאס איז נאָך ערגער! איך זעה גאָר ווי זי איז איינגעשרומפּען, פיעל קלענער ווי די אַנדערע.”

„יעצט זעהט עס נאָר אזוי אויס,” האט דער אלטער געזאגט, נאָר ווען איהר וועט ניט האלטען קיין וואָרט, קען עס טאקי אזוי ווע־רען. די האנד וועט אליין מעהר איינגעשרומפּען ווערען, ביז זי וועט אין גאַנצען פערשווינדען, און דערביי וועט איהר דעם געברויך פון דער האנד ניט פערלירען; איהר וועט קענען טהון אלעס מיט איהר, נאָר קיינער וועט זי ניט זעהען.”

„בעסער וואָלט איך זי ניט געקענט געברויכען, איידער מען זאָל עס ניט זעהען," האט די אַלטע געזאגט. „פון דעסטוועגען האט עס דערמיט ניט צו טהון, איך וועל האַלטען מיין וואָרט, כדי שנעל לויז צו ווערען פון דיעזער שווארצער הויט און פון דיעזע זאָרגען."

זי האט דאַן שנעל גענומען דעם קאָרב, וועלכער האט זיך אליין אויפגעהויבען איבער איהר קאָפּ אין דער הויך, און איז נאָכגעגאַנגען דעם יונגען מאַן, וועלכער איז זיך לאַנגזאַם ארום געגאַנגען נעבען ברעג.

זיין הערליכע געשטאַלט און זיין זאָנדערבארער אנצוג האבען געמאכט אַ טיעפען איינדרוק אויף דער אַלטער. זיין ברוסט איז גע־ווען בעדעקט מיט א גלענצענדען פאַנצער, דורך וועלכען מען האט געקענט זעהען ווי אַלע טהיילען פון זיין שעהנעם קערפּער האבען זיך בעוואויגען. אויף זיין שולטערן איז געהאנגען א פּורפּור־מאַנטעל, ארום זיין קאָפּ האבען געפלאַטערט ברוינע האאר אין שעהנע לאָקען; זיין ליעבעם געזיכט איז געווען געריכטעט צו די זונען־שטראַהלען, דאסזעלבע מיט זיינע שעהן־געבויעטע פיס. מיט נאַקעטע פּאַדעש־ווען איז ער זיך געגאַנגען גאַנץ רוהיג איבער'ן זאַמד, און אַ טיעפער שמערץ האט אויסגעזעהען צו פערטעמפּען אַלע אויסערליכע איינ־דריקע.

די ריידעוודיגע אַלטע האט געזוכט מיט איהם אָנצוקניפּען עפּעס א שמועס. ער האט איהר אבער געגעבען, אין קורצע ווערטער, זעהר ווייניג אויסקונפט. זי איז אזוי ענדליך מיעד געוואָרען צו רעדען צו איהם, טראָטץ זיינע שעהנע אויגען, און נעהמענדיג פון איהם אבשיעד, האט זי געזאגט:

„איהר געהט מיר עפּעס צו פּאַוואָליע, מיין הערר; איך דארף ניט פערזאמען דעם אויגענבליק, אום אריבער צו געהען דעם טייך אויף דער גרינער שלאַנג און געבען דער שעהנער ליליע די פּרעכטיגע מתנה, וואס מיין מאַן האט איהר געשיקט."

מיט דיעזע ווערטער איז זי שנעל אוועק, און פּונקט אזוי שנעל האט זיך דערמאָהנט דער שעהנער יונגער מאַן, און איז איהר נאָכ־געלאָפען.

„איהר געהט צו דער שעהנער ליליע?" האט ער געפרעגט. „אויב

אזוי, געהען מיר איין וועג. וואס איז דאס פאר א מתנה, וואס איהר טראָגט איהר?"

„מיין הערר," האט די פרוי געענטפערט, „עס איז ניט שעהן, אז נאָכדעם ווי איהר האט זיך אזוי אָבגעזאָגט פון מיינע פראגען, איהר זאָלט פּלוצלינג, מיט אזא לעבעדיגקייט, זוכען צו ערפאהרען מיינע געהיימניסע. ווען איהר ווילט אבער מאכען א חילוף און מיר דערצעהלען אייער שיקזאל, וועל איך פאר אייך אויך ניט בעהאלטען, וואס פאר א מתנה דאס איז."

זיי זיינען באַלד מושוה געוואָרען; די פרוי האט איהם פערטרויעט די געשיכטע פון דעם הונד און איהם ערלויבט דערביי צו בעטראכטען די וואונדערבארע מתנה.

ער האט ארויסגענומען דאס נאַטירליכע קונסט-שטיק פון דעם קאָרב און נעהמענדיג דעם מאָפּס אויף די אָרעם, האט ער אויסגעזעהען צו רוהען זאנפט אויף זיינע הענד.

„גליקליכע חיה!" האט ער אויסגערופען, „דו וועסט בעריהרט ווערען פון איהרע הענד, וועסט לעבעדיג ווערען, אנשטאט דעם, וואס לעבעדיגע ענטלויפען פון איהר, אום ניט צו ערפאהרען פון א טרויעריגעם שיקזאל. אבער וואס זאג איך טרויעריגען? איז עס ניט ערגער און שרעקליכער געלעהמט צו ווערען, געלעהמט צו ווערען דורך איהר געגענוואַרט, ווי צו שטאַרבען דורך איהר האַנד?"

„קוק מיך נאָר אָן," האט ער געזאגט צו דער אַלטער, „אין מיינע יאהרען, אויף וואס פאר א גרויסע צרות איך בין שוין! דיעזען פאַנציר האָב איך געטראָגען מיט כבוד אין דער מלחמה; דיעזען פורפור האָב איך פערדיענט פיהרענדיג א קלוגע רעגיערונג; דאס אַלעס האט מיר איבערגעלאָזען דאס שיקזאל, דאס ערשטע, אַלס אונגעטהיגע משא, דאס צווייטע—אַלס אונבעדייטענדע ציערונג. קרוין, צעפּטער און שווערט זיינען אוועק, איך בין איבערהויפּט אזוי אָרעם און עלענד ווי יעדער מענש, ווייל איהרע שעהנע אויגען ווירקען מיט אזא מין קללה, אז זיי נעהמען אוועק ביי אַלע לעבעדיגע ברואים זייער קראפט, און יענע, וועמען איהר בעריהרענדע האנד טויטעט ניט, ווערען לעבעדיגע, וואַנדלענדע שאָטענס."

אָט אזוי האט ער געהאַלטען אין איין בעקלאָגען זיך, אבער די אַלטע האט ער ניט צופריעדען געשטעלט. זי האט ניט געוואָלט ווי-

סען פון זיין אינגערן אדער אויסערליכען צושטאנד. זי האט ניט ערפאהרען זיין פאטער'ס נאָמען, ניט דעם נאָמען פון זיין קעניגרייך.

ער האט דערוויל געגלעט דעם הארטען מאָפּס, וועלכער איז געוואָרעמט געוואָרען פון די זונען־שטראהלען און פון דעם יונגען מאַן'ס בוזים. ער האט פיעל געפרעגט איבער דעם מאן מיט'ן לאָמפּ, איבער די ווירקונגען פון היילינען ליכט און עס האט אויסגעזעהען, אז ער האט זיך דערפון פאַרגעשטעלט פיעל גוטעס פאר זיין צוקונפט.

אזוי רעדענדיג, האבען זיי פון וויטען דערזעהען די מאַיעסטעטישע בויגענס פון דער בריק, וואס האבען געגרייכט פון איין ברעג צום צווייטען, און אין גלאַנץ פון דער זונן האבען זיי וואונדערבאר גע־גלאנצט. ביידע זיינען ערשטוינט געוואָרען, ווייל זיי האבען נאָך קיינמאָל ניט געזעהען דיעזע געביידע אין אזא הערליכקייט.

„וואס!” האט אויסגערופען דער פרינץ, „איז זי ניט געווען שעהן גענוג, ווען זי איז געשטאַנען פאר אונזערע אויגען אויסגעבויעט ווי פון יאספּיס און פראזען? דארף מען ניט מורא האבען צו טרעטען אויף איהר, ווען זי זעהט אוים צוזאמענגעשטעלט פון סמאראגד, קריזאָ־פּראַס און קריזאָליטה?”

ביידע האבען ניט געוואוסט, וואס עס האט פאסירט מיט דער שלאַנג; ווייל עס איז געווען די שלאנג, וואס איז געשטאַנען יעדען נאָכמיטאג איבער'ן טייך אין דער געשטאַלט פון א בריק. די וואנ־דערער זיינען ארויף אויף איהר מיט יראת הכבוד און געגאנגען אריע־בער שווייגענדיג.

זיי זיינען שוין באַלד געווען פון יענער זייט ברעג, ווען די בריק האט אָנגעהויבען זיך צו שאָקלען און זיך בעוועגען, זיך ארונטערגע־לאָזען איבער דעם וואסער, און די גרינע שלאנג, אין איהר געשטאַלט, האט דאַן בעגלייטעט די וואנדערער אויפ'ן לאנד.

קוים האבען ביידע בעדאנקט פאר דער ערלויבנים צו געהען אי־בער איהר רוקען, האבען זיי בעמערקט, אז אויסער זיי דריי האט זיך נאָך עמיצער געפונען אין דער געזעלשאפט, וועמען זיי האבען, פון דעסטוועגען, מיט די אויגען ניט געקענט זעהען. נעבען זיך האבען זיי געהערט א סווישטשערן. זיי האבען זיך צוגעהערט און ענדליך גע־הערט פאָלגענדעס:

„מיר וועלען,” האבען געזאגט א פאאר שטימען, „זיך פריהער

ארײנ׳גנב׳ענען פערשטעלטערהייד אין פּארק פון דער שעהנער ליליע, און מיר בעטען אייך, אזוי גיך ווי עס וועט נאָר נאַכט ווערען ווי מיר וועלען נאָר קענען פאַרגעשטעלט ווערען, זאָלט איהר אונז פאָרפיהרען פאר דער פאָלקאָמענער שעהנהייט. איהר וועט אונז געפינען ביים ראנד פון דעם גרויסען ים.״

„אזוי בלייבט עס,״ האט געענטפערט די שלאַנג, און מיט א הויכען סוויטשערן, האבען זיך די אנדערע פערלאָרען אין דער לופט.

די דריי וואנדערער האבען זיך יעצט בעשפּראָכען אין וואס פאר אַן אָרדנונג זיי וועלען ערשיינען ביי דער שעהנער; ווייל אלע מיט אמאָל קענען ניט קומען, יעדער מוז ערשיינען בעזונדער.

די פרוי מיט דעם פערוואנדעלטען הונד אין קאָרב, האט זיך פריהער דערנעהנטערט צום גאָרטען און געזוכט די שעהנע ליליע, וועלכע זי האט גרינג געפונען, ווייל זי האט גראדע דאמאָלס געזונגען צו דער בעגלייטונג פון דער הארפע; די ליעבליכע טענער האבען זיך בעוויעזען ווי רינגען אויף דעם שטילען ים, דאן, ווי א לייכטער הויך האבען זיי געזעטצט אין בעוועגונג גראָז און געביש. זי איז געזעסען אויף א קיילעכדיגען גרינעם פּלאַטץ אין שאָטען פון א הערליכער גרופּע פערשיעדענע בוימער. ביים ערשטען בליק האט זי בעצויבערט אויף דאס ניי די אויגען, די אויערן און דאס הארץ פון דער פרוי, וועלכע איז צו איהר צוגעגאנגען מיט ענטציקען. זי האט געשוואָרען ביי זיך אליין, אז די שעהנע איז אלץ שעהנער געוואָרען ווערהענד איהר אנוועזענהייט.

„וואס פאר א גליק דאס איז, אייך צו זעהען!״ האט זי אויסגערופען, „וואס פאר א געטטליכקייט עס איז ארום אייך! ווי די הארפע ליעגט אזוי רייצענד אין אייער שויס! ווי אייערע הענד נעהמען זי אזוי זאנפט ארום, ווי זי זעהט אויס צו ביינקען נאָך אייער ברוסט, און ווי זי קלינגט אונטער דער בעריהרונג פון אייערע צארטע פינגער! דרייפאכער גליקליכער יונגער מאן, וועלכער וואָלט געקענט נעהמען דעם פּלאַטץ נעבען איהר!״

בשעת דיעזע ווערטער איז זי צוגעקומען נעהנטער; די שעהנע ליליע האט געעפענט די אויגען, ארונטערגעלאָזט די הענד און געזאגט:

„בעטריעב מיך ניט דורך אַן אונצייטיגען לויב! איך פיהל נאָר

אַלץ שטאַרקער מיין אונגליק. זעה, אָט דאָ, צו מיינע פיס, ליעגט טויט דער אָרעמער קאַנאַריען פויגעל, וועלכער פלעגט אַמאָל אַזוי אַנגענעהם בעגלייטען מיינע ליעדער; ער איז געוועהנט געוואָרען צו זיטצען אויף מיין האַרפע, און ער איז געווען גוט אָבגעריכטעט מיך ניט צו בעריהרען; היינט, דערקוויקט פון דער שטאָלץ, האָב איך מיר גענומען זינגען אַ מאָרגען־ליעד, און מיין קליינער זינגער האָט נאָך מונטערער ווי אימער, מיט האַרמאָנישע טענער מיטגעזונגען; פלוצלינג האָט ארונטערגעשוועבט איבער מיין קאָפּ אַ רויב־פויגעל: דאָס אָרעמע, קליינע פייגעלע, וועלכעס איז דערשראָקען געוואָרען, איז ענטלאָפען אין מיין בוזים, און אין דעמזעלבען אויגענבליק, האָב איך אויך געפיהלט די גוסס'ע בעוועגונגען פון זיין פערשוואונדענעם לעבען. דער רויבער, וועלכער איז פון מיין בליק געטראָפען געוואָרען, איז אפילו אריינגעפאַלען אָהנמעכטיג אין וואַסער אריין; אָבער וואָס קען מיר העלפען זיין שטראָף? מיין ליעבלינג איז טויט, און זיין קבר וועט בלויז פערמעהרען די טרויעריגע בוימעלעך פון מיין גאָרטען."

„פאַסט מוטה, שעהנע ליליע!" האָט אויסגערופען די פרוי, וועלכע האָט אליין אויך אָבגעווישט אַ טרער, וואָס די ערצעהלונג פון דעם מיידעל האָט ביי איהר ארויסגערופען. „פאַסט מוטה! מיין אַלטער לאָזט אייך זאָגען, איהר זאָלט אייער טרויער איינשטילען און איהר זאָלט בעטראַכטען דאָס גרעסטע אונגליק אַלס שליח פון גרע־סטען גליק; ווייל די צייט איז געקומען."

„ווירקליך," האָט די אַלטע ווייטער געזאָגט. „אין דער וועלט געהט עס צו גאַנץ פרעהליך. זעהט נאָר מיין האַנד, ווי שוואַרץ זי איז געוואָרען; ווירקליך, זי איז שוין אַזוי קליין געוואָרען. איך מוז מיך איילען, איידער זי ווערט אין גאַנצען פערשוואונדען. פאַר וואָס האָב איך בעדאַרפט טהון אַ טובה די אירליכטער? פאַר וואָס האָב איך בעדאַרפט בעגעגענען דעם ריעז און איינטונקען מיין האַנד אין טייך? קענט איהר מיר אפשר געבען אַ קאָהלהויפּט, אַן ארטישאָק און אַ ציבעלע? וועל איך זיי ברענגען צום טייך און מיין האַנד וועט ווערען אַזוי ווייס ווי פריהער, אַז איך וועל זי כמעט מעגען האַלטען נעבען אייערע."

„קאַהלהויפּטער און ציבעלעס קענסטו נאָך געפינען, אבער אר־טישאָקען זוכסטו אומזיסט. אַלע פּלאַנצען אין מיין גאָרטען טראָגען ניט קיין בליטהען און ניט קיין פרוכטען; אבער יעדע זערנע רייז, וואס איך צוברעך און פּלאַנץ אויפ'ן קבר פון א ליעבלינג, גרינט באַלד און וואקסט ארויס אין דער הויך. אַלע דיעזע גרופּען, דיעזע בוימע־לעך, דיעזע בוימער, האב איך ליידער געזעהען אויסוואַקסען. די שירמען פון דיעזע פּיניען בוימער, די אָבעליסקען פון דיעזע ציפּערי־סען, די קאָלאָסען פון דיעזע אייכען און בוכען, דאס אַלעס איז פון מיין האנד געפּלאַנצט געוואָרען אויף א זאָנסט אונפרוכטבארען באָדען."

די אַלטע האט זיך ניט שטארק צוגעהערט צו דיעזער רעדע און בלויז בעטראַכט איהר האנד, וועלכע איז, אין דער געגענוואַרט פון דער שעהנער ליליע, אימער שווארצער און שווארצער געוואָרען און פון מינוט צו מינוט האט זי אויסגעזעהען צו ווערען קלענער. זי האט נאָר וואס געוואָלט נעהמען דעם קאַרב, ווען זי האט געפיהלט, אז זי האט פערגעסען דאס בעסטע. זי האט באַלד ארויסגענומען דעם פער־וואנדעלטען הונד און איהם אוועקגעשטעלט אין גראָז ניט ווייט פון דער ליליע.

„מיין מאַן," האט זי געזאָגט, „שיקט אייך דיעזע מתנה.. איהר ווייסט, אז איהר קענט דיעזען עדעלשטיין לעבעדיג מאַכען דורך איי־ער בעריהרונג. די גוטע, געטריייע חיה וועט אייך געווים געבען פּיעל פרייד, און די בעטריעבקייט, וואס איך פערליר איהם, קען נאָר דורך דעם געדאַנקען אויפגעמונטערט ווערען, ווייסענדיג, אז איהר האט איהם."

די שעהנע ליליע האט אָנגעקוקט די פּרעכטיגע חיה מיט פער־גניעגען, און, ווי עס שיינט, אויך מיט בעוואונדערונג.

„עס קומען," האט זי געזאָגט, „פּיעלע צייכענס, וואס גיעבען מיר אביסעל האָפנונג. אבער, אַך, איז עס ניט א נאַררישקייט פון אונזער נאַטור, זיך פאַרצושטעלען, אז ווען עס קומען זיך צוזאַמען פּיעלע צרות, בעדייטעט עס, אז דאס בעסטע איז נאָהענט?"

„וואס העלפען מיר די פּיעלע צייכען?
דעם פויגעל'ס טויט, דער פריינדין'ס שווארצע האנד?
דער מאָפּס פון עדעלשטיין, האט ער דען זיין גלייכען?

און האט איהם ניט דער לאָמפּ אהער געשיקט?
דערוויטערט פון זיסען מענשליכען גענוס,
בין איך מיט יאָמער נאָר פערטרויעט.
אַך, ווארום שטעהט דער טעמפּעל ניט ביים פלוס?
אַך, פאר וואס איז די בריק ניט געבויעט?"

אונגעדולדיג האט די אַלטע צוגעהערט דיזעם געזאַנג, וואס די שעהנע ליליע האט, מיט זיסע טענער, בעגלייט אויף איהר הארפּע. זי האט זיך נאָר וואס געוואָלט געזעגענען, ווען זי איז צוריק גע־האַלטען געוואָרען דורך דעם אַנקומען פון דער גרינער שלאַנג. זי האט געהערט די לעצטע שורות פון דעם ליעד און זי האט צו דער שעהנער ליליע גערעדט איבער דעם מוטה, וואס זי בעדאַרף האבען.

„די נבואה פון דעם בריק איז ערפילט!" האט זי אויסגערופען, פרעגט עס נאָר ביי דיזער גוטער פרוי, ווי הערליך דער בויגען ערשיינט! וואס עס איז אַמאָל געווען אונדורכזיכטבארער יאַספּעס, וואס איז אמאָל בלויז געווען פּרעזעם, דורך וועלכען דאס ליכט האט קוים דורכגעשיינט ביי די עקען, איז יעצט געוואָרען דורכזיכטיגער עדעלשטיין. קיין בעריל איז אזוי קלאָר און קיין סמאראַגד איז אזוי שעהנפארביג."

„איך ווינש אייך גליק דערצו," האט געזאָגט ליליע. „אבער זייט מיר מוחל, ווען איך גלויב, אַז די נבואה איז נאָך ניט ערפילט. איבער דעם הויכען בויגען פון אייער בריק קענען נאָר פוסגעהער אריבערמארשירען. אונז איז אבער פערשפּראָכען געוואָרען, אַז פערד, וועגען און אלערליי רייזענדע וועלען אין איין צייט קענען אריע־בערגעהען די בריק. איז דאס ניט קיין נבואה פון די גרויסע פּיילען, וואס וועלען פון טייך גופא ארויסשטייגען?"

די אַלטע, וואס האט נאָך אַלץ געהאַלטען די אויגען אויף דער האנד, האט אונטערבראָכען דאס געשפּרעך און זיך געזעגענט.

„בלייבט נאָך אַן אויגענבליק," האט געזאָגט די שעהנע ליליע, „און נעהמט מיט מיין אָרעמען קאַנאַריען־פויגעל. בעט דעם לאָמפּ, ער זאָל איהם פערוואַנדלען אין אַ שעהנעם טאָפּאַז; איך וועל איהם דערנאָך לעבעדיג מאַכען מיט מיין בעריהרונג, און ער מיט אייער גו־טען מאָפּס, זאָלען דערנאָך ווערען מיין בעסטער צייטפערטרייב. אבער אײלט זיך אזוי שנעל ווי איהר קענט! וויל מיט זונענאונטערגאַנג

וועט איינטרעטען מיאוסע פוילקייט און דאס אָרעמע פויגעלע וועט פערלירען פון זיין שעהנער געשטאַלט אויף אייביג."

די אַלטע האט אריינגעלעגט דעם קליינעם בר־מנן אין קאָרב צווישען די צאַרטע בלעטער און איז אַוועק.

„זאָל עס זיין ווי עס ווילט זיך," האט די שלאַנג געזאגט, פאָרט־זעטצענדיג איהר געשפּרעך, „דער טעמפּעל איז שוין אויפגעבויעט."

„אבער ער שטעהט נאָך ניט ביים טייך," האט געזאגט די שעהנע.

„יא, ער רוהט נאָך אין די טיעפענישען פון דער ערד. איך האב געזעהען די קעניגע און מיט זיי געשפּראָכען."

„אבער ווען וועלען זיי אויפשטעהען?" האט געפרעגט ליליע.

די שלאַנג האט געענטפערט.

„איך האב געהערט די גרויסע ווערטער אין טעמפּעל: די צייט איז שוין געקומען!"

אַן אנגענעהמע פרעהליכקייט האט זיך פערברייטעט איבער'ן געזיכט פון דער שעהנער.

„היינט הער איך שוין די גליקליכע ווערטער צום צווייטען מאָל," האט ליליע בעמערקט. ווען וועט דער טאָג קומען, אין וועלכען איך וועל עס הערען דריי מאָל?"

זי איז אויפגעשטאַנען, און באלד איז ארויס א שעהן מיידעל פון די בוימעלעך, און ביי איהר אַוועקגענומען די האַרפע. נאָך דעם איז געקומען אַן אנדערע, וועלכע האט צוגענומען דעם העלפאַנט־ביין געשניטצטען שטוהל, אויף וועלכען די שעהנע איז געזעסען; זי האט גענומען די שטוהל אין איין האנד און אין דער צווייטער דאס זיל־בערנע קישען. דאַן איז ערשיענען א דריטעס מיידעל, וועלכע האט געטראָגען א גרויסען מיט פּערל־געשטיקטען זונענשירם. זי האט ער־וואַרטעט די ליליע, טאָמער וועט זי איהר בעדאַרפען.

איבער יעדען אויסדרוק פון שעהן זיינען געוועזען די דריי מיידלעך. און דאָך האבען זיי בלויז פערגרעסערט די שעהנהייט פון דער ליליע, ווייל יעדע האט געמוזט צוגעבען, דאס צו איהר האט זיך קיינער ניט געקענט פערגלייכען.

מיט צופריעדענהייט האט די שעהנע ליליע דערוויל בעטראכט דעם מאָפּס. זי האט זיך איינגעבויגען, איהם בעריהרט, און אין דעם אויגענבליק איז ער אויפגעשפּרונגען.

מונטער האט ער זיך ארומגעקוקט, געלאָפען אהין און צוריק, ביז ער איז צוגעלאָפען צו זיין וואָהלטהעטערין און זי בעגריסט אויפ'ן פריינדליכסטען אופן. זי האט איהם גענומען אויף די הענד און גע־דריקט צו זיך.

„ווי קאַלט דו ביסט," האט זי געזאגט, „און כאָטש אין דיר איז נאָר דאָ א האַלבעס לעבען, פון דעסטוועגען ביסטו מיר דאָך ווילקאָ־מען; צערטליך וועל איך דיך ליעבען, מיט דיר מאַכען שעהנעם שפּאַס, דיך גלעטען פריינדליך און דיך דריקען פעסט צו מיין הארץ."

זי האט איהם דערביי אַבגעלאָזט, אוועקגעיאָגט פון זיך, וויע־דער צוריקגערופען, געשפּאַסט מיט איהם און אזוי מונטער זיך ארומ־געיאָגט מיט איהם אויפ'ן גראָז, אז מען האט, מיט נייעם ענטציקען, געמוזט בעטראַכטען איהר פרייד און נעהמען אנטהייל אין דעם, פונקט ווי מען האט פריהער געמוזט האבען מיטלייד מיט איהר.

דיעזע מונטערקייט, דיעזער שעהנער שפּאַס זיינען אונטערבראָ־כען געוואָרען, ווען א טרויעריגער יונגער מאַן איז אָנגעקומען. ביי זיין אָנקומען האבען מיר איהם באַלד דערקענט. אבער די היטץ פון טאָג האט אויסגעזעהען איהם נאָך מעהר אָבצומאַטערן, און וואס נעהנ־טער ער איז צוגעקומען צו דער געליעבטער, איז ער מיט יעדען אויג־גענבליק בלאַסער געוואָרען. ער האט געטראָגען דעם רויב־פויגעל אויף זיין האנד, וועלכער איז געזעסען רוהיג ווי א טויב און ארונטער־געהאנגען די פליעגלען.

„עס איז ניט פריינדליך," האט געזאגט די שעהנע ליליע, „וואס דו ברענגסט מיר די פערהאַסטע חיה, די אבשייליכקייט, וואס האט מיר געטויטעט מיין קליינעם זינגער."

„שילט ניט דעם אונגליקליכען פויגעל," האט געענטפערט דער יונגער מאַן, „קלאָג בעסער דיך אָן און דאס שיקזאַל, און פערגין מיר, וואס איך קען מיך חבר'ן מיט איינעם, וואס איז אזוי עלענד ווי איך."

זועהרענד דעם האט דער מאָפּס ניט אויפגעהערט זיך צו רייצען מיט דער שעהנער, און זי האט דעם הונד געענטפערט מיט דער פריינד־ליכסטער בענעהמונג. זי האט געפּאַטשט מיט די הענד, אום איהם

אוועקצוטרייבען; דאן איז זי געלאָפען, אום איהם ווידער צו זיך צו צוציהען; זי האט איהם געוואָלט כאפען, ווען ער איז ענטלאָפען, און איהם אוועקגעיאָגט, ווען ער האט זיך צו איהר גענעהנט.

דער יונגער מאן האט דאס אלעס שטילשווייגענד צוגעקוקט, און דערווייל איז געוואקסען זיין פערדרוס. ענדליך, ווען זי האט גענומען אויף די הענד דעם הונד, וועלכער איז איהם פאָרגעקומען גאנץ מיאוס און פאסקודנע, און איבערהויפט ווען זי האט איהם צוגעדריקט צו איהר ווייסען בוזים און מיט איהרע ליפען געקושט זיין שווארצען פיסק, האט ער שוין פערלאָרען מעהר געדולד און אויסגערופען מיט פערצווייפלונג:

„מוז איך, דורך א טרויעריגעם שיקזאל, פיעללייכט אויף תמיד פון דיר לעבען אָבגעשיידט? יא, מוז איך צוקוקען ווי אזא פערזע־העניש און פאסקודסטווא רופט אין דיר ארוים פרייד, בינדט צו דיין נייגונג און קען געניסען דיין אומארמונג? זאָל איך נאָך ווייטער געהן הין און צוריק און האלטען אין איין מעסטען דעם טרויעריגען קרייז דעם טייך אריעבער און אריעבער צו געהען? ניין! נאָך רוהט א פונק פון דעם אלטען העלדענמוטה אין בוזים; אין דיעזען אויגענבליק צופלאַקערט ער זיך צום לעצטען פלאם! ווען שטיינער מעגען רוהען ביי דיין בוזים, דאן וויל איך ווערען א שטיין; ווען דיין בעריהרונג טויטעט, דאן וויל איך געטויטעט ווערען דורך דיין האַנד!”

מיט דיעזע ווערטער האט ער געמאכט א שטארקע בעוועגונג; דער רויב־פויגעל איז ארויסגעפלויגען פון זיין האַנד, ער איז אבער צוגעלאָפען צו דער שעהנער; זי האט אויסגעשטרעקט איהרע הענד איהם אָבצוהאלטען, און דערפאר האט זי איהם פריהער בעריהרט. ער האט באלד פערלאָרען זיין בעוואוסטזיין, און מיט שרעק האט זי געפיהלט די שעהנע לאסט אויף איהר בוזים.

מיט א געשריי איז זי צוריקגעשפרונגען, און דער שעהנער יונגער מאן איז צוריקגעפאלען א טויטער אויף דער ערד.

דאס אונגליק איז געשעהען; די זיסע ליליע איז געשטאנען אונ־בעוועגליך און געבליקט אויף דעם לעבלאָזען קערפער; דאס הארץ האט אויסגעזעהען צו בלייבען שטעהען אין איהר בוזים און איהרע אויגען האבען אפילו קיין טרערען ניט געקענט ארויסברענגען.

אומזיסט האט דער מאָפס געזוכט ביי איהר ארויסצורופען א

פריינדליכע בעװעגונג; די גאַנצע װעלט האט אויסגעזעהען צו זיין אָבגעשטאָרבען מיט דעם טויט פון איהר פריינד. אין איהר שטומער פערצװייפלונג האט זי זיך אפילו ניט אומגעקוקט נאָך הילף, װייל זי האט פון קיין הילף ניט געװאוסט.

דערפאר האט זיך די שלאַנג נאָך פלייסיגער בעװאויגען; זי האט אויסגעזעהען צו קלערען פאר רעטונג. איהרע זאָנדערבאַרע בע־װעגונגען האבען אויך געװירקט װעניגסטענס אָבצוהאַלטען אויף א קורצער צייט די נעכסטע שרעקליכע רעזולטאַטען. זי האט מיט איהר לאַנגען און שעהנעם קערפער געצויגען א קרייז ארום דעם בר־מנן, אַנגעכאַפּט דעם עק מיט איהרע צייהן און איז געבליעבען רוהיג ליעגען.

עס האט ניט פיעל געדויערט, און ליליע׳ס א שעהנע דיענערין איז אריינגעקומען, געבראכט דעם העלפאַנט־ביינערנעם פעלד־שטוהל און געצװאונגען, מיט צערטליכקייט, די שעהנע זאָל זיך זעטצען; באַלד איז געקומען די צװייטע, װאס האט געטראָגען א פייערפאַרביגען שלייער אום צו פערציערען דערמיט דעם קאָפּ פון איהר בעל־הבית׳טע; די דריטע האט איהר דערלאַנגט די האַרפע, און אזוי גיך װי דער אינ־סטרומענט האט זיך צו איהר גערריקט און עס זיינען ארוים אייניגע טענער פון די סטרונעס, איז דאס ערשטע מיידעל צוריקגעקומען מיט א רונדען שפּיעגעל, זיך געשטעלט געגענאיבער ליליע׳ן, בעװאויגען איהרע בליקען און ארויסגערופען דאס שעהנסטע בילד אין דער נאַטור. דער שמערץ האט געהעכערט איהר שעהנהייט, דער שלייער האט דער־הויבען איהר רייץ, די האַרפע איהר געמיטה, און װי מען האט גע־האָפּט צו זעהען איהר טרויעריגע לאַגע געענדערט, אזוי האט מען זיך אויך געװינשען זי צו זעהען װי זי איז אויף אימער.

מיט א שטילען בליק צום שפּיעגעל האט זי באַלד, שמייכלענדיג, ארויסגערופען טענער פון די סטרונעס; אבער איהר שמערץ האט אויסגעזעהען צו שטייגען און די סטרונעס האבען מיט געװאַלט גע־ענטפערט איהר יאָמער. אייניגע מאָל האט זי געעפענט איהר מויל צום זינגען, אבער איהר קול האט ניט געװאָלט דיענען. אבער איהר שמערץ האט זיך באַלד פערװאַנדעלט אין טרערען. צװיי מיידלעך האבען זי געכאַפּט אין די אָרעם און די האַרפע איז ארויסגעפאַלען

פון איהר שוים. איינע פון די מיידלעך האט קוים דערכאפט דאס אינסטרומענט און דאס אוועקגעשטעלט ביי דער זייט.

„ווער ברענגט אונז דעם מאן מיט'ן לאמפ איידער די זונן געהט אונטער?" האט געסוויטשערט די שלאנג שטילערהייט, אבער מען האט דאך געקענט הערען. די מיידלעך האבען זיך אנגעקוקט און ליליע'ס טרערען האבען זיך פערמעהרט.

אין דיעזען אויגענבליק איז, כמעט אהן אן אטהעם, צוריקגעקומען די פרוי מיט'ן קארב.

„איך בין פערלארען און א קאליקע!" האט זי אויסגערופען. זעהט ווי מיין האנד איז שוין כמעט אין גאנצען פערשוואונדען געווארען. ניט דער שיפער און ניט דער ריעז האבען מיך געוואלט אריעבערנעהמען, דערפאר ווייל איך בין א בעלת־חוב דעם וואסער. אומזיסט האב איך זיי אנגעבאטען הונדערט קאהלהויפטער און הונדערט ציבעלעס, מען וויל ניט מעהר ווי דריי, און קיין ארטישאקען זיינען גאר ניטא אין דיעזער געגענד."

„פערגעסט אייער נויט," האט די שלאנג געזאגט, „ און זוכט בעסער דא צו העלפען, פיללייכט קען מען אייך צוזאמען העלפען. לויפט אזוי שנעל ווי איהר קענט אויסצוזוכען די אירליכטער. עס איז נאך אפילו צו העלל זיי צו זעהען, אבער אפשר וועט איהר זיי הערען לאכען און ארומפלאטערן. ווען זיי וועלען זיך איילען, וועט דער ריעז זיי אריעבערנעהמען איבער'ן טייך. זיי קענען געפינען דעם מאן מיט'ן לאמפ און איהם אהער שיקען."

די פרוי איז אוועק אזוי שנעל ווי זי האט געקענט, און די שלאנג האט אויסגעזעהען גראדע אזוי אונגעדולדיג ווי ליליע אויף איהר צוריק קעהרען. ליידער האט דער שטראהל פון דער זינקענדער זונן פערגאלדעט בלויז די שפיטצען פון די בוימער, און לאנגע שאטענס האבען זיך געצויגען איבער ים און פעלד; די שלאנג האט זיך בעוואויגען אונגעדולדיג און ליליע איז צוגאנגען געווארען אין טרערען.

אין דיעזער נויט האט די שלאנג זיך ארומגעקוקט איבעראל, ווייל זי האט מורא געהאט יעדען אויגענבליק טאמער געהט אונטער די זונן און די פוילקייט וועט דורכדרינגען דעם מאגישען קרייז און אנגרייפען דעם יונגען מאן. ענדליך האט זי דערזעהען הויך אין דער לופטען מיט פורפור־רויטע פעדערן דעם רויב־פויגעל, וועמעס ברוסט

האט נאָך אָבגעשפּיעגעלט די לעצטע שטראַהלען פון דער זונן. זי האט זיך געטהאָן א שאָקעל פאר פרייד איבער דעם גוטען סימן. זי האט זיך אויך ניט אָבגענאַרט.

באלד נאָך דעם האט מען געזעהען דעם מאן מיט'ן לאָמפּ שווע־בענדיג איבער'ן ים, פונקט ווי ער וואָלט געהאט אזעלכע שריט־שיך, וועלכע האבען איהם געטראָגען.

די שלאנג האט ניט געענדערט איהר שטעלע, אבער די ליליע איז אויפגעשטאַנען און איהם צוגערופען:

„וועלכער גוטער גייסט שיקט דיך אין דיעזען אויגענבליק?" האט זי געפרעגט. „יעצט, ווען מיר דארפען דיך האבען אזוי נע־טהיג?"

„עס איז דער גייסט פון מיין לאָמפּ," האט געענטפערט דער אלטער, „ער טרייבט מיך, און דער רויב־פויגעל פיהרט מיך אהער. דער לאָמפּ פינקעלט ווען מען בעדאַרף מיך, דאַן קוק איך נאָר אין דער לופט נאָך א סימן. סאַי־וואס פאר א פויגעל אָדער מעטעאָר צייגט מיר אָן די הימעלס־געגענד, וואוהין איך דאַרף מיך ווענדען. זייט רו־היג, שעהנסטעס מיידעל, אויב איך קען העלפען, ווייס איך ניט; איין איינציגער העלפט ניט; נאָר יענער העלפט, וועלכער פעראיי־ניגט זיך מיט פיעלע צו דער ריכטיגער שטונדע. לאָמיר האָפען."

צו דער שלאנג:

„האלט דיין קרייז געשלאָסען."

דאַן האט ער זיך אוועקגעזעטצט נעבען איהר אויף'ן בערגעלע ערד און בעלייכטעט דעם טויטען קערפּער.

„ברענגט מיר נאָר אהער אויך דעם שעהנעם קאַנאַריען־פויגעל, לעגט איהם אוועק אין קרייז."

די מיידלעך האבען גענומען דעם קליינעם בר־מנן פון דעם קאָרב, וואס די אלטע האט געלאָזט שטעהן, און געפאָלגט וואס דער מאַן האט געהייסען.

די זונן איז דערווייל אונטערגעגאַנגען, און די פינסטערניש איז געוואָרען גרעסער, האבען ניט נאָר די שלאנג און דעם מאַן'ס לאָמפּ אָנגעהויבען צו לייכטען, נאָר ליליע'ס שלייער האט אויך ארויסגעגע־בען פון זיך א זאנפטעם ליכט, וועלכעס האט, ווי א צאַרטע מאָרגען־רויטקייט מיט אונענדליכער ליעבליכקייט געפאַרבט איהרע בלייכע

באקען און איהר ווייסעם קלייד. מען האט אין איהר געקענט זעהען, ווי זארג און טרויער האבען זיך געמילדערט דורך א שטילע האפנונג.

ניט אונאנגענעהם איז געווען צו זעהען ווי די אלטע פרוי איז ערשיענען אין דער געזעלשאפט פון די צוויי פרעהליכע פלאמען, וועלכע האבען געמוזט פיעל פערשווענדען, ווייל זיי זיינען שטארק מאגער געווארען, דערפאר האבען זיי זיך בענומען נאך אנשטענדיגער געגען דער פרינצעסין ווי די איבריגע.

מיט דער גרעסטער זיכערהייט און מיט פיעל צערעמאניע, האבען זיי געזאגט גאנץ געוועהנליכע זאכען; איבערהויפט איז זיי שטארק געפעלען געווארען דער רייץ, וואס ליליע'ס לייכטענדער שלייער האט פערברייטעט איבער איהרע בעגלייטערינס.

צנועות'דיג האבען די פרויענצימער ארונטערגעלאזט זייערע אויגען און דער לויב פון זייער שעהנהייט האט זיי נאך מעהר פערשעהנערט.

יעדער איז געווען צופריעדען און רוהיג, אויסער די אלטע, וועלכע, ניט קוקענדיג דארויף, וואס איהר מאן האט זי פערזיכערט, אז איהר האנד וועט ניט ווייטער קלענער ווערען כל־זמן זי ווערט בעשיינט פון זיין לאמפ. זי האט געהאלטען אין איין טענה'ען, דאס ווען עס וועט ווייטער נאך אזוי אנהאלטען, וועט זי, ביז פאר האלבע נאכט, שוין ניט האבען אפילו א פיצעל פון דער האנד.

דער אלטער מיט דער לאמפ האט אויפמערקזאם צוגעהערט דאס געשפרעך פון די אירדליכטער, און עס האט איהם געפרייט, וואס ליליע איז אביסעל אויפגעמונטערט געווארען דורך דיעזער אונטערהאלטונג.

אט אזוי, ניט ווימענדיג ווי, איז געווארען האלבע נאכט.

דער אלטער האט געקוקט צו די שטערען און אנגעפאנגען צו זיי צו רעדען.

„מיר זיינען צוזאמען אין דער גליקליכער שטונדע; יעדער זאל טהון זיין פליכט, און אן אלגעמיינעם גליק וועט אויפלעזען די איינציגע שמערצען, ווי אן אלגעמיינעם אונגליק פערצעהרט איינציגע פריידען."

נאך דיעזע ווערטער איז געווארען א וואונדערבארער גערויש;

דען אלע געגענווערטיגע פערזאָנען האבען גערעדט פאר זיך און יע־דער האט אויסגעדריקט וואס עס איז צו טהון.

בלויז די דריי מיידלעך זיינען געווען שטיל; איינע איז ענט־שלאָפען געוואָרען נעבען דער הארפע, די אנדערע נעבען זונענשירם, די דריטע אויפ'ן ביינקעל, און מען האט זיי אויך ניט בעדאַרפט פער־דענקען, ווייל עס איז שוין געווען שפעט; די פלאַמענדע יונגע לייט האבען זיך געהאַלטען בלויז ארום ליליע'ן.

„נעהם נאָר דעם שפיעגעל," האט דער אַלטער געזאגט צום רויב־פויגעל, „און מיט דעם ערשטען זונענשטראַהל זאָלסטו בעלייכ־טען די שלאָפענדיגע און וועק זיי אויף מיט צוריקגעוואָרפענעם ליכט אויף דער הויכקייט."

די שלאַנג האט אָנגעהויבען זיך צו בעוועגען, זי האט אויפגע־לעזט דעם קרייז, און זיך קייקלענדיג אין גרויסע רינגען, איז זי אַוועק צום טייך.ביידע אירדליכטער זיינען איהר נאָכגעגאַנגען, און מען וואָלט זיי דאַמאָלס געקענט האַלטען פאר די ערנסטסטע פלאַמען. די אַלטע און איהר מאַן האבען גענומען דעם קאָרב, וועמעס זאַנפטעס ליכט מען האט ביז אהער קוים בעמערקט; זיי האבען געהאַלטען פון ביידע זייטען און ער איז געוואָרען אימער גרעסער און לייכטענדער. דאַן האבען זיי דעם טויטען יונגען מאַן אריינגעלעגט און ארויפגע־לעגט אויף זיין ברוסט דעם טויטען קאַנאַריען־פויגעל. דער קאָרב האט זיך אויפגעהויבען אין דער הויך און געשוועבט איבער די קעפ פון די אַלטע. אָט אזוי זיינען זיי נאָכגעגאַנגען די אירדליכטער צום טייך.

די שעהנע ליליע האט גענומען דעם מאָפּס אויף איהרע הענד און איז נאָכגעגאַנגען די אַלטע. דער מאַן מיט דעם לאָמפ איז גע־גאַנגען פון הינטען. און די געגענד איז געווען העלל בעלייכטעט פון די פערשיעדענע ליכטער.

מיט גרויסער בעוואונדערונג האט די געזעלשאַפט געטרויעט דעם פּרעכטיגען בויגען איבער'ן טייך, איבער וועלכען די וואָהלטהעטיגע שלאַנג האט געמאַכט פאר זיי אַ וועג.

אויב מען האט בייטאָג בעוואונדערט די דורכזיכטיגע עדעלשטיי־נער, פון וועלכע די בריק האט אויסגעזעהען צו זיין צוזאַמענגעשטעלט, דאַן איז מען ביי נאַכט איינפאַך געווען ערשטוינט איבער דער גלענ־

צענדער הערליכקייט. אויבען, אויפ'ן העכסטען טהייל פון דעם בויגען אָדער פּאַרענטשע, האט מען געקענט זעהען דעם העלען קרייז זיך אָבשלאָגענדיג אין טונקלען הימעל, אבער אונטען האָט מען בעמערקט דאס צוקען פון די לעבהאפטע שטראַהלען, צייגענדיג די בעוועגליכע פעסטקייט פון דער געביידע.

די געזעלשאַפט איז לאַנגזאם אריעבער געגאַנגען, און דער שיפער, וועלכער האט פון ווייטען ארויסגעקוקט פון זיין שטיבעל, האט מיט שטוינען בעטראַכט דעם לייכטענדען קרייז און די זאָנדערבאַרע ליכטער, וואס זיינען דארויף געגאַנגען.

אזוי ווי זיי זיינען אָנגעקומען אויפ'ן אַנדערן ברעג, האט דער בויגען אָנגעהויבען זיך ארונטערצולאָזען און זיך דערנעהנטערן צום וואסער. די שלאַנג איז דאַן ארוים אויפ'ן לאַנד. דער קאָרב האט זיך אָניעדערגעזעטצט אויף דער ערד, און די שלאַנג האט אויף דאס ניי געמאַכט איהר קרייז ארום.

דער אַלטער האט זיך צוגעבויגען און געפרעגט:

„וואס האָסטו בעשלאָסען?"

„מיך צו אָפּפערן, איידער איך ווער געאָפּפערט," האט די שלאַנג געענטפערט. „פערשפּרעך מיר, אז דו וועסט ניט לאָזען קיין שטיין אויפ'ן לאַנד."

דער אַלטער האט פערשפּראָכען און דאַן געזאָגט צו דער שעהנער ליליע:

„ריהר אָן די שלאַנג מיט דער לינקער האנד און דיין געליעבטען מיט דער רעכטער."

ליליע האט ניעדערגעקניעט און בעריהרט די שלאַנג מיט דעם בר־מנן.

אין אויגענבליק האט דער בר־מנן אויסגעזעהען צו ווערען לעבעדיג; ער האט זיך בעוואויגען אין קאָרב; ער האט זיך אויך אויפגעהויבען און אויפגעזעטצט.

ליליע האט איהם געוואָלט אומארמען, אבער דער אַלטער האט זי צוריקגעהאַלטען. ער האט דאַן געהאָלפען דעם יונגען מאַן אויפשטעהען און איהם ארויסגעפיהרט פון קאָרב און פון קרייז.

דער יונגער מאַן איז געבליעבען שטעהען און דער קאַנאַריען־פויגעל האט געפלאַטערט אויף זיינע שולטערן; לעבען האט ווידער

צוריקגעקעהרט איןביידען, בלויז דער גייסט איז נאָך ניט געווען צו־ריקגעקעהרט; דער שעהנער פריינד האט געהאַלטען די אויגען אָפען און גאָר ניט געזעהען, וועניגסטענס האט עס אויסגעוויזען, אַז ער נעהמט קיין אנטהייל אין קיין זאַך.

אזוי גיך ווי די בעוואונדערונג, איבער דעם וואס איז געשעהען, איז פארביי, האט מען ערשט בעמערקט, ווי זאָנדערבאר די שלאַנג האט זיך פערענדערט. איהר שעהנער און שלאַנקער קערפּער איז צופאַלען געוואָרען אין טויזענדער און טויזענדער לייכטענדע עדעל־שטיינער; די אַלטע, וועלכע האט געוואָלט אָננעהמען די קאָרב, האט, אונפאָרזיכטיג, זיך אָנגעשטויסען אָן איהר, און מען האט שוין מעהר גאָר ניט געזעהען פון דעם, וואס די שלאַנג איז אַמאָל געווען, נאָר א שעהנער קרייז פון לייכטענדע עדעלשטיינער איז געלעגען אין גראָז.

דער אַלטער האט זיך באַלד גענומען אריינצולעגען די שטיינער אין קאָרב, צו וועלכען זיין פרוי האט איהם געהאָלפען.ביידע האבען צוגעטראָגען דעם קאָרב צום ברעג צו א הויכען פּלאַטץ, און כאָטש די שעהנע און זיין ווייב האבען זיך געוואָלט עפּעס אויסקלייבען פון דאָרט, האט ער, פון דעסטוועגען, אַלעס אריינגעשאָטען אין טייך.

ווי לייכטענדע און גלענצענדע שטערען אזוי זיינען געשוואומען די שטיינער אויף די כוואַליעס, און מען האט ניט געקענט אונטער־שיידען, אויב זיי האבען זיך פערלאָרען פון דער וייטענס אָדער פער־זונקען געוואָרען.

„מיינע הערען," האט דאַן דער אַלטער געזאגט צו די אירר־ליכטער, „יעצט וויז איך דעם וועג און עפען אויף דעם גאנג; אבער איהר וועט אונז טהון א גרויסע טובה, ווען איהר וועט פאר אונז עפענען דעם טויער פון דעם היילינגטהום, דורך וועלכען מיר מוזען יעצט אריינגעהען, ווען קיינער, אויסער אייך, קען איהם ניט אויפ־שליעסען."

די אירר־ליכטער האבען זיך אנשטענדיג פערנייגט און געבליע־בען הינטערשטעליג. דער אַלטער מיט'ן לאָמפּ איז געגאַנגען פאָר־אויס און איז אריין אין פעלזען, וואס האט זיך פאר איהם געעפענט. דער יונגער מאַן איז איהם, מעכאַניש, נאָכגעגאַנגען. שטיל און אונ־געוויס האט זיך ליליע, אין אַ געוויסער דערווייטערונג, געהאַלטען הינטער איהם. די אַלטע האט זעהר ניט געוואָלט צוריק בלייבען, און

דערפאר האט זי אויסגעשטרעקט איהר האנד, כדי דאס ליכט פון איהר מאן'ס לאמפּ זאל זי קענען בעלייכטען. די אירדליכטער זיינען געוועזן די לעצטע, וועהרענד זיי האבען צוזאמענגעלעגט די שפּיטצען פון זייערע פלאמען און אויסגעזעהען צו רעדען איינער צום צווייטען.

זיי זיינען ניט ווייטער געגאנגען, ווען זיי האבען זיך אלע אָב־געשטעלט נעבען א גרויסען קופּערנעם טויער, וועמעס פליגעל זיי־נען געווען פערשלאָסען מיט א גאָלדענעם שלאָס.

דער אלטער האט באלד צוגערופען די אירדליכטער, וועלכע האַ־בען זיך ניט לאנג געלאָזט בעטען, און מיט די שפּיטצען פון זייערע פלאמען האבען זיי אָנגעהויבען צו שמעלטצען שלאָס און ריעגעל.

הויך האט געקלונגען דאס קופּער, ווען די טויערן זיינען שנעל אויפגעשפּרונגען. דאן זיינען ערשיענען די בילדער פון די קעניגע אין היילינגטהום, וואס איז בעלייכטעט געוואָרען פון די אָנקומענדע ליכטער.

יעדער האט זיך גענייגט פאר די עהרווירדיגע געזיכטער. אי־בערהויפּט האבען די אירדליכטער ניט געזשאלעוועט אין בייגען זיך.

נאָך א פּויזע האט געפרעגט דער גאָלדענער קעניג:

„פון וואנען קומט איהר?"

„פון דער וועלט," האט געענטפערט דער אלטער.

„וואוהין געהט איהר?" האט געפרעגט דער זילבערנער קעניג.

„אין דער וועלט," האט געענטפערט דער אלטער.

„וואס ווילט איהר ביי אונז? האט געפרעגט דער קופּערנער קעניג.

„אייך בעגלייטען," האט געזאגט דער אלטער.

דער געמישטער קעניג האט נאָר וואס געוואָלט אָנהויבען צו רע־דען, ווען דער גאָלדענער האט זיך געווענדעט צו די אירדליכטער, וועלכע זיינען געשטאנען נעבען איהם.

„געהט נאָר אוועק פון מיר," האט ער געזאגט, „מיין גאָלד איז ניט פאר אייער גומען."

זיי זיינען דאן צוגעגאנגען צום זילבערנעם קעניג און זיך צוגע־טוליעט צו איהם; זיינע מלבושים האבען שעהן געגלאנצט פון זייער געלבליכען ווידערשיין.

„איהר זייט מיר ווילקאָמען," האט ער געזאגט, „אבער איך קען

אייך ניט ערנעהרען; זעטיגט אייך ערגיץ אַנדערש און ברענגט מיר אייער ליכט.״

זיי זיינען אַוועק און פאַרביי געגאַנגען נעבען קופּערנעם, וועל־כער האט גאָר ניט אויסגעזעהען זיי צו בעמערקען, ווען דאַן זיינען זיי צו צום צונויף געמישטען.

„ווער וועט בעהערשען די וועלט?״ האט ער געפרעגט שטאַמ־לענדיג.

„ווער עס שטעהט אויף זיינע פיס,״ האט געענטפערט דער אַלטער.

„דאס בין איך!״ האט אויסגערופען דער געמישטער קעניג.

„עס וועט זיך ארויסווייזען,״ האט דער אַלטער געזאגט, „ווייל די צייט איז געקומען.״

די שעהנע ליליע איז געפאַלען דעם אַלטען אויפ׳ן האַלז און איהם שטארק געקושט.

„הייליגער פאטער!״ האט זי געזאגט, „טויזענד מאָל דאַנק איך דיר, ווייל איך הער די שעהנע בשורה צום דריטען מאָל.״

קוים האט זי דאס ארויסגערעדט, האט זי זיך אָנגעהאַלטען נאָך שטאַרקער אָן אַלטען; ווייל דער באָדען, אונטער זיי, האט אָנגעהוי־בען זיך צו הוידלען; די אַלטע און דער יונגער מאַן האבען זיך אויך איינער דעם אַנדערן צוגעהאַלטען. נאָר די בעוועגליכע אירליכטער האבען זיך גאָר ניט געמערקט.

מען האט געקענט פיהלען גאַנץ דייטליך, אַז דער גאַנצער טעמ־פעל האט זיך בעוואויגען ווי אַ שיף, וועלכע האט זיך נאָר וואס דער־ווייטערט פון האפען נאָך דעם ווי זי האט אויפגעהויבען דעם אַנקער. די תהומות פון דער ערד האבען אויסגעזעהען זיך צו עפענען פאַר דעם טעמפּעל; אבער ער האט זיך אָן קיין זאַך ניט אָנגעשטויסען, קיין שטיין איז געווען אין זיין וועג.

אין עטליכע אויגענבליק ארום, האט אָנגעהויבען אריינצוקאַ־פּען אַ פיינער רעגען דורך דעם דאַך. דער אַלטער האט פעסטער גע־האַלטען די שעהנע ליליע, און צו איהר געזאגט:

„מיר זיינען אונטער׳ן טייך און באַלדביים ציעל.״

עס האט ניט לאַנג געדויערט און עס האט זיי אויסגעזעהען, אַז אַלעס איז שטיל געוואָרען; אבער זיי האבען זיך אָבגענאַרט, דער

טעמפעל האט געשוועבט ארויף. דאן איז געוואָרען א מערקווירדיגער רעש איבער זייערע קעפּ. ברעטער און באַלקען האבען אָנגעהויבען אריינצופליהען דורך דער עפנונג פון דאך.

ליליע און די אַלטע זיינען געשפּרונגען אויף א זייט, נאָר דער אַלטער האט געכאַפּט דעם יונגען מאַן און זיי זיינען געבליעבען שטעהען.

דאס קליינע שטיבעל פון דעם שיפער איז אריינגענומען געוואָרען אין טעמפּעל, וואס מיט דעם ארויפשטייגען, האט דער טעמפּעל דאס אריינגענומען. אָט דאס שטיבעל האט צוגעדעקט דעם אַלטען מיט'ן יונגען מאַן.

די ווייבער האבען אויסגעשריען, און דער טעמפּעל האט זיך געשאָקעלט ווי א שיף, וואס האט זיך אָנגעשטויסען אָן לאַנד. בע־זאָרגט האבען די פרויען געבלאָנדזשעט אין האלב־פינסטערניש ארום שטיבעל; די טהיר איז געווען פערשלאָסען, און קלאָפּענדיג אויף איהר, האט קיינער ניט געהערט. זיי האבען שטאַרקער געקלאַפּט און זיך געוואונדערט, וואס דאס האַלץ האט אָנגעהויבען צו קלינגען. דורך דער קראַפט פון דעם לאָמפּ, איז דאס שטיבעל, פון אינוועניג, געוואָרען זילבער. עס האט ניט לאַנג געדויערט און זאָגאָר די גע־שטאַלט האט זיך געענדערט; דאס פיינע מעטאַל האט פערלאָזען די פאָרמען פון די ברעטער, לייסטען און באַלקען, און זיך אויסגע־צויגען אין א הויז פון טהייערער ארבייט.

יעצט איז געשטאַנען א העררליכער קליינער טעמפּעל אין מיטען פון א גרויסען, אָדער, ווען מען וויל, א מזבח, וואס פּאַסט פאר אזא טעמפּעל.

דורך א טרעפּ, וואס איז ארוים פון אינוועניג, איז ארויף געקו־מען דער עדעלער יונגער מאַן; דער מאַן מיט'ן לאָמפּ האט איהם צו־געלויכטען, און עפּעס אַן אנדערער האט אויסגעזעהען איהם צו האַל־טען. דער איז געווען אין א ווייסען קורצען געוואַנט און געהאַלטען א זילבערנעם רודער אין דער האנד. מען האט אין איהם באַלד דער־קענט דעם שיפער, וואס האט אמאָל געוואוינט אין שטיבעל.

די שעהנע ליליע איז ארויף די אויסערע טרעפּען, וואס האבען, פון טעמפּעל, געפיהרט צום מזבח, אבער זי האט זיך נאָך אימער גע־מוזט ווייט האַלטען פון איהר געליעבטען. די אַלטע, ווייעדער, ווע־

מעם האנד איז קלענער געווארען בשעת דער לאמפּ איז געווען בע־האלטען, האט אויסגערופען:

„זאל איך דאך נאך אונגליקליך ווערען? איז ביי אזוי פיעלע וואונדער ניט מעגליך צו ראטעווען מיין האנד דורך א וואונדער?"

איהר מאן האט איהר אנגעוויעזען צום אפענעם טויער און גע־זאגט:

„זעה, עס ווערט טאג; שנעל, און באד דיך אין טייך!"

„וואס פאר אן עצה!" האט זי אויסגעשריען, „איך זאל הפנים אין גאנצען שווארץ ווערען און אין גאנצען פערשווינדען, איך האב דאך מיין חוב נאך ניט בעצאהלט!"

„געה!" האט געזאגט דער אלטער, „און פאלג מיר נאך; אלע חובות זיינען שוין בעצאהלט."

די אלטע איז געלאפען, און אין יענעם אויגענבליק איז שוין ערשיענען דאס ליכט פון דער אויפגעהענדער זונן אויפ׳ן שפּיטץ פון דעם טעמפּעל.

דער אלטער איז צוגעגאנגען צווישען דעם פּרינץ און ליליע און אויסגערופען מיט א הויכער שטימע:

„דריי זיינען דא וואס הערשען אויף דער ערד, די חכמה, דער שיין און די געוואלט!"

ביי דעם ערשטען ווארט איז אויפגעשטאנען דער גאלדענער קע־ניג, ביי דעם צווייטען דער זילבערנער, און ביי דעם דריטען האט זיך דער קופּערנער לאנגזאם אויפגעהויבען, ווערענד דער צונויפגעמיש־טער האט זיך פּלוצלינג משונה׳דיג אניידערגעזעטצט.

ווער עס האט איהם געזעהען, האט ניט געקענט, טראָטץ דעם ערנסטען אויגענבליק, זיך איינהאלטען פאר לאכען; ווייל ער איז ניט געזעסען, ניט געלעגען, ער האט זיך ניט אנגעלעהנט, נאר ער איז גע־ווען עפּעס פּאסקודנע צונויפגעווארפען.

די אירדליכטער, וואס האבען זיך ביז דאמאלס בעשעפטיגט ארום איהם, זיינען אוועק אויף א זייט: זיי האבען אויסגעזעהען, כאטש בלאס ביים מארגען־ליכט, דאך ווידער גוט־גענעהרט און פול מיט פלאמען; זיי האבען עפּעס אויף א קונציגען אופן ארויסגעצויגען די גאלדענע אדערן פון דעם גרויסען בילד און מיט זייערע שפּיטציגע צונגען דאס ארויסגעשלעפּט ביז העט אינוועניג. די אונרעגעלמעסיג

לעדיגע קארבען, וואס זיינען איבערגעבליעבען, זיינען געבליעבען א צייט אָפען, און די פיגור איז געבליעבען אין איהר פאַריגער גע־שטאַלט. צום סוף אבער, ווען אפילו די קלענסטע אָדערלעך זיינען אויפגעצעהרט געוואָרען, האט דאס גאַנצע בילד צוזאַמענגעבראָכען, און, ליידער, אויף יענע שטעלען, וואס בלייבען גאַנץ ווען דער מענש זעטצט זיך. דערפאר זיינען אבער געבליעבען שטייף די עלענבויגענס און קניעס, וואס האבען זיך בעדאַרפט בייגען. ווער עס האט ניט געקענט לאַכען, האט געמוזט אָבווענדען זיינע אויגען.

דער מאַן מיט'ן לאָמפּ האט דאַן געפיהרט דעם שעהנעם, אבער נאָך אימער אָהן־נשמה'דיגען יונגען מאַן ארונטער פון מזבח, און איהם צוגעפיהרט גראדע צום קופּערנעם קעניג. צו די פיס פון דעם מעכטיגען פירסט איז געלעגען א שווערט אין א קופּערנע שייד. דער יונגער מאַן האט זיך דאס אָנגעגורט.

„דאס שווערט לינקס, די רעכטע פריי!" האט אויסגערופען דער געוואַלטיגער קעניג.

דאַן זיינען זיי געגאַנגען צום זילבערנעם קעניג, וועלכער האט גענייגט זיין צעפּטער צום יונגען מאַן. ער האט עס אָנגענומען מיט דער לינקער האַנד און דער קעניג האט געזאגט מיט א גוטער שטימע:

„פּאַסע די שאָף!"

ווען זיי זיינען געקומען צום גאָלדענעם קעניג, האט ער, מיט א פאטער'ס בענשענדער בענעהמונג, ארויפגעלייגט דעם אייכענקראַנץ אויף דעם יונגען מאַן'ס קאָפּ און געזאגט:

„דערקען דאס העכסטע!"

דער אַלטער האט, וועהרענד דעם, גענוי בעטראַכט דעם יונגען מאַן.

נאָך דעם ווי ער האט אָנגעגורט דאס שווערט, האט זיך געהויבען זיין ברוסט, זיינע אָרעמס האבען זיך בעוואויגען, און זיינע פיס האבען פעסטער אויפגעטרעטען; ווען ער האט גענומען דעם צעפּטער אין דער האַנד, האט די קראַפט אויסגעזעהען זיך צו מילדערן און אַן אונערקלערטער רייץ האט אויסגעזעהען נאָך מעכטיגער צו ווערען. ווען דער אייכענקראַנץ האט איהם בעציערט, האבען זיינע געזיכטס־ציגע אויפגעלעבט, זיינע אויגען האבען געגלענצט פון א גרויסען רייץ און דאס ערשטע וואָרט פון זיין מויל איז געווען:

„ליליע!"

„ליעבע ליליע!" האט ער נאכהער געמורמעלט, ווען זי האט זיך צו איהם דערנעהנטערט, „וואס קען דער מאַן, אויסגעשטאַטעט מיט אַלעס, זיך בעסערעס ווינשען, ווי די אונשולד און די שטילע נייגונג, וואס מיין בוזים ברענגט מיר?"

דאַן, זיך ווענדענדיג צום אַלטען, האט ער געזאגט:

„אַך, מיין פריינד! הערליך און זיכער איז די מלוכה פון אונזערע עלטערן, אבער דו האָסט פערגעסען די פיערטע קראַפט, וואס האט נאָך פריהער, אַלגעמיינער און געוויסער בעהערשט די וועלט: די קראַפט פון ליעבע."

מיט דיעזע ווערטער איז ער געפאַלען דעם שעהנעם מיידעל אויפ'ן האַלז; זי האט אוועקגעוואָרפען דעם שלייער, און איהרע באַקען האבען זיך געפאַרבט מיט דער שעהנסטער, אונצושטערבאַרער רויטקייט.

דארויף האט דער אַלטער בעמערקט לאַכענדיג:

„די ליעבע הערשט ניט, אבער זי בילדעט, און דאס איז נאָך מעהר."

אונטער דיעזער יום־טוב'דיגקייט, גליק און איבערראַשונג, האט מען גאָר ניט בעמערקט, אז עס איז שוין גרויסער טאָג. פאַר דעם אָפענעם טויער האבען זיך בעוויעזען אונערוואַרטעטע זאַכען. מען האט געזעהען א גרויסען פאָרהויף מיט זיילען, און ביים ענדע איז געשטאַנען א פראַכטפאָלע בריק, וועלכע האט, מיט פיעלע בויגען, געגרייכט ביז צו יענער זייט טייך. פון ביידע זייטען האט די בריק געהאַט זייטען־גייענג פאַר די וואַנדערער. טויזענדער האבען זיך שוין אויף דאָרט געפונען, וואס זיינען געגאַנגען פלייסיג אַהין און צוריק. דער גרויסער וועג אין מיטען איז געווען בעלעבט מיט סטאַדעס און מוילטהיערען, רייטער און וואָגענס. אַלע האבען אויסגעזעהען זיך צו וואונדערן איבער דער בעקוועמליכקייט און פראַכט. דער קעניג און זיין כלה זיינען געווען אזוי ענטציקט איבער דער בעוועגונג פון לעבען פון דיעזען גרויסען פאָלק, פונקט ווי זייער ליעבע האט זיי גליקליך געמאַכט.

„געדענק צו עהרען די שלאַנג!" האט געזאגט דער מאַן מיט'ן לאָמפּ. „דו ביסט איהר שולדיג דאס לעבען, דיינע פעלקער זיינען

איהר שולדיג פאר דעם בריק, דורך וועלכען דיזע שכנה'שע ברעגעס זיינען פערוואנדעלט געוואָרען און די מדינות בעלעבט מיט פעלקער. יענע שווימענדע און לייכטענדע עדעלשטיינער, די רעשטען פון איהר אויפגעאָפפערטען קערפער, זיינען די פונדאמענטען פון דיזער בריק; אויף זיי האט זי זיך אליין אויסגעבויעט און וועט זיך אליין האלטען."

מען האט נאָר וואס געוואָלט פון איהם פערלאַנגען די אויפקלע־רונג פון דיזען וואונדערבארען געהיימניס, ווען פיער שעהנע מייד־לעך זיינען אריינגעקומען דורך'ן טויער.

אָן דער הארפע, זונענשירם און פעלד־שטוהל האט מען באלד דערקענט ליליע'ס בעגלייטערינס; אבער די פיערטע, שעהנער פון די דריי, איז געווען אָן אונבעקאנטע, וועלכע האט, ווי א שוועסטער, גע־איילט מיט די אנדערע איבער'ן טעמפעל און איז ארויף אויף די זיל־בערנע טרעפען.

„וועסטו מיר ווייטער מעהר גלויבען, ליעבעס ווייב?" האט גע־פרעגט דער מאן מיט'ן לאָמפ ביי דער שעהנער. „וואָהל דיר און יעדער בריאה, וואס האט זיך היינט פריה געבאָדען אין טייך!"

די יונג־געוואָרענע און שעהן־געוואָרענע אלטע האט, מיט בע־לעבטע יונגענדליכע אָרעמס ארומגעכאפט דעם מאן מיט'ן לאָמפ, וועל־כער האט פריינדליך אויפגענומען איהר ליעבע.

„ווען איך בין פאר דיר צו אלט," האט ער געזאגט לאכענדיג, „דאן זאָלסטו דיר היינט אויסקלייבען אן אנדערן מאן; פון היינט אָן איז קיין חתונה גילטיג, וואס ווערט געשלאָסען אויף דאס ניי."

„ווייסטו דען ניט," האט זי געזאגט, „אז אויך דו ביסט יונג געוואָרען!"

„עס פרייט מיך, וואס איך ערשיין פאר דיינע יונגע אויגען אלס א יונגער מענש. איך נעהם אָן דיין האנד אויף דאס ניי, און איך וועל גערן מיט דיר אָבפיהרען א וועלט פאר די נעכסטע טויזענד יאהר."

די קעניגין האט אויפגענומען איהר נייע פריינדין מיט פערגניע־גען און צוזאמען מיט די איבריגע חבר'טעס זיינען זיי ארונטער צום מזבח, ווערענד דער קעניג, שטעהענדיג צווישעןביידע מענער, האט געבליקט אויף דער בריק מיט דעם גערויש פון דעם פאָלק.

ניט לאנג האט אבער געדויערט זיין צופריעדענהייט; וויל ער

האט עפּעס געזעהען, וואס האט איהם באַלד פערדראָסען. דער גרויסער ריעז, וואס האט זיך נאָך ניט ערהאָלט פון מאָרגען שלאָף, האט זיך געקייקעלט איבער דער בריק און פעראורזאַכט אַ גרויסע מהומה. ער איז, ווי געוועהנליך, אויפגעשטאַנען פערשלאָפען און גערעכענט זיך צו באָדען אין טייך; אנשטאט דעם אבער איז ער געשטאַנען אויפ'ן לאַנד און געטאַפּט אויף דער בריק.

זיין ערשיינען צווישען מענשען און בהמות האט נאָר ארויסגערופען ערשטוינען. אבער קיינער האט עס ניט געפיהלט; ווען די זונן האט איהם אבער געשיינט אין די אויגען, און ער האט אויפגעהויבען די הענד אויסצואווישען די אויגען, זיינען זיינע פויסטען אזוי אריין צווישען דער מאַסע, אז מענשען און חיות זיינען צוזאַמענגעפאַלען, בעשעדיגט געוואָרען, און ענטלויפענדיג פון געפאהר, זיינען זיי אריין אין וואסער.

ווען דער קעניג האט דאס דערזעהען, האט ער אונווילענדיג אַ כאַפּ געטהאָן דאס שווערט, דאָך האט ער זיך דערמאָהנט און רוהיג געבליקט אויף זיין צעפּטער, דאַן האט ער בעטראַכט דעם לאָמפּ און דאס רודער פון זיינע חברים.

„איך פעררעטה דיינע געדאַנקען," האט געזאָגט דער מאַן מיט'ן לאָמפּ. „אבער מיר און אונזערע קרעפטען זיינען געגען דיעזען אָהנמעכטיגען אָהנמעכטיג. זיי רוהיג, ער שאַדעט נאָר צום לעצטען מאָל, און גליקליכערווייזע איז זיין שאָטען פון אונז אָבגעווענדעט."

דערווייל איז דער ריעז געקומען אַלץ נעהנטער, און פון פערוואנדערונג איבער דעם וואס ער האט געזעהען מיט אָפענע אויגען, האט ער ארונטערגעלאָזט די הענד, מעהר ניט געטהאָן קיין שאַדען, און אזוי מאַכענדיג, איז ער אריין אין פאָרהויף.

צוגעהענדיג צו דער טהיר פון טעמפּעל, איז ער אויסגעקומען אין מיטען הויף, וואו ער איז פּלוצלינג צוגעשמיעדט געוואָרען צום באָדען. ער איז געשטאַנען ווי אַ געוואַלטיגע און מעכטיגע בילד־זייל פון רויטליך־גלענצענדען שטיין. זיין שאָטען האט פון זיך ארויסגעוואָרפען פערכטיגע בילדער.

דער קעניג האט זיך שטארק געפרייט, וואס דער שאָטען פון דעם ריעז האט זיך פערוואַנדעלט אין אַ ניטצליכער זאַך. ניט ווענייגער פערוואונדערט איז געווען די קעניגין, וועלכע, אויסגעפּוצט אין

דער גרעסטער הערליכקייט, איז זי ארויס פון מזבח בעגלייט פון איהרע יונגפרויען. זי האט געבליקט צו דעם זעלטענעם בילד, וואס האט צוגעדעקט כמעט דעם גאַנצען וועג, פון טעמפעל ביז צו דעם בריק.

דערוויל האט דאס פאָלק זיך געדרענגט נאָך'ן ריעז, און אזוי ווי ער איז געשטאַנען שטיל, האבען זיי איהם ארומגערינגעלט און בעוואונדערט. פון דאָרט איז די מאַסע אוועק צום טעמפעל, וועלכען זיי האבען צום ערשטען מאָל דערזעהען.

אין דיעזען אויגענבליק איז געפלויגען דער רויב־פויגעל מיט'ן שפיעגעל איבער'ן טעמפעל, אויפגעכאַפּט דאס ליכט פון דער זונן און דאס געוואָרפען איבער'ן מזבח אויף די פערזאַמעלטע.

דער קעניג, די קעניגין און זייערע בעגלייטער זיינען ערשיענען אין האַלב־טונקלען געוועלב פון טעמפעל בעלייכטעט פון א הימלישען גלאַנץ, און דאס פאָלק איז געפאַלען אויפ'ן פנים.

ווען די מאַסע האט זיך ווידער ערהאָלט און איז אויפגעשטאַנען, איז דער קעניג מיט די איבריגע ארונטער אין דעם מזבח, אום, דורך פערבאָרגענע וועגען צו געהען אין זיין פּאַלאַץ. דאָ האט דאס פאָלק זיך צעשפּרייט איבער'ן טעמפעל, אום צו בעפריעדיגען זיין נייגיעריגקייט. עס האט בעטראַכט די דריי קעניגע מיט שטוינען און מיט עהרפורכט; אבער עס איז געווען אלץ נייגיעריגער צו וויסען, וואס עס געפינט זיך אונטער דעם טעפּיך אין פיערטען ווינקעל. יעמאַנד האט ארויפגעוואָרפען א פּרעכטיגע דעק אויף דעם צוזאַמענגעזונקענעם קעניג, וואוהין קיין אויג האט בעדאַרפט דורכדרינגען און קיין האַנד האט בעדאַרפט אויפהויבען.

דאס פאָלק האט זיך גאָר ניט געקענט זאַט אָנקוקען, און די צודרינגענדע מאַסע וואָלט זיך אין טעמפעל אליין צודריקט, ווען די אויפמערקזאַמקייט וואָלט ניט צוגעצויגען געוואָרען צו א גרויסען פּלאַטץ.

ניט ערוואַרטעט זיינען געפאַלען גאָלד־שטיקלעך, ווי פון דער לופט, און זיי זיינען געפאַלען אויף די מאַרמאָרענע פּלאַטען; דער נאָהענטער עולם האט זיך דארויף געוואָרפען, אום זיי צו כאַפּען; דאָ און דאָרט האט זיך דאס וואונדער ווידערהאָלט.

מען מעג זיך פאַרשטעלען, אז די אוועקגעהענדע אירדישטער האבען זיך נאָך אמאָל לוסטיג געמאַכט און דאס גאָלד, וואס זיי האָבען איינגעזויגען פון די גליעדער פון צוזאַמענגעזונקענעם קעניג, האָבען זיי אזוי ארויסגעשליידערט.

מיט חשק איז דאס פאָלק געלאָפען א לאַנגע צייט אַהין און צוריק, זיך געשטופט און זיך געריסען נאָך די גאָלד־שטיקלעך. ענדליך איז מען זיך צוגאַנגען, אַוועק אויף דער גאַס, און עד־היום הזה שווימעלט עס אויף דעם בריק פון וואַנדערער און דער טעמפעל איז דער בעזוכטעסטער אויף דער גאַנצער ערד.

א פאלשטענדיגע פראכט אויסגאבע

פון אלע ווערקע פון

מענדעלע מוכר ספרים

(ש. י. אבראמאוויטש)

אין צוויי דיקע פראכטפאלע בענדער

מיט גאלד־סטעמפינג אויף די רוקענס, און מיט דעם בילד פון מענדעלע גראווירט אין גאלד אויפ׳ן רעכטע טאוועל פון יעדען בוך.

ענטהאלטען פאלגענדע ווערקע:

1 דאס קליינע מענשעלע.
2 פישקע דער קרומער.
3 די טאקסע.
4 די קליאטשע.
5 דער פריזיוו.
6 יודעל.
7 א רייזע בעשרייבונג פון בנימין דעם דריטען.
8 דאס ווינשפינגעריל.
9 די אלטע מעשה.
10 שלמה ר׳ חיים׳ס.
11 איבער א שטאדט אין מזרח.
12 די ענטדעקונג פון וואהלין.
13 די גרויע האאר.
14 ספר הגלגולים.
15 ספר הבהמות.
16 אויף אסיפות.
17 א פריהמארגען אין גלופסק.
18 איידעל.
19 ישראליק דער משוגענער.

דיעזע רייכע אויסגאבע, וועלכע איז אן אוצר פון ליטעראטור און ספעציאל פון אידישע ליטעראטור דארף זיך געפינען אין יעדער אידישער הויז און יעדער איינער דארף עס לעזען און זיך בעקענען מיט׳ן זיידען ר׳ מענדעלעס וואונדערשעהנע מעשיות איבער דעם לעבען און ליידען פון אונזער פאלק ישראל.

רעגולאר פרייז $3.00 ; פרעמיום פרייז $1.00

(פארטא 50ס. עקסטרא).

Hebrew Publishing Co., 83-85 Canal St., New York.

גראַף לעאָ טאָלסטאָי׳ס

געוועהלטע ווערקע

אַ זאַמלונג פון די בעסטע און וויכטיגסטע ווערק, וועלכע גראַף טאָלסטאָי האָט געשאַפען.

גראַף טאָלסטאָי איז געווען דער גרעסטער רוסישער שרייבער און זיינע ווערק זיינען איבערזעצט געוואָרען אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכען און זיינען איבעראַל פערקויפט געוואָרען אין די מיליאָנען, עס איז כמעט ניטאָ איין ציוויליזירטער מענש וואָס זאָל ניט האָבען געלעזען טאָלסטאָי׳ס ווערק.

טאָלסטאָי׳ס גרויסקייט ליעגט אין דעם וואָס ער גיט איבער זיינע הויכע אידעאַלען און פילאָזאָפישע געדאַנקען אין אינטערעסאַנטע און שפּאַנענדע ראָמאַנען, און אַז מען לעזט זיינעם אַ ראָמאַן איז אויסער וואָס מען איז זעהר שטאַרק פעראינטערעסירט אין די ערצעהלונג, לערנט מען אויך דערביי פיעלעס וועגען געוויסע פראַגען אין לעבען.

טאָלסטאָי׳ס געוועהלטע ווערק קומט אין צוויי גרויסע און דיקע בענדער

דער ערשטער באַנד האַלט 752 זייטען און ענטהאַלט די פאָלגענדע ווערק:

1) טאָלסטאָי׳ס ביאָגראַפיע;
2) די קרייצער סאָנאַטאַ;
3) איך און מיין מאַן;
4) מיין פריינד׳ס פרוי;
5) איוואַן איליטש׳עס טויט;
6) צוויי דורות;
7) פּאָליקושקאַ;
8) אַננאַ קאַרעניגאַ.

דער צווייטער באַנד האַלט 768 זייטען און ענטהאַלט דיזע ווערק:

1) דער נסיון;
2) די פערפיהרונג;
3) איוואַן דער נאַרר;
4) מיין ווידוי;
5) קירעג און פריעדען.

טאָלסטאָי׳ס געוועהלטע ווערק, זיינען געדרוקט אויף טהייערען פּאַפּיער און פּראַכטפאָל געבונדען.

אַ פּראַכט אויסגאַבען פון „טאָלסטאָי׳ס געוועהלטע ווערק” אין אידיש איז אַ ציערונג צו האָבען אין הויז.

פערלירט ניט די געלעגענהייט און שאַפט זיך איין טאָלסטאָי׳ס ווערק אין אייער הויז.

רעגולאַר פּרייז $3.00 ; פּרעמיום פּרייז $1.00

(פּאָרטאָ 50ס. עקסטראַ).

Hebrew Publishing Co., 83-85 Canal St., New York.

צווייטע

מאָנאַטליכע פרעמיום

פון די היברו פאבלישינג קאָ., 83-85 קאנאל סט., ניו יאָרק

גאַבריעלאַ ד'אַנונציאָ'ס

ערצעהלונגען

איבערזעצט אין אידיש פון מ. זילבערמאַן.

גאַבריעלאַ ד'אַנונציאַ איז דער גרעסטער רעאַליסטישער שריובער פון איטאַליען און זיינע ווערק זיינען איבערזעצט געוואָרען אין אַלע אייראָ־פּעאישע שפּראַכען, אין איניגע לענדער זיינען מאַנכע פון זיינע ווערק פערבאָטען געוואָרען צו דרוקען, ווייל זיי זיינען זעהר רעאַליסטיש גע־שריעבען.

„גאַבריעלאַ ד'אַנונציאַ'ס ערצעהלונגען", וועלכע מיר האָבען יעצט ארויסגעגעבען ענטהאַלט די פאָלגענדע צעהן ערצעהלונגען, וועלכע זיינען די בעסטע וואָס ער האָט געשאַפען, נעמליך:

1 די אלמנה.	6 אַן אידיליא.
2 אונטער'ן רעגען.	7 ארסאָלאַ.
3 סינאָר פעפּאָ.	8 דער איבערשיפער.
4 טאָטאָ.	9 מונזשיא.
5 עפּיסקאָפּאַ.	10 אננאַ'ס לעבען.

דאָס בוך איז שעהן געדרוקט און פראַכטפאָל געבונדען.

רעגולאַר פּרייז 50 סענט; פּרעמיום פּרייז 25 סענט.

(פּאָרטאָ 7ס. עקסטרא).

היסטאָריע און ביאָגראַפיע

ווייסט איהר דעם חילוק צווישען היסטאָריע און ביאָגראַפיע? איהר מעגט עס הערען צום ערשטען מאָל אין צוויי שורות:

„היסטאָריע איז די ביאָגראַפיע פון א גאַנצען נאַציאָן; ביאָגראַפיע איז די היסטאָריע פון איין מענשען".

היסטאָריע איז די לעבענ'ס בעשרייבונג פון א פאָלק, און וועלכע פאָלק'ס געשיכטע אויף דער וועלט קען זיך מעסטען מיט דעם אידען'ס רייכסטע היס־טאָריע דער וועלט וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט דעם אָנפאַנג פון דער וועלטס היסטאָריע? וועמעס געשיכטע איז נאָך מעהר אינטערעסאַנט פאַר די געשיכטע פון אידישען פאָלק, אין וועלכע עס געפינען זיך באַלזאַמירט די פּרעכטיגע גייסטיגע געדאַנקען פון ישראל'ס אונשטערבליכע אָדלערס, וועל־כע האָבען געלייגט דעם פונדאַמענט פון ציוויליזאַציאָן פיר אַלע צייטען און אַלע דורות?

אָבער אונזער פאָלשטענדיגע אידישע היסטאָריע האָט ביז די לעצטע צייט ניט געקענט גרייכען די גרויסע מאַסע פון אידישען פאָלק, און דער אי־דישער דיינקער האָט געפרעגט מיט א זיפץ: פאַרוואָס??? וואָרום זאָל דער איד ניט זיין בעקאַנט מיט די וואונדערבאַרע היסטאָריע פון זיין פאָלק ווען ער איז געזעסען אויפ'ן טהראָן און אין גלות, אין פרייהייט און אין קייטען? וואָרום זאָל דער איד ניט בעסער בעקאַנט זיין מיט זיין פּרעכטיגע היסטאָריע וואָס איז ערהאַבען ווי דעם אידען'ס ביבעל און ריין ווי דער טרעהר פון א יתום? יא, וואָרום??? אָבער יעדער „וואָרום" האָט א „דאָרום" און דער טרויעריגער „דאָרום" איז געווען ירמיה'ס אַלטער זיפץ: „נחלתנו נהפכה לזרים", דאָס הייסט, אז אונזער פאָלשטענדיגע אידישע געשיכטע איז ביז יעצט געווען פערקליידעט אין פרעמדע מלבושים, אין ניט אידישע שפּראַכען וואָס זיינען בעקאַנט בלויז צו געצעהלטע אידען. נו, איז עפּעס א וואונדער וואָס די איינציגע פאָלשטענדיגע אידישע געשיכטע וואָס מיר האָבען פון פּראָפעסאָר גרעטץ, דער פּרינץ פון אַלע היסטאָריקער, האָט ביז יעצט ניט גע־קענט גרייכען צו דער מאַסע אידען אין זייער מאַמע־לשון? זאָגאַר ווען מען האָט דיעזען היסטאָרישען מאָנומענט איבערזעצט אין אידיש — אין רוס־לאַנד — איז זי ערשטענס ניט געווען פאָלקסמען, און צווייטענס איז דער פּרייז געווען אַזוי הויך, אז דער אידישער לעזער האָט איינפאַך זיך דער־

שראָקען — און אזוי איז דער איד געבליבען א „גרינער" צו זיין רייכע היס־טאָריע.

אום אָבשאַפען דיזען „דאָרום" וואָס האָט פערפרעמדעט דעם אידען פון זיין היסטאָריע און ניט געבען איהם די מעגליכקייט, אז די „אידישע געשיכטע" זאָל ליגען ביי איהם אויפ'ן טיש, האָבען מיר בעשלאָסען ארויס־צוגעבען

די אידישע געשיכטע

פון פראָפ. גרעטץ

אין א נייע אויסגעבעסערטע פאָלשטענדיגע אויסגאַבע מיט נייע ערקלעהרונ־גען וועגען פערשיעדענע פעריאָדען פון אַלטערטהום ביז היינטיגע צייט לויט דעם אָריגינאַל טעקסט פון גרעטץ, מיט א העכסט אינטערעסאַנטע פאָררעדע

פון א. טאַנענבוים

און מיר פערקויפען עס צום אידישען פובליקום פיר א קליינעם פרייז פון

בלויז $1.25 (רעגולער פרייז 4 דאָל.)

אלס פרעמיום

צו אונזער צעהן־יעהריגען יובילעאום.

האָט אָבער אין זינען, אז דיזע געוואַלטיגע מציאה וועט ניט אָנהאַלטען אויף לאַנג, און איהר דאַרפט ניט פערשפעטיגען צו האָבען די אַקאַדעמיע אין הויז.

היברו פאַבלישינג קאַמפּאַני

83־85 קאַנאַל סטריט, ניו יאָרק.

אינהאַלט פערצייכנים פון „גרעטץ'ס אידישע געשיכטע" 1טער באַנד.

גאָר די אַלטע צייט.

1 דאָס בעזועצען זיך און ווערען א פאָלק.
2 אָנהויב פון מלכים, שמואל און שאול.
3 שלמה המלך
4 דאָס צופאַלעניש פון דער אידישער מלוכה.
5 די לעצטע מלכי ישראל און די מפלה פון שומרון.
6 דאָס רעשטיל אידען.
7 די לעצטע מלכי יהודה.

דער גלות בבל און דער בית־שני.

1 דער גלות בבל.
2 דאָס אהיים קומען און דאָס נייע ירושלים.
3 די סופרים (אַנשי כנסת הגדולה).
4 די אידען אונטער די מלוכה פון מוקדון.
5 דאָס העלעניזירען מיט געוואלד אין דער צייט פון אַנטיאָכוס
6 די מכבים (מאַקאַבעער).

די צייט פון חשמונאים.

1 די נשיאים, שמעון און יוחנן הורקנוס.
2 יונתן און שמעון, די ערשטע כהנים פון די חשמונאים.
3 אריסתובול דער ערשטער, ינאי, אלכסנדר און סלמה אלכסנדרא.
4 די לעצטע מלכים פון די חשמונאים.

די צייט פון הורדוס משפחה.

1 הורדוס דער ערשטער.
2 ארכעליום און די ערשטע רוימישע מנהיגים (פּראָקוראַטאָרען)
3 דאָס פערשפּרייט ווערען פון די אידען אויף דער וועלט.
4 אַגריפּאַ דער צווייטער.
5 די מלחמה אין גליל געגען די רוימער.
6 חורבן ירושלים.

אינהאלט פערצייכנים פון „גרעטץ'ס אידישע געשיכטע" 2טער באַנד.

די איבערגאַנגס־צייט.

1 די נאַכוועהענישען פון דער מלחמה.
2 די אידען אין דער צייט פון ראמיטיאן, גערוואַ און טראַיאַן.
3 די בלוטיגע מלחמה אין דער צייט פון האדריאן.
4 די נשיאים שמעון בן גמליאל דער צווייטער, יהודה דער ערשטער, גמליאל דער דריטער און יהודה דער צווייטער.
5 דאָס אידישקייט אין בבל און פערסיען.
6 דאָס אידישקייט אין דער צייט פון דיאָלעקטיאַן און די ערשטע קריסטליכע מלכים.
7 אוים נשיאים און דער סיום פונ'ם תלמוד.
8 די אידען אין די אייראָפּעאישע לענדער.
9 די אידען אין אַראַביען און מחמד.

די צייט פון די גאונים.

1 די אידען אונטער די מאַחמעדאַנער.
2 די קראַימס און נייע כתות.
3 רב סעדיה גאון און זיין צייט.

די יודיש־שפּאַנישע צייט.

1 די צייט פון אבן שפרוט.
2 די צייט פון אבן נגרילה, אלפסי און רש"י.
3 דער ערשטער קרייץ־צוג און די ערשטע בלוט־בעשולדיגונג געגען די אידען.
4 די צייט פאַר דעם רמב"ם.
5 דער רמב"ם.
6 די גרויסע מחלוקות און דער שענדליכער צייכען אויף די קליידער.
7 די וכוחים און דאָס פערברענען פונ'ם תלמוד.
8 דאָס שטאַרקע פרומקייט און די קבלה.
9 דער שוואַרצער טוידט און די אידישע הריגות.

אינהאלט פערצייכנים פון „גרעטץ'ס אידישע געשיכטע" 3טער באנד.

די צייט פון די אנוסים.

1 די מאראנען.
2 א קליינע הילפע אין דער נויטה.
3 נאך גרעסערע רדיפות געגען די אידען און מאראנען.
4 די אינקוויזיציאן אין שפאניען.
5 דאס פערטרייבען די אידען פון שפאניען און פארטוגאל.
6 דאס וויטערע נע־ונד זיין פון אידען און מאראנען.

די צייט פון דער רעפארמאציאן.

1 די מענשענפריינדע און די רעפארמאציאן.
2 די מאראנען און פאלשע האפנונגען אויף משיח'ס צייטען.
3 די מאראנען און די פעפסטע.
4 די אידען אין טערקיי און דון יוסף הנשיא.
5 די לאגע פון די אידען אין פוילען און איטאליען.
6 מאראנישע קהלות אין אמסטערדאם, האמבורג און באָרדאָ.
7 די דרייסיג־יעהריגע קריעג אין חמעלניצקי'ס צייטען.
8 די אידען אין ענגלאנד.
9 ברוך שפינאזא און שבתי צבי.
10 אידישע בעשיצער און שונאים צווישען קריסטליכע געלע־רענטע.
11 דער קורפירסט פריעדריך ווילהעלם פון דייטשלאנד.
12 דער גראס אינקוויזיטאר דיעגא דע סארמענטא.
13 משה גערמאנוס. יצחק ביבא. יצחק קארדוזה.
14 פירסט כריסטיאן אויגוסט פאן פפלאנץ־זולצבאך.
15 פראפעסאר יעקב טריגלאנד.
16 קעניג פריעדריך דער ערשטער.

אינהאַלט פערצייכניס פון „גרעטץ'ס אידישע געשיכטע" 4טער באַנד

די נייע צייט.

1 ר' ישראל בעל שם טוב (בעש"ט) און זיין דרך.
2 ר' משה מענדעלסאָן און זיין צייט.
3 די ישועה פון פראַנקרייך.
4 די נייע סנהדרין.
5 די רעפאָרם און די אידישע וויסענשאַפט.
6 ר' משה מאָנטעפיאָרע און עלילת הדם אין דמשק.
7 ר' יצחק בער לעווענזאָן און זיין צייט.
8 די ערשטע אידישע שוהלען אין רוסלאַנד.
9 דאס גרינדען אידישע קאָלאָניען אין רוסלאַנד.
10 קאַווקאַזער אידען.
11 קרימער אידען, אדער קרימטשאַקעס.
12 נייע אידישע שונאים אדער דער אַנטיסעמיטיזמוס.
13 בילדונג אין רוסלאַנד.
14 מאָזעס מאָנטעפיאָרע אין רוסלאַנד.
15 די ראַבינער־שוהלען אין ווילנאַ און זשיטאָמיר.
16 די רעגיערונג פון קייזער אַלעקסאַנדער דעם 2טען.
17 אידען אין עסטרייך־אונגאַרן.
18 אידען אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך.
19 אידען אין איטאַליען און אין רומעניען.
20 טהעאָדאָר הערצל און דער פּאָליטישער ציוניזם.
21 אידען אין אַמעריקאַ.
22 אידען אין אויסטראַליען.
23 אידען אין זיד־אפריקאַ.
24 אהרן און דניאל דע־פאַס.
25 נתנאל אייזיקס.
26 די ערשטע אידישע געמיינדע אין קייפּטאַון.
27 די אידישע געמיינדע אין פּרעטאָריאַ.